CXXV


יוביליי-אויסגאבע
1814
1939

КАБІНЕТ ПО ВИВЧЕННЮ
ЄВРЕЙСЬКОЇ РАДЯНСЬКОЇ ЛІТЕРАТУРИ, МОВИ ТА ФОЛЬКЛОРУ
АКАДЕМІЇ НАУК УРСР

# ТАРАС ШЕВЧЕНКО

# ВИБРАНІ ТВОРИ

ПЕРЕКЛАВ Д. ГОФШТЕЙН

ДЕРЖАВНЕ ВИДАВНИЦТВО
НАЦІОНАЛЬНИХ МЕНШОСТЕЙ УРСР
Київ — 1939

קאבינעט פאר דערלערנען
די יידישע סאָוועטישע ליטעראטור, שפראך און פאָלקלאָר
פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע אוססר

# טאראס שעווטשענקאָ

## געקליבענע ווערק

יידיש — ד. האָפשטיין

★

מעלוכע־פארלאג
פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטן אין אוססר
קיעוו — 1939

# טאראס גריגאָראָוויטש שעווטשענקאָ

„די געשיכטע פונ מײַנ לעבנ איז א טייל פונ דער געשיכטע פונ מײַנ פאָטערלאנד“.

ט. שעווטשענקאָ

## I

דער גרויסער אוקראַיִנישער פאָלקס־דיכטער אונ קינסטלער טאראס גריגאָראָוויטש שעווטשענקאָ איז געבוירנ געוואָרנ דעמ 9 מארט (דעמ 25 פעווראל אלטנ סטיל) 1814 יאָר אינ א פאמיליע פונ א לײַבאייגענעמ אינ דאָרפ מאָרינצי (געוועזענער זוועניגאָראָדקער אויעזד). אינ דער זעלבער געגנט, אינ שכייניש דאָרפ קירילאָווקע, זײַנענ אדורכ די קינדער־יאָרנ פונעמ קינפטיקנ קינסטלער. די קינדהײַט זײַנע איז געווענ באהויכט מיטנ פרישנ אָטעמ פונ די העלדישע געשעענישנ פונ דעמ באפרײַונגס־קאמפ, וואָס דאָס פארקנעכטעטע פאָלק האָט געפירט קעגנ דער פוילישער שליאכטע, קעגנ די פריצימ. די שטעט אונ די דערפער פונ דער דאָרעמדיקער קיִעווטשינע, דער היימישער קאנט פונעמ פאָעט, איז געווענ דער צענטער, ווו ס'האָט געבושעוועט די פויערישע אופשטאנד־באוועגונג פונעמ 1768 יאָר, וועלכע שעווטשענקאָ האָט שפעטער געניאל באזונגענ אינ זײַנ העראָישער פאָעמע „Гайдамаки“.

אינ די פאָלקס־לעגענדעס, אינ די לידער האָט געלעבט דער רומ פונ דעמ באפרײַונגס־קאמפ פונ פאָלק. וועגנ דעמ האָבנ געזונגענ די בלינדע קאָבזארנ, די איידעס פונ דער הײַדאמאטשינע, באזונדערס דער זיידע פונ טאראסנ — איוואנ, פונ וועמענ דער קינפטיקער דיכטער האָט געהערט אסאכ אינטערעסאנטע אונ רירנדיקע זיכרוינעס.

די שווידערלעכע ווירקלעכקײַט פונעמ לײַבאייגנטימערישנ לעבנ, דער ווילקיר פונ די פריצימ, די מאטערנישנ פונ דעמ רעכטלאָזנ פאָלק האָבנ איינצײַטיק געוועקט אינ הארצנ פונ יונגנ טאראס סינע צו די אונטערדריקער אונ ראָמאנטישע ליבע צו די לעגענדארע העלדנ פונ די פאָלקס־אופשטאנדנ. אזוי זײַנענ געבוירנ געוואָרנ די ערשטע אידייענ, די ערשטע שאפונג־טעמעס, אונ ס'האָט זיכ אָנגעמערקט דער ווײַטערדיקער לעבנס־וועג פונעמ קינפטיקנ פאָלקס־זינגער.

שוינ אינ די ערשטע יאָרנ פונ זײַנ לעבנ האָט טאראס דערקענט „קנעכטשאפט, ארבעט שווערע“ אונ דעמ גאנצנ טראגיזמ פונ לעבנ אינ א פאמיליע פונ לײַבאייגענע.

אָט וויאזוי שעווטשענקאָ האָט דערנאָכ געשריבנ וועגנ דעמ גורל פונ זייַנ פאמיליע: „די גרויסע נויט, דער שווערער אָל האָט יונגערהייט פונ וועלט פארטריבנ מייַנ גוטע מאמעניו, מייַנ ליבע”; דעמ פאָטערס „גורל איז אויכ געווענ ניט לינדער... אונ אומצייַטיק דער טויט...”; „די ברידערלעכ צומ פאנ אינ סטעפ, מ'האָט זיי דערנאָכ פארגאָלט די קעפ”; אונ שוועסטער: „וויי צו אייַכ, ווי שווער ס'האָט אייַכ דער יאָכ פארקלעמט — בא יענעמ דינענ אינ דער פרעמד...”; אונ ער אליינ „האָט זיכ איינזאמ געשלעפט הינטער פלויטנ”.

אז ער איז אלט געווענ דאָס נייַנטע יאָר, האָט ער פארלוירנ זייַנ מוטער, אונ ווענ ער איז אלט געווענ דאָס צוועלפטע יאָר, — דעמ פאָטער. די קינדערלעכ זייַנענ זיכ „ווי מייַזעלעכ צעקראָכנ”, אונ דער קליינער טאראס האָט זיכ געמאטערט בא יענעמ.

זייַענדיק באגאבט אונ וויסנגיריק, האָט ער געשטרעבט זיכ לערנענ, ער האָט ליב געהאט ביכער אונ בילדער.

א צעניאָריק יינגל איז ער „אפ לערע צומ דיאק צומ שיקערנ אָנגעקומענ”.

דאָס וויסטע לעבנ באמ דיאק האָט געלאָזט א טיפנ שפור אינ באוווסטזייַנ פונעמ יינגל. אָט דער ערשטער דעספאָט, אפ וועלכנ ער האָט זיכ אָנגעשטויסנ אינ זייַנ לעבנ, האָט פארפלאנצט אינ אימ אפ אלע יאָרנ א טיפנ עקל אונ א פאראכטונג צו אונטערדריקונג פונ איינ מענטשנ דורכנ צווייטנ.

שעווטשענקאָ קאָנ ניט אויסהאלטנ די שווערע מאטערנישנ אונ לויפט איבער פונ איינ פאנ צומ צווייטנ, כאָטש ער געפינט אינערגעצ ניט קיינ מענטשלעכע באציִונג. אָט איז ער א וואסערטרעגער באמ דיאק, אָט איז ער אנ אָנטרייַבער באמ קירילאָווקער גאלעכ, אָט א פאסטעכ פונ דער דאָרפישער טשערעדע. ענדלעכ קומט ער אָנ אינ פריצישנ הויפ צו ענגעלגארדטנ, ווו ער ווערט א שטוב־„קאָזאטשאָק”.

אָט וואָס שעווטשענקאָ האָט געשריבנ אינ זייַנ אווטאָביִאָגראפיע וועגנ דעמ פעריִאָד (די אווטאָביִאָגראפיע איז געשריבנ אינ דער דריטער פערזאָנ):

„דער גוטבאזיצער פאוועל וואסיליעוויטש ענגעלגארדט, וואָס האָט נאָרוואָס געיארשנט דאָס פארמעגנ פונ זייַנ שטיפפאָטער, האָט באדארפט האָבנ א יינגל, אונ דער אָפגעריסענער שילער דער וואָגלער איז גלייַכ אריינ אינ א טיקענער קורטקע, אינ טיקענע שאראָווארעס, אונ צומ סאָפ איז ער געוואָרנ א צימער־קאָזאטשאָק. אינ דעמ אמט פונ א קאָזאטשאָק האָט ער אינדערשטיל אראָפגעמאָלט מיט א בלייַשטיפטל, וואָס ער האָט ארויסגעגאנוועט באמ קאָנטאָרשטשיק, די בילדער פונ סוזדאלער שול, וועלכע האָבנ באפוצט די פריצישע צימערנ. ארומוואנדערנדיק מיטנ אָבאָז נאָכ זייַנ ד י ד י ט ש קיינ קיִעוו, קיינ ווילנע, קיינ פעטערבורג, האָט ער אינ די אייַנפאָרנ געגאנוועט די געמעלנ פונ פארשיידענע היסטאָרישע העלדנ, ווי סאָלאָווייראזבויניק, קולניעוו, קוטוזאָוו, קאָזאק פלאטאָוו אונ אנדערע, מיט א מיינ זיי פינקטלעכ אראָפקאָפירנ, ווענ ער וועט האָבנ פרייַע צייַט”.

אנ אייַנגעשפארטער, א שטאָלצער, האָט דאָס יינגל דער קריפאק ניט געקאָנט שאָלעמ מאכנ מיט דער ראָליע פונ א פריצישנ קנעכט. ער האָט אויסגענוצט די מינדסטע געלעגנהייַט צו פארנעמענ זיכ מיט מאָלערייַ, וואָס איז אימ געווענ אזוי צומ



די כאטע פון גריגאָרי איוואנאָוויטש שעווטשענקאָ, דעם דיכטערס פאָטער

(לויט שעווטשענקאָס געמעל)

הארצנ. דאָס איז אים ניט גרינג אָנגעקומענ. שעווטשענקאָ דערציילט אינ דער זעל־בער אווטאָביאָגראַפישער נאָטיץ וועגנ אזא פאַל:

„איינמאָל איז דער פאַנ מיט דער פאַני אוועקגעפאָרנ אפּ א באַל אינ די רעסורסנ. אינ שטוב האָט זיכ אלצ בארויקט, אלע זײַנענ אנשלאָפנ געוואָרנ. דעמלט האָט דער קאָזאטשאָק צעוויקלט די געגאַנוועטע אויצרעס, האָט אויסגעקליבנ דעמ קאָזאק פּלאַטאָוו אונ האָט אָנגעהויבנ אראָפּקאָפּירנ אימ פּינקטלעכ אונ מיט ערפורכט. ער האָט שוינ געהאלטנ בא די קליינע קאָזאקעלעכ, וואָס טאנצנ דײַטנדיק ארומ די געזונטע טלאָענ פונעמ קאָזאק פּלאטאָווס פערד, ווענ די טיר האָט זיכ צעעפנט, דער פאַנ אונ די פאַני האָבנ זיכ אומגעקערט פונ באַל.

דער פאַנ האָט מיט אכזאָריעס אימ אָנגעריסנ די אויערנ, האָט אימ דערלאנגט פּעטש קלוימערשט דערפאַר, ווײַל ער האָט געקאָנט פארברענענ ניט בלויז דאָס הויז, נאָר די גאנצע שטאָט. אפּנ צווייטנ טאָג האָט דער פאַנ געהייסנ דעמ קוטשער סידאָרקע, ער זאָל אימ גוט אָנשמײַסנ, אונ דער באַפעל איז מיט פלײַס אויסגעפילט געוואָרנ”.

דאָס איזדעקוועענ זיכ פונעמ פּאָרעצ האָט נאָכ מער געשטארקט באַמ קינפטיקנ דיכטער די סינע אונ דעמ צאָרנ צו דער וועלט פונ קנעכטשאפט אונ פונ שקלאפערײַ.

## II

פונ אָנהייב 1831 יאָר איז דער פּאָרעצ ענגעלגארדט, אונ מיט אימ זײַנ „קאָזא־טשאָק” שעווטשענקאָ, אריבערגעפאָרנ פונ ווילנע קיינ פּעטערבורג.

אינ 1832 יאָר, אז שעווטשענקאָ איז אלט געוואָרנ 18 יאָר, האָט ענגעלגארדט, וואָס האָט געוווסט וועגנ די מאָלערישע פייִקײַטנ פונ זײַנ לײַבייגענעמ, פארטראכט מאכנ פונ אימ זײַנ הויפ־פּאָרטרעטיסט אונ האָט אימ פארקאָנטראקטירט בא איינעמ א שירײַעוונ, „א מײַסטער פונ פארשיידענע מאָלערײַענ”.

ניט געקוקט אפּ די אויסערגעוויינלעכ־שווערע באדינגונגענ פונ ארבעט בא שירײַעוונ, ווען שעווטשענקאָ האָט אויכ געקרוינט מיטנ נאָמענ „דעספּאָט”, האָט דער יונגער קינסטלער דאָכ געהאט דאָ א מעגלעכקײַט דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ צו באקענענ זיכ מיט די באוווסטע מוסטערנ פונ מאָלערײַ. שירײַעווס ארטעל האָט אויס־געפילט פאראנטוואָרטלעכע קינסטלערישע מאָלערישע ארבעטנ אינ די פּעטערבורגער טעאטערנ. אָט דאָ, אייגנטלעכ, בא שירײַעוונ, האָט שעווטשענקאָ צומ ערשטנ מאָל געהאט די מעגלעכקײַט זיכ צו לערנענ מאָלנ. ער פלעג געפינענ צײַט, אונ באנאכט „פלעג ער לויפנ אינ זומער־סאַד אָפּמאָלנ די סטאטועס”. דאָרט האָט ער זיכ באקענט מיטנ באוווסטנ קינסטלער איוואנ סאָשענקאָ. בא שירײַעוונ האָט זיכ שעווטשענקאָ באקענט מיט די דעמלטיקע מוסטערנ פונ דער רוסישער אונ אלוועלטלעכער ליטע־ראטור. אפּ די ליטעראַרישע פאָרלעזונגענ בא שירײַעוונ האָט שעווטשענקאָ צומ ער־שטנ מאָל דערהערט די פײַערדיקע פערזנ פונ א. ס. פּושקינ. די ווירקונג פונ פּוש־קינס פּאָעזיע, ווי אויכ די ווירקונג פונעמ דיכטער רילייעוו, דעמ דעקאבריסט, האָט זיכ פרוכטבאר אָפּגערופנ אפּ דער שאפונג פונעמ אוקראַאינישנ זינגער.

מיט דער הילפ פונ סאָשענקאָנ איז שעווטשענקאָ גיכ ארײַנ אינעמ קרײַז פונ די אָנגעזעענע טוער פונ דער דעמלטיקער רוסישער קולטור. ער האָט זיכ באקענט מיט גריגאָראָוויטשנ, מיט זשוקאָווסקינ, מיט ווענעציאנאָוונ, מיט בריולאָוונ, וועלכע האָבנ אינ זײַנ פּערזאָנ דערזענ אנ עמעסנ קינסטלערישנ טאלאנט—„א דימענט אינ א פעלצ".

זיי האָבנ דערפילט, אז זייער מאָראלישער כויוו איז צו באפרײַענ שעווטשענקאָנ פונ לײַבייגנטומ. אדאנק דער אײַנגעשפּארטער פּאָדערונג פונ בריולאָוונ, ווענעציאנאָוונ אונ אנד., האָט ענגעלגארדט געגעבנ די האסקאָמע צו „פארקויפנ" שעווטשענקאָנ, נאָר ער האָט באשטימט אנ אומגעהערטע פרײַז — 2500 רובל. צונויפזאמלענ אזא סומע איז געווענ ניט גרינג. דעמלט האָט ק. בריולאָוו אָנגעמאָלט א פּאָרטרעט פונ זשוקאָווסקינ; דעמ דאָזיקנ פּאָרטרעט האָט מענ געפּלעט אינ א לאָטערייע, אונ דעמ 22 אפּרעל 1838 יאָר האָט מענ שעווטשענקאָנ אויסגעקויפט.

שעווטשענקאָ איז געוואָרנ א פענסיאָנער פונ דער „געזעלשאפט צו סטימולירנ קונסט" אונ „איינער פונ בריולאָווס באליבטע שילער אונ כאוויירימ". ער האָט אָנגעהויבנ רעגולער צו באזוכנ די קלאסנ פונ דער קונסט-אקאדעמיע.

פריער אונטער דער אָנפירונג פונ סאָשענקאָנ אונ שפּעטער אונטער דער אָנפירונג פונ בריולאָוונ גייט ער דורכ א סיסטעמאטישנ קורס פונ מאָלערישער קונסט.

מיט אנ אויסערגעוויינלעכער דורשט הייבט שעווטשענקאָ אָנ אײנצײַטיק צו ארבעטנ איבער זײַנ אלגעמיינער בילדונג. בריולאָווס רײַכע ביבליאָטעק איז געווענ פאר אימ אנ אויצער פונ קענטענישנ. ער באקענט זיכ מיט די ווערק פונ האָמערנ, פונ געטע, פונ שילער, פונ וואלטער-סקאָט, פונ פּושקינ אונ פונ אנדערע אָנגעזעענע רוסישע אונ ניטרוסישע שרײַבער, ער שטודירט די געשיכטע פונ גריכנלאנד, מיט א באזונדער אינטערעס לערנט ער די געשיכטע פונ אוקראינע. ער רײַסט זיכ אָפּט אָפּ פונ זײַנע דירעקטע מאָלערישע לימודימ, ער באזוכט קורסנ פונ אלגעמיינע וויסנשאפטנ — זאָאָלאָגיע, פיזיק, פיזיאָלאָגיע, ער לערנט די פראנצויזישע שפּראכ, באזוכט טעאטערנ. שעווטשענקאָ זאפּט איינ די גאנצע ווערטפולע קולטור-יערושע, אונ אינגיכנ שטייט ער שוינ אפּ איינ מאדרייגע מיט די פאָרגעשריטענע פאָרשטייער פונ דער דעמלטיקער רוסישער קולטור, פארנעמענדיק אינ זייער קרײַז א בעקאָוועדיק אָרט, ער געווינט אלגעמיינע סימפּאטיע אונ ליבע.

III

שעווטשענקאָ איז געווענ ניט נאָר א קינסטלער א מאָלער. נאָכ זײַענדיק אינ לערע בא שירײַעוו, ווי ער זאָגט עס איידעס אינ זײַנ אווטאָביאָגראפיע, האָט ער געמאכט די ערשטע ליטערארישע פּרווונ אינ זומער-גאָרטנ. זײַנע ווערק האָט שעווטשענקאָ אָנגעהויבנ שרײַבנ אינ אוקראיניש אונ אינ רוסיש.

אינ יאָר 1840 גייט ארויס פונ דרוק דער ערשטער „Кобзар“, צומ סאָפ פונ 1841 יאָר ווערט אָפּגעדרוקט די גרויסע העראָישע פּאָעמע „Гайдамаки“, אײנצײַטיק ארבעט שעווטשענקאָ איבער דער רוסישער דראמע „Слепая красавица“. אינ 1842 יאָר באווײַזנ זיכ אויסצוגנ פונ זײַנ דראמע „Никита Гайдай“, געשריבנ אינ

רוסיש; דעמלט טאַקע ארבעט שעווטשענקאָ איבער די רוסישע פּאָעמעס „Слепая“ (אַן איבעראַרבעטונג פון „Слепая красавица“) און „Бесталанный“ („Тризна“).

אין אָנהייב פון די פערציקער יאָרן זעען מיר שעווטשענקאָן אינעם קרײַז פון די פּאָרגעשריטנסטע מענטשן פון דער רוסישער קולטור, — ווי אשטייגער דער גרויסער רוסישער קריטיקער בעלינסקי, דער קאָמפּאָזיטאָר גלינקא, ק. בריולאָוו און אנדערע.

נאָך אין אָנפאַנג פון זײַן קונסט־טעטיקײַט האָט שעווטשענקאָ אנערקענט דעם רעאַליזם אלס גרונט פון קונסט. ווען זשוקאָווסקי האָט אין 1839 יאָר, נאָרוואָס אומקערנדיק זיך פון אויסלאַנד, געבראַכט בריולאָוון די ווערק פון קאָרנעליוס, העסע און אנדערע טוער פון דער „געטלעכער קונסט“ און האָט געייצעט שעווטשענקאָן, ער זאָל זיך לערנען בא די דײַטשן, האָט שעווטשענקאָ צו זשוקאָווסקיס אייצעס זיך באַצויגן שאַרף נעגאַטיוו.

שעווטשענקאָן אלס א קינסטלער האָט דעמלט גערעגט די לאַגע פון עם פארקנעכטעטן אוקראַינישן דאָרף. דער אווטאָר פון „Гайдамаки“ האָט אומבאַדינגט געוואָלט אָפּשפּיגלען דאָס, וואָס אים און זײַן פאָלק האָט ווײ געטאָן. ער רײַסט זיך פון פּעטערבורג קיין אוקראַינע. אָבער די רײַזע קיין אוקראַינע איז פארווירקלעכט געוואָרן ערשט אין 1843 יאָר.

## IV

שעווטשענקאָ האָט געפּרוּווט פארווירקלעכן דעם צווייטן אויסגעכאָוועטן טרוים זײַנעם — באַזוכן אויסלאַנד. אין דער קונסט־אקאַדעמיע איז געווען א טראַדיציע, אז די קינסטלער, וועלכע ווערן פאר באַזונדערע דערפאָלגן באַלוינט מיט א מעדאַל, פלעגן באַקומען נאָך אַן אויסלענדישע קאָמאַנדירונג, כּדי זיך באַקענען מיט די באַוווּסטע דענקמעלער פון דער וועלט־קונסט.

שעווטשענקאָ, כאָטש ער איז באַלוינט געוואָרן מיט א זילבערנער מעדאַל, האָט קיין אויסלענדישע קאָמאַנדירונג ניט באַקומען. דאָ האָט געהאַט צו זאָגן זײַן אָפּשטאַמונג. אָבער טאַראַס גריגאָראָוויטש האָט ניט פארלוירן די האָפענונג צו באַזוכן אויסלאַנד, און אין די בריוו צו זײַנע פרײַנט האָט ער געפּלאַנירט זײַן רײַזע קיין אויסלאַנד אפן 1843 יאָר. ווי ס׳איז צו זען פון דעם בריוו צו קאָראָליאָוון, דאַטירט דעם 18־ נאָיאַבער 1842 יאָר, איז שעווטשענקאָ אָן אַן אָפיציעלער דערלויבעניש זיך דורכגעפאָרן מיט א שיף קיין שוועדן און דענעמאַרק.

„... אײַערנעכטן האָב איך זיך אומגעקערט קיין פּעטערבורג, — די פארפלוכטע שיף האָט מיך געטראָגן קיין שוועדן און דענעמאַרק. שווימענדיק קיין שטאָקהאָלם, האָב איך צונויפגעשטעלט „Гамалія“, — א קליינינקע פּאָעמע, און אזוי קראַנק געוואָרן, אז מ׳האָט מיך קוים פארפירט קיין רעוועל, און דאָרט בין איך א ביסל געקומען צו זיך“.

דער געדאַנק וועגן דער רײַזע האָט אויך ווײַטער ניט פארלאָזט דעם דיכטער, אָבער זײַן טרוים איז געבליבן ניט פארווירקלעכט.

## V

שעווטשענקאָ האָט שטארק געוואָלט זיכ דורכפאָרנ קיינ אוקראַינע, „כאָטש א קוק טונ אפ יענעמ פאָלק דעמ אומגליקלעכנ”. אינ יונ 1843 איז ער אינ קיִעוו, אונ פונ דאָרטנ פאָרט ער ארומ איבער דער גרעסטער טייל פונ קיִעוושטשינע, טשערני־גאָווושטשינע, פאָלטאַווושטשינע. קומענדיק קיינ אוקראַינע, האָט שעווטשענקאָ מיט זײַנע, ווי ער זאָגט עס אליינ, זעעוודיק־געוואָרענע אויגנ דערזענ דעמ גאנצנ ציניזמ פונ דעמ פריצישנ ווילקיר, דערפילט די שוידערלעכע לאגע פונעמ פארקנעכטעטנ דאָרפ. אונ די גאנצע גאסטפרײַנטלעכקײַט פונעמ אוקראַינישנ פריצנטומ, וואָס האָט זיכ צוגעכאפּעט צומ דיכטער, האָט ניט געקאָנט פארשטעלנ פונ זײַנע אויגנ דאָס טראגישע לעבנ פונ די לײַבייגענע, פונ דעמ אומגליקלעכנ רעכטלאָזנ פאָלק.

„די גאנצע יאָנטעוודיקײַט פונ די גוטבאזיצערישע הײַזער האָט ניט געקאָנט פארבלענדנ דעמ מענטשנ, וועלכער האָט לויט אייגענער דערפארונג געוווּסט, וויִאזוי ס'האָט אויסגעזענ דאָס לעבנ פונ די דאָזיקע גאסטפרײַנטלעכע באלעבאטימ הינטער די קוליסנ אונ וואָס אָט דער רײַכער קיבעד פאר הונדערטער געסט האָט געקאָסט זייערע לײַבייגענע, — שרײַבט שעווטשענקאָס ביִאָגראפ טשאלי. — אזוי, האָט, צומ בײַשפּיל, שעווטשענקאָנ אופגעבראכט דער זאמלער פונ אוקראַינישע לידער לוקאשעוויטש. עפּעס איינמאָל אינ א זייער קאַלטנ ווינטער־טאָג האָט דער דאָזיקער לוקאשעוויטש געשיקט צו שעווטשענקאָנ זײַנ לײַבייגענעמ פאר 30 ווערסט צופוס וועגנ עפּעס א ניטוויכטיקנ איניענ מיט א שטרענגנ באפעל אומבאדינגט ברענגענ ענטפער אינ דעמ זעלבנ טאָג. ניט האָבנדיק קיינ רעכט צו פארהאלטנ דעמ שאָליִעכ ביזנ צווייטנ טאָג, האָט שעווטשענקאָ דעמ פאָרעצ זײַנעמ אָנגעשריבנ א בריוו, פול מיט הייסער אופגעבראכטקײַט, אונ האָט אינ בריוו געמאָלדנ, אז ער רײַסט מיט אימ אפ שטענדיק איבער די קענטשאפט”.

דער פאָלקס־זינגער, וועמענס גורל איז אויכ דער גורל פונ זײַנ פאָלק, האָט ניט געקאָנט ניט פילנ קיינ הייסנ האס צו די עקספּלואטאטאָרס. ווענ ער האָט דאָס ערשטע מאָל נאָכ אָנדערהאלבנ צענדליק יאָר באזוכט זײַנ דאָרפ קירילאָווקע אונ האָט דערזענ זײַנע ברידער אונ שוועסטער, דערזענ, ווי אפ די פעלדער פונ זײַנ באליבטער אוקראַינע „מע שלעפּט פונ א קאַליקע א סוויטע אינ לאַטעס, מע רײַסט מיט דער הויט — די פירשטלעכ באקליידנ”, ווי „פאר צינש אנ אלמאָנע פארפײַניקנ דאָרט קאַטעס, דעמ זונ דעמ בעניאָכיד פארקאָווענ אינ קייטנ, — די איינציקע האָפענונג פארשיקנ אינ סאָלדאטנ”, ווי „דאָרט אונטער פלויטנ, פונ הונגער געשוואָלנ, א קינד האלט אינ שטארבנ, די מוטער אפ פאנשטשינע בינדט ווייצענע גארבנ”, — האָט זיכ דער דיכטער דורכגעדרונגענ מיט דעמ הייסנ רעוואָליוציִאָנערנ פאטאָס פונ א קעמפער.

אזוי איז געבוירנ געוואָרנ די טעמע פונ דער פאָעמע „Сон“. אזוי האָט זיכ געפעסטיקט דער דעמאסקירנדיק־קריטישער רעאליזמ פונעמ רעוואָליוציִאָנער־דעמאָקראטישנ דיכטער.

## VI

אומגעקערט זיכ קיינ פעטערבורג אינ פעווראל 1844 יאָר, האָט דער דיכטער זיכ געוואָלט נעמענ ארויסגעבנ דעמ זשורנאל „Живописная Украина“. אָבער ס'האָט געשטערט דער מאנגל אינ מיטלענ; אויכ אייניקע פערזאָנענ, צו וועלכע ער האָט זיכ געווענדעט, האָבנ ניט געוואָלט מיטהעלפנ, אונ שעווטשענקאָ האָט ניט געהאט קיינ מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכנ זײַנ אונטערנעמונג.

אינ 1844 איז ארויס דער ערשטער אונ טאקע דער לעצטער בוכ פונ „Живописная Украина“, אינ וועלכנ ס'זײַנענ געווענ זעקס גראווירונ.

אינ דעמ זעלבנ 1844 יאָר זײַנענ אינ פעטערבורג ארויס פונ דרוק „Чигиринський кобзар“, „Гайдамаки“, „Гамалія“, „Тризна“.

אינ די פלאמיקע שורעס פונ זײַנ דיכטונג גיט שעווטשענקאָ איבער זײַנע אײַנדרוקנ פונ דער רײַזע קיינ אוקראַינע. אינ מײַ 1844 שרײַבט ער „Сова“, אונ אינ יול דעמ זעלבנ יאָר פארענדיקט ער די פאָעמע „Сон“. אינ רעאליסטישע בילדער ווײַזט דער דיכטער דעמ פריצישנ ווילקיר, דעמאסקירט די העסלעכע סיסטעמ פונ דער צאריש־פריצישער אָרדענונג („Сова“). אינ דער פאָעמע „Сон“ האָט שעווטשענקאָ ניט נאָר געגעבנ בוילעט־רעאליסטישע, רעגנדע בילדער פונעמ לעבנ פונ פארקנעכטעטנ אוקראַינישנ פויערטומ, נאָר אײַנצײַטיק האָט ער אויכ געגעבנ א טיפ־סאטיריש בילד פונ דער צארישער יערארכיע, אופדעקנדיק די גאנצע קנעכטישע אָרדענונג פונ דער זעלבסטהערשונג.

אינ די יאָרנ 1844־45 האָט זיכ דער דיכטער דערנעענטערט צו די לינקע אָנטיילנעמער פונ פעטראשעווסקיס גרופע. די סאָציאַל־אוטאָפישע אידייענ פונ די לינקע מיטגלידער פונ דער גרופע, ווי אויכ זייער אָפאָזיציאָנעלקײַט צו דער זעלבסט־הערשעריש־לײַבייגנטימערישער אָרדענונג, זײַנענ שעווטשענקאָנ געווענ נאָענט.

## VII

אינ מארט 1845 האָט שעווטשענקאָ פארענדיקט דעמ קורס אינ דער פעטערבורגער קונסט־אקאדעמיע. דער ראט פונ אקאדעמיע האָט אימ געגעבנ דעמ טיטל „אויסער־קלאסנע קינסטלער“, אונ לויט זײַנ אייגענער ביטע איז שעווטשענקאָ דעמ 25 מארט קאָמאנדירט געוואָרנ קיינ אוקראַינע „באשעפטיקנ זיכ מיט קונסט“. געקומענ סאָפ אפרעל קיינ קיִעוו, נעמט שעווטשענקאָ פאָר עטלעכע רײַזעס איבער אוקראַינע, דערינ אינ זײַנ געבורט־קאנט — זווענעיגאָראָדשטשינע אונ קיינ פאָלטאַוושטשינע.

דאָ, אינ אוקראַינע, שרײַבט ער אָנ אינעמ זעלבנ 1845 יאָר די באוווסטע ווערק, וואָס זײַנענ פול מיט רעוואָליוציאָנער־באפרײַערישנ פאטאָס „Єретик“ („Іван Гус“), „Сліпий“, „Суботів“. געקומענ אינ זײַנ היימישער קירילאָווקע, האָט דער פאָעט געלייענט די פויערימ זײַנע ווערק. די פויערימ האָבנ אימ געהערט מיט באגײַסטערונג. וועגנ דעמ, אז שעווטשענקאָ האָט געפירט א רעוואָליוציאָנערע אגיטאציע צווישנ די פויערימ, זאָגנ איידעס די זיכרוינעס פונ זײַנע מיטצײַטלער.

באַזינגענדיק דעם גורל פֿונ פֿאָלק, זײַנ קאַמפּ קעגנ די אונטערדריקער, איז שעװטשענקאָ, אַלס פֿאָרגעשריטענער מענטש פֿונ זײַנ עפּאָכע, װײַט אַרױסגעגאַנגענ פֿונ די שמאָל־נאַציאָנאַלע גרענעצנ. אינ יענע יאָרנ אינ אוקראַינע האָט דער דיכטער אָנגעשריבנ אַזעלכע װערק, װי „Єретик“ און „Кавказ“; אינ די דאָזיקע װערק באַזינגט דער דיכטער דעמ באַפֿרײַונגס־קאַמפּ פֿונעמ טשעכישנ פֿאָלק קעגנ די רױמיש־קאַטױלישע רױבער („Єретик“); ער דעמאַסקירט דרײסט די רױבערישע, נאַציאָנאַל־אונטערדריקערישע פּאָליטיק פֿונעמ צאַריזמ, װעלכער האָט דערטרונקענ אינ אַ יאַמ פֿונ טרערנ און פֿונ בלוט דאָס גליק פֿונ פֿעלקער („Кавказ“). די דאָזיקע װערק פֿונ שעװטשענקאָ, װי אױך אַנדערע, װאָס זײַנענ געשריבנ אינ יענער צײַט („Посланіє“, „Холодний яр“, „Давидові псалми“, „Минають дні“, „Три літа“, „Заповіт“) שטעלנ פֿאָר מיט זיך מוסטערנ פֿונ עכטער רעװאָליוציאָנערער פּאָעזיע. דאָ איז אָפֿנערהײט פּראָקלאַמירט דעמ דיכטערס רופֿ צו די מאַסנ:

... שטײט אופֿ מיט צאָרנ,
קײטנ רײַסט מיט פֿײַער,
און מיט סױנעס בײזע בלוטנ
רײַך באַשפּרענקט די פֿרײַהײַט!

דער רומ און די פּאָפּולערקײַט פֿונעמ דיכטער האָבנ זיך פֿאַרשפּרײט צװישנ פֿאָלק מיט דער שנעלקײַט פֿונ אַ בליץ. שעװטשענקאָ איז געװאָרנ אַ רעאַלע געפֿאַר פֿאַרנ צאַריזמ. די זשאַנדאַרמענ לאָזנ זיך נאָך אימ אינ געיעג.

## VIII

אינ 1846 יאָר איז שעװטשענקאָ עטלעכע מאָל געװענ אינ קיִעװ, װוּהינ ער פֿלעג זיך אומקערנ פֿונ זײַנע רײַזעס איבער אוקראַינע צוליב די אָנגעלעגנהײַטנ פֿונ דער אַרכעאָגראַפֿישער קאָמיסיע. אַפֿ ליטעראַרישע אָװנטנ פֿלעג דער דיכטער זיך דאָ באַגעגענענ מיט די מיטגלידער פֿונ דער קיריל־מעפֿאָדיִעװער ברידערשאַפֿט, און ביסלעכװײַז איז ער מיט זײ געװאָרנ נאָענט, באַזונדערס מיט די „לינקע“ פֿאָרשטײער פֿונ דער ברידערשאַפֿט. די מיטגלידער פֿונ דער ברידערשאַפֿט זײַנענ געװענ געשטימט אָפּאָזיציאָנעל צומ לײַבײגנטומ און צו דער מאָנאַרכיסטישער אָרדענונג. דאָס האָט טאַקע צוגעצױגנ שעװטשענקאָס אױפֿמערקזאַמקײַט.

„װענ איך האָב מיטגעטײלט שעװטשענקאָנ װעגנ דער עקזיסטענצ פֿונ דער ברידערשאַפֿט, — דערצײלט קאָסטאָמאַראָװ, — האָט ער גלײַך אַרױסגעװיזנ גרײטקײַט צושטײנ צו איר, נאָר ער האָט זיך באַצױגנ צו אירע אידײענ מיט גרױס ברענ און מיט עקסטרעמקײַט, װאָס דאָס איז דעמלט שױנ געװענ די סיבע פֿונ אַ סאַך אַמפּערײַענ צװישנ מיר און שעװטשענקאָנ“. די אומבאַשאָלעמדיקע קעמפֿערישקײַט, דער רעװאָליוציאָנערער ברענ שעװטשענקאָס האָבנ װידערשפּרעכט צו דער פּראָגראַמ און צו די „הױפּט־קלאָלימ“ פֿונ דער קיריל־מעפֿאָדיִעװער ברידערשאַפֿט, און דאָס האָט געצװוּנגענ די מיטגלידער פֿונ דער ברידערשאַפֿט, װי ס'זאָגט װעגנ דעמ אײדעס

קוליש, צו האלטן „שעוטשענקאָן ווײַטלעך פון דער ברידערשאפט“, צו צוימען זײַן „אקשאָנעסדיקע בורלאקערײַ“ (דאָס מיינט: „רעוואָליוציאָנערע בונטארישקײַט“).

טאראס שעוטשענקאָ האָט אויך ניט געהאלטן פון די פאנסלאוויסטישע אידייען פון דער ברידערשאפט. דער אוטאָר פון „Сон“, „Великий льох“, „Кавказ“, „Посланiє“, „Заповiт“, דער דיכטער, וואָס האָט פראָפאגאנדירט די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע אידייען פון דער פויערישער רעוואָליוציע, וואָס האָט גערופן צום בלוטיקן קאמף מיט די אונטערדריקער, — איז מיט זײַן גאנצן פּאָליטישן און שע־פערישן וועזן געווען זיי, די מעסיקע רעליגיעז־פרידלעכע ליבעראלן פון דער קירילאָ־מעפאָדיִיווער ברידערשאפט, אָרגאניש פרעמד. שעוטשענקאָ איז ניט געווען קיין מיטגליד פון דער ברידערשאפט, כאָטש ער איז געשטאנען נאָענט צו איר „לינקן“ פליגל; ער פלעג אויך באזוכן די ליטעראַרישע אָוונטן פון דער ברידערשאפט און פלעג דאָרט לייענען זײַנע פלאמיקע לידער, ער פלעג נעמען אָנטייל אין די שמועסן און אין די דיסקוסיעס פון די מיטגלידער פון דער ברידערשאפט.

## IX

אין מארט 1847 האָט דער סטודענט פעטראָוו דערלאנגט א מעסירע וועגן דעם, אז אין קיִעוו עקזיסטירט אַ געהיימע געזעלשאפט, וואָס אַפּ אירע זיצונגען זײַנען גע־לייענט געוואָרן שעוטשענקאָס „אויסגעשפראָכן קעגנגעזעצלעכע“ לידער; פעטראָוו האָט אָנגעוויזן, אז אין די דאָזיקע לידער ווערן די „מאלאָראָסן“ גערופן „צום אופ־שטאנד“ און ס'איז אין זיי אויסגעדריקט „האס צו דער קייזערלעכער פאמיליע“.

דורך א געהיימער פאראָרדענונג פון פעטערבורג איז באפוילן געוואָרן פאר־האלטן שעוטשענקאָן און גלײַך צוצושטעלן אים מיט אלע זײַנע פאפירן אהין.

אין פעטערבורג האָט מען אין דער זעלבער צײַט ארעסטירט מ. גולאקן, אין ווארשע — קולישן, אין קיִעוו — קאָסטאָמאראָוון, אנדרוזסקין און אנדערע מיטגלי־דער פון דער ברידערשאפט. שעוטשענקאָ איז צו יענער צײַט געווען אין סעדנעוו און האָט געאײַלט קיין קיִעוו אַפּ קאָסטאָמאראָווס כאסענע. דאָ, הינטער קיִעוו, האָבן אים דעם 5 אפרעל געכאפט די זשאנדארמען און אוועקגעפירט קיין פעטערבורג.

אין די דאָקומענטן פון די מיטגלידער פון דער ברידערשאפט זײַנען געפונען גע־וואָרן האנטשריפטלעכע קאָפּיעס פון שעוטשענקאָס ווערק: „Сон“, „Великий льох“, „Кавказ“, אא. מיט די דאָזיקע אלע ווערק, פונקט ווי מיט די פריִער געדרוקטע ווערק, האָבן זיך די באאמטע פון דער געהיימער קאנצעלאַריע גרינטלעך באקענט, און זיי, די דאָזיקע ווערק, זײַנען געוואָרן דער גרונט־אינהאלט פון דער באשולדיקונג.

אין זײַן מיטיילונג ניקאָלײַ דעם ערשטן האָט דער זשאנדארמען־שעף אונטער־געשטראָכן, אז ס'זײַנען „ניט אזוי וויכטיק“ די קאוואָנעס פון די מיטגלידער פון דער ברידערשאפט, ווי „עס זײַנען כוצפעדיק די ווערק פון שעוטשענקאָ“, און האָט דערבײַ אָנגערופן דעם דיכטער אלס „איינעם פון די וויכטיקסטע פארברעכער“.

„... דער גאנצער איניקע באוויַזט, — האָט געשריבן דער זשאנדארמען־שעף אין

זײַן מיטײלונג, — אז שעװטשענקאָ האָט ניט געהערט צו דער אוקראַיִניש־סלאָװיאַני־שער געזעלשאַפט, נאָר האָט געפירט זײַן טעטיקײַט באַזונדער".

באַם אױספרעג האָט שעװטשענקאָ געהאַלטן זיך דרײסט, מיט זעלבסטװירדע.

דער צאַריזם האָט מורא געהאַט מישפּעטן דעם פּאָעט, װײַל ער האָט גוט גע־װוּסט, אַז „שעװטשענקאָ האָט דעראָבערט... רום פון אַ באַװוּסטן אוקראַיִנישן שרײַ־בער", ברײטע פּאָפּולערקײַט אין פאָלק, און דער געריכט איבער אים װאָלט געקאָנט האָבן אַ פאַרקערטע װירקונג.

דער פּאָעט איז באַשטראָפט געװאָרן אָן אַ געריכט.

„דעם קינסטלער שעװטשענקאָ, — איז געװען געשריבן אין אורטײל, — פאַר צו־נױפשטעלן העצנדיקע און העכסט־בוצפּעדיקע לידער, אַלס אַ באַשענקטן מיט אַ פעסטן קערפּער, באַשטימען פאַר אַ ריאַדאָװוי אין אָרענבורגער באַזונדערן קאָרפּוס, מיטן רעכט פון אױסדינען זיך, און באַופטראָגן די נאַטשאַלסטװע צו האָבן דעם שטרענגסטן אױפזיכט, אַז בעשומױפן זאָלן דורך אים ניט געשאַפן װערן קײן העצע־רישע און פּאַסקװילישע װערק".

דערצו האָט גיקאָלײַ דער ערשטער צוגעשריבן מיט זײַן אײגענער האַנט: „אונטערן שטרענגסטן אױפזיכט מיטן פאַרבאָט צו שרײַבן און מאָלן".

פאַר אַ מענטשן, װאָס איז פול געװען מיט שעפעריש שטרעבונגען, איז אַזאַ אורטײל געװען דער סאַמע אַכזאָריִעסדיקער פון אַלע מעגלעכע שטראָפן.

די זשאַנדאַרמען האָבן געאײַלט. קוים באַװײַזנדיק איבערצובײַטן די פערד אַף די פּאָטשט־סטאַנציעס, מאַכנדיק דרײַ הונדערט װערסט אַ מעת־לעת, — האָבן זײ געיאָגט דעם פּאָעט פון פּעטערבורג קײן אָרענבורג.

## X

דעם 9 יוני איז שעװטשענקאָ געקומען קײן אָרענבורג, און דעם 13 יוני האָט ער געמוזט זיך לאָזן צופוס אין אָרסקער פעסטונג — 227 װערסט װײַט פון אָרענ־בורג.

אין אָרסק האָט דער „ריאַדאָװוי פון דער 3־טער ראָטע פון 5־טן באַטאַליאָן" שעװטשענקאָ געמוזט אױספילן די מערדערישע באַפעלן פון זײַנע שיקערן קאָמאַנדיר, געמוזט שאָענװײַז דורכגײן די סאָלדאַטישע מושטרע אַפן פּלאַץ, אַנדערש האָט אים געדראָט פיזישע שטראָף.

זײַענדיק עלנט אין דער סאָלדאַטישער קאַזאַרמע, „ניט האָבנדיק קײן רעכט צו שרײַבן און צו מאָלן", בעט שעװטשענקאָ אין זײַנע בריװ די פרײַנט זײַנע צושיקן אים ביכער. „די אײן־און־אײנציקע רעטונג פון פאַרגליװערונג, — שרײַבט ער, — זײַנען ביכער".

איבערטראָגנדיק אַכזאָריִעסדיקע אומענטשלעכע לײדן, טרעט דער פּאָעט ניט אָפּ פון זײַנע פּאָליטישע אידעאַלן. אונטער אַ שטרענגן אױפזיכט, מיט געפאַר פאַרן לעבן איז ער אױװער אַפן „אַלערהעכסטן באַפעל" און שרײַבט נײַע לידער, װאָס זײַנען

פול מיט קעמפערישן רעוואָליוציאָנערן גײַסט, פול מיט ווייטעק פארן פארשקלאפטן פאָלק און מיט צאָרנדיקער סינע צום צאריזם.

מיט ליבע דערמאנט טאראס שעווטשענקאָ דעם באפרײַונגס־קאמף פונעם אוקראַי־נישן פאָלק קעגן דער שליאכטע. פאר זײַנע אויגן שטייט אויך אוף דאָס לעגענדאַ־רישע געשטאלט פון פוגאטשאָוו („פוהאטש דאָרט שרעקט אין יענער זײַט אוראל״).
און די דאָזיקע העלדישע געשטאלטן פון דער פארגאנגענהײַט צוזאמען מיט די רעאלע בילדער פונעם שווערן, טראגישן לעבן פון פארשקלאפטן פאָלק זײַנען געווען דער קוואל פון שעווטשענקאָס שעפערישער באגײַסטערונג. אָבער יעדער שורע פון זײַנע לידער, יעדער באוועגונג פון זײַן מאָלערישן פענדזל האָט ער געמוזט אויסבא־האלטן פון די בייזע אויגן פון די צארישע אופזעער.

אין יונ 1848 ווערט שעווטשענקאָ אײַנגעשלאָסן אלס קינסטלער אין דער עקס־פעדיציע צו באשרײַבן דעם אראלער יאם. דורך ענדלאָזע וויסטעניש־סטעפּעס האָט זיך באוועגט די עקספעדיציע. 702 ווערסט האָט דורכגעמאכט שעווטשענקאָ צופוס ביזן פאָרט ראַים.

דעם 25 יול האָט די עקספעדיציע געלאָזט זיך איבערן אראלער יאם; אפ איי־נער פון די שכונעס („קאָנסטאנטין״) האָט זיך געפונען שעווטשענקאָ. נאָכן שווי־מען צוויי כאדאָשים איבערן יאם איז מען געבליבן ווינטערן אפן אינדזל קאָס־אראל.

אסאך ווערק פונעם פּאָעט זײַנען באצייכנט מיט דער אונטערשריפט „קאָס־אראל״.

דאָס שוידערלעכע בילד פון לײַבייגנטום איז שטענדיק געשטאנען פארן דיכטערס אויגן. דער פּאָעט האָט ניט געקאָנט פארגעסן, אז „אומעטום אפ אוקראַינע דאָס פאָלק פאריאָכן פאלשע פאנעס״. די אָפּקלאנגען פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן פון 1848 יאָר, וואָס זײַנען דערגאנגען צו שעווטשענקאָן אין דער ווײַטער פארשיקונג, אין זײַן „טורמע אָן טירן״, האָבן אופגעוועקט אין אים א נײַעם רעוואָליוציאָנערן אופברויז. דער דיכטער שרײַבט זײַן באוווסטע פּאָעמע „Царі“, ווו ער רופט צו פאר־ניכטן דעם צאריזם:

„און זאָלן טאליאָנים זיי הענגען,
די צארן די בייזע, די מענטשן־הענקער!״

דעם 6 נאָיאבער 1849 יאָר האָט שעווטשענקאָ זיך אומגעקערט פון דער עקס־פעדיציע קיין אָרענבורג. פאר דער קורצער, פארהעלטניסמעסיק, צײַט, וואָס שעוו־טשענקאָ האָט פארבראכט אין דער דאָזיקער שטאָט, האָט ער אָנגעשריבן אסאך נײַע לידער, דערינ „Лічу в неволі дні і ночі“ „Ми заспівали“ „Не молилася за мене“ „Мені здається“ „Якби ви знали, паничі“ אא.

אין אָרענבורג האָט זיך שעווטשענקאָ דערנעענטערט צו די דאָרטיקע פּאָליטישע פארשיקטע. די זשאנדארמען האָבן זיך דערוווּסט וועגן די רעוואָליוציאָנער־בונטארישע שטימונגען פונעם דיכטער, וואָס זײַנען אויסגעדריקט געווען אין זײַנע

פלאמיקע לידער. דעם 27 אפרעל 1850 יאָר מאכט מען בא אים אן אונטערזוכונג, מע געפינט רעוואָליוציאָנערע לידער, אלבאָמען מיט געמעלן, בריוו, ציווילע קליידונג.

מיט דעם „נײַעם״ געריכטלעכן איניען פון שעווטשענקאָן פארינטערעסירט זיך דער מיליטער־מיניסטער אליין, און ער טיילט גלײַך מיט וועגן אלץ ניקאָלײַ דעם ערשטן.

לויט דער פערזענלעכער פאראָרדענונג פונעם צאר, האָט מען באפוילן האלטן דעם דיכטער אונטער „דעם שטרענגסטן ארעסט״ און אָנהייבן „אן אויספאָרשונג איבערן ריאדאָווי ט. שעווטשענקאָ וועגן זײַן באקומען פון פארשיידענע פערזאָנען בריוו און וועגן זײַן שיקן בריוו און וועגן די סיבעס פון ניט־אויספילן דעם פארבאָט צו שרײַבן און צו מאָלן״.

לויטן באפעל פונעם קייסער איז שעווטשענקאָ ארעסטירט געוואָרן, און העכער א האלב יאָר — ביז אָקטיאבער 1850 י. — האָט ער זיך געפונען אין אָרענבורגער, אָרסקער און אוראלסקער טורמעס, און דערנאָך איז ער אונטער א שטרענגער וואך אריבערגעפירט געוואָרן אין נאָוואָפּעטראָווסקער פעסטונג.

אין קאטאָרגע־באדינגונגען איז אופגעהאלטן געוואָרן שעווטשענקאָ אין נאָוואָ־פּעטראָווסקער פעסטונג. דער ראָטע־קאָמאנדיר, דער „דיאדקע״, האָט אָפּגעהיט יעדן טריט פונעם דיכטער, נאָכקוקנדיק, אז ער זאָל ניט האָבן בא זיך ניט קיין בלײַ־ער, ניט קיין פּאפּיר, אז ער זאָל גאָרניט ניט שרײַבן און ניט מאָלן (קאָסאריאָווס זיכרוינעס).

אונטערן שטענדיקן שטרענגן אופזיכט האָט דער דיכטער פונדעסטוועגן ניט געבויגן דעם קאָפּ. מיט ריזיקע פארן לעבן האָט ער אויך דאָ איוווער געוווען אפּן קייזערלעכן „פארבאָט״. ער שרײַבט א ציקל דערציילונגען אף רוסיש („Капитанша“, „Художник“, „Княгиня“, „Музыкант“, „„Несчастный“, „Прогулка с удовольствием и не без морали“).

אין די דאָזיקע דערציילונגען ווערט אין רעאליסטישע בילדער אָפּגעשפּיגלט דער יאָך פון דער זעלבסטהערשעריש־לײַבייגנשאַפטלעכער אָרדענונג.

אין נאָוואָפּעטראָווסקער פעסטונג האָט טאראס גריגאָראָוויטש געארבעט אויך איבער דער פּאָעמע "„Москалева криниця, אין וועלכער ער האָט געשילדערט די שווערע נויט פון דער דאָרפישער אָרעמשאפט. דאָ האָט ער אויך פארטראכט און אָנגעמאָלט א סעריע בילדער. זײַן בילד „דער מאָשל וועגן דעם ווידערשפּעניקן זון״ רופט אָן דער קינסטלער „א סאטירע איבער די זיטן פון די סאָכרים״. מיט שפּערישן דורשט נעמט ער זיך פאר א נײַעם געביט פון קונסט — פאר סקולפּטור (אין דעם קייזערלעכן פארבאָט איז דאָך ניט אָנגעוויזן געווען „אָן דעם רעכט צו קלעפּן״). אָבער אין די באדינגונגען פון דעם אכזאָריעסדיקן סאָלדאטישן קאזאר־מע־רעזשים האָט ער ניט געקאָנט לענגער זיך דערמיט פארנעמען.

דער מאניפעסט פון אלעקסאנדער דעם צווייטן, וואָס האָט דערקלערט אמניסטיע פאר פּאָליטישע פארברעכער, איז צו שעווטשענקאָן ניט אָנגעווענדעט געוואָרן. יונגע האָט אין אירע זיכרוינעס געשריבן:

„פונעם צעטל פונ די פּאָליטישע פאַרברעכער, פאַר וועלכע ס'האָט געדאַרפט דערקלערט ווערנ אַנ אַמניסטיע, איז שעווטשענקאָס נאָמענ אויסגעשטראָכנ געוואָרנ דורכנ קייסער אַליינ".

דער צווייטער מאַניפעסט „צוליב דער אָנגעלעגנהייט פונ דער קרוינונג" האָט אויכ אויסגעמיטנ שעווטשענקאָנ. ערשט אינמיטנ 1857 יאָר, נאָכ דויערנדיקע הישטאַדלעסנ פונ א ריי רוסישע שרייבער אונ קינסטלער, האָט מענ שעווטשענקאָנ ענדלעכ באַפרייט פונ סאָלדאַטנ־דינסט.

אינ די לעצטע טעג פונ דער פאַרשיקונג האָט ער אָנגעהויבנ פירנ זיינ „זשורנאַל" — א טאָגבוכ — איינס פונ די אָנגעזעענסטע פּובליציסטיש־מעמואַרישע ווערק. דעמ 2 אויגוסט 1857 יאָר אינאָוונט האָט דער פּאָעט פאַרלאָזט נאָוואָפּעטראָווסק אונ אַפ א שיפ זיכ געלאָזט קיינ אַסטראַכאַנ, אונ פונ דאָרט איז ער דעמ 22 אויגוסט אַרויסגעפאָרנ אַפ דער שיפ „קניאַז פּאָזשאַרסקי". אינ איינער פונ די שטילע לעוואָנעדיקע נעכט האָט שעווטשענקאָ דערהערט אַפ דער שיפ צויבערהאַפטע קלאַנגענ פונ א פידל. דאָס האָט געשפּילט א באַפרייטער לייבאייגענער, וועלכער האָט אינ מוזיק אויסגעדריקט דעמ גאַנצנ ווייטעק פונ אַנ אונטערדריקטנ מענטשנ. דאָס האָט טיפ אופגערודערט שעווטשענקאָס נעשאָמע.

א דיכטער פונ טיפנ סייכל, האָט שעווטשענקאָ געטריי נאָכגעשפּירט נאָכ דער אַנטוויקלונג פונ געזעלשאַפטלעכע אידייענ, פונ וויסנשאַפט אונ טעכניק. ער איז געווענ מיטגעריסנ פונ די אידייענ פונ דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, פונ די פּוי־ערישע בונטנ אינ וואָלגע־קאַנט; אימ האָבנ געפרייט די נייסנ פונ טעכניק, אונ אינ דעמ אַלעמענ האָט ער איינגעזענ דעמ טריומפ פונ די פאָלקס־שטרעבונגענ, דעמ קינפטיקנ זיג פונ די פאָלקס־מאַסנ איבער דער וועלט פונ קנעכטשאַפט אונ אומרעכט. זיינע געדאַנקענ נאָטירט דער דיכטער אינעמ טאָגבוכ:

„...די שיפ שטעלט זיכ מיר פאָר אינ דער נאַכטישער טויט־רו ווי עפּעס א מוירעדיקע, טויב־רעוועדיקע פאַרזעעניש מיט א צעעפנטנ גרויסנ פּיסק, וואָס איז גרייט איינצושלינגענ די גוטבאַזיצער — די אינקוויזיטאָרס. גרויסער פולטאָנ, גרויסער וואַט! אייער יונג קינד, וואָס וואַקסט ניט פונ טאָג צו טאָג, נאָר פונ שאָ צו שאָ, וועט אינגיכנ אופרעסנ די בייטשנ, די טראָנענ אונ די קרוינענ, אונ מיט דיפּלאָמאַטנ אונ גוטבאַזיצער וועט עס פאַרבייסנ בלויז, א נאַש טונ, ווי א שילער א צוקערקע. דאָס, וואָס אינ פראַנקרייכ האָבנ אָנגעהויבנ די ענציקלאָפּעדיסטנ, — דאָס וועט אַפ דער גאַנצער פּלאַנעטע אונדזערער פאַרענדיקנ אייער קאָלאָסאַל, גענ·יאַל קינד. מיינ נעווועע איז אויסער יעדנ צווייפל!"

אינ קעגנזאַצ צו די אָפיציעלע היסטאָריקער פונ יענער צייט, רעדט דער דיכטער מיט שטאָלצ וועגנ סטעפּאַנ ראַזינענ אַלס „רומפולנ ריטער... די סטראַשידלע פונעמ מאָסקווער קייסער אונ פּערסישנ שאַכ". שעווטשענקאָ האָט זיכ באַפריינדעט מיטנ קאַפּיטאַנ פונ דער שיפ קישקינ, וואָס האָט געהאַט בא זיכ אַסאַכ אומלעגאַלע צו יענער צייט ליטעראַטור. שעווטשענקאָ האָט מיט אַנטציקונג געלייענט די ווערק פונ רילייעוו, איבערזעצונגענ פונ די ווערק פונ בעראַנזשע אונ באַרביע, ער לייענט

דאָס אויסגעצייכנטע ווערק פון דער רוסישער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער ליטע־ראַטור — סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס „Губернские очерки“.

דורכגעלייענט סאַלטיקאָווס ווערק, נאָטירט טאַראַס גריגאָראָוויטש אין זײַן טאָגבוך:

„ווי אויסגעצייכנט זײַנען די „Губернские очерки“!.. איך קני אין ערפורכט פאַר סאַלטיקאָוון... אָ, גאָגאָל, אונדזער אומשטערבלעכער גאָגאָל! מיט וואָס פאַר א פרייד וואָלט פול געוואָרן דײַן איידעלע נעשאָמע, ווען דו וואָלסט דערזען ארום זיך אַזעלכע געניאַלע שילער דײַנע. מײַנע פרײַנט! מײַנע ליבע! הייבט אײַער שטים פאַרן דאָזיקן אָרעמען, באַליידיקטן האַמוין! פאַרן דאָזיקן פאַרשוועכטן, וואָרטלאָזן סמערד!“

דער פּאָעט האָט גערופן די שרײַבער צום רעוואָליוציאָנערן און דעמאַסקירנדיקן וואָרט, וואָס זאָל דינען אַלס געווער פון קאַמף קעגן די אונטערדריקער, אַלס געווער פון קאַמף פאַר דער פרײַהײַט פון פאָלק.

## XI

דעם 20 סענטיאַבער אינדערפרי איז שעווטשענקאָ אָנגעקומען קיין ניזשני־נאָוו־גאָראָד. דאָ האָבן שוין אָפּ אים געוואַרט זשאַנדאַרמען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גלײַך נאָך זײַן אָפּפאָרן פון נאָוואָפּעטראָווסק איז אין פאָרט באַקומען געוואָרן א גע־היימער באַפעל פון פעטערבורג, אַז שעווטשענקאָ ווערט פאַרבאָטן צו קומען אין דער הויפּטשטאָט, און סע ווערט אים געגעבן רעכט צו וווינען בלויז אין אָרענבורג.

די ניזשעגאָראָדער פּאָליציי האָט באַגעגנט שעווטשענקאָן, גלײַך ווי ס'איז אָנגע־קומען די שיף, צוגענומען בא אים דעם פּאַספּאָרט און געקליבן זיך שוין אָפּצושיקן אים מיטן עטאַפּ קיין אָרענבורג. אָבער א מעדיצינישע עקספּערטיזע האָט פעסטגע־שטעלט, אַז שעווטשענקאָ איז ניט אימשטאַנד לאָזן זיך ווידער אין וועג, ביז ער וועט פולשטענדיק ניט געזונט ווערן. וועגן דער סיבע, פאַרוואָס מע פאַרהאַלט אים, האָט די פּאָליציי אָפּיציעל גלײַך ניט געגעבן צו וויסן שעווטשענקאָן. אין א בריוו פונעם 6 נאָיאַבער 1857 יאָר האָט דער פּאָעט געשריבן קיין אַסטראַכאַן צו זײַנע באַקאַנטע:

„די פּאָליציי האָט מיך פאַרהאַלטן אין ניזשני און ביז דעם נעכטיקן טאָג אַליין ניט געוווּסט, צוליב וואָס האָט זי מיך פאַרהאַלטן. און ערשט נעכטן האָט מען מיר פאָר־מעל געמאָלדן, אַז איך געפין זיך אונטער איר געהיימען מוטערישן אויפזיכט און אַז פונויבן האָט מען מיר פאַרווערט צו וווינען און אפילע דורכצופאָרן דורך די הויפּט־שטעט“ (פון ניט־פּובליקירטע מאַטעריאַלן פונעם אינסטיטוט פאַר ליטעראַטור פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אוססר).

די איינציקע טרייסט איז פאַר טאַראַס גריגאָראָוויטשן, ווי ער ווײַזט אָן אינעם זעלבן בריוו, געווען דאָס, וואָס אין ניזשני זײַנען געווען ביכער, זשורנאַלן, אָפּ וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט:



ט. שעווטשענקאָס אווטאָפּאָרטרעט

„מיר איז דאָ גוט, פריילעך, איך לייען אזוי, אז איך בין אזש געשוואָלן געוואָרן לייענענדיק. די זשורנאלן זײַנען אלע ביז איינעם פאר מיר דאָ...” (דאָרטן).

ניזשני־נאָווגאָראָד איז אין יענע יאָרן געווען איינער פון די הויפּט־צענטרען פון גערצענס אגיטאציע אין רוסלאנד. שוין אינעם ערשטן טאָג, ווען שעווטשענקאָ איז געקומען אהער, האָט ער געקריגן „צום איבערלייענען... די לאָנדאָנער אויסגאבע פון „Голос из России“. גערצענס נאָמען איז געוויס נאָך ביז דאן שעווטשענקאָן גוט באקאנט געווען פון דער רוסישער פּרעסע פון די 40־ער יאָרן. נאָך אף דער שיף דערמאנט ער אין זײַן טאָגבוך ווענגן איסקאנדערן (גערצענס פּסעוודאָנים). ער דערמאנט זײַן טרעפלעכן אפאָריזם ווענגן ניקאָלײַ דעם ערשטן, וועלכן גערצען (און נאָך אים שעווטשענקאָ) האָט אָנגערופן „Неудобозабываемый Тормоз“. אין ניזשני־נאָווגאָראָד באקענט זיך טאראס גריגאָראָוויטש מיט די נײַע אויסלענדישע אויסגאבעס פון גערצענס ווערק. ער לייענט די צווייטע לאָנדאָנער אויסגאבע פון „Крещенная собственность“ און שרײַבט: „הארציקע, ליבע, מענטשלעכע ווערטער!” ער מאָלט אראָפּ מיט ליבע אין טאָגבוך דעם פּאָרטרעט פונעם „פּארטריבענעם אפּאָסטאָל” גערצען, לייענט צום ערשטן מאָל דעם „Колокол“.

דערזען די „Полярная звезда“ גערצענס מיט די פּאָרטרעטן פון די באשטראָפטע דעקאבריסטן, האָט דער דיכטער ניט געקאָנט נאָכאמאָל ניט אויסדריקן זײַן אנטציקונג מיט די ערשטע רוסלענדישע פרײַהײַט־אָנזאָגער און זײַן צאָרן קעגן צאריזם.

אונטער דער ווירקונג פון גערצענס רעוואָליוציאָנערן געדאנק איז נאָך פעסטער געוואָרן שעווטשענקאָס פּאָעטישע שטים. אין „Неофіти“, ווי אויך אין אנדערע לידער, וואָס זײַנען געשריבן אין ניזשני־נאָווגאָראָד („Юродивий“, „Доля“, „Муза“, „Слава“), ווערט נאָך שטארקער זײַן קריטישער רעאליזם.

דעם 10 פעוורואל 1858 יאָר איז טאראס גריגאָראָוויטשן דערלויבט געוואָרן, אין רעזולטאט פון די הישטאדלעסן פון זײַנע פרײַנט, קומען קיין פּעטערבורג, אָבער מיטן באדינג, אז דאָ „זאָל איבער אים אײַנגעשטעלט ווערן א שטרענגער אופזיכט פון דער פּאָליציי, און אז די נאטשאלסטווע פון דער אקאדעמיע זאָל האָבן דעם געהעריקן אופזיכט, אז ער זאָל ניט אָנווענדן זײַן טאלאנט צום בייזן”.

דעם 8 מארט פאָרט שעווטשענקאָ פון ניזשני קיין פּעטערבורג דורך מאָסקווע. געקומען דעם 10 מארט קיין מאָסקווע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בא זײַנעם א נאָענטן פרײַנט — דעם באוווסטן רוסישן ארטיסט, אויך א געוועזענעם לײַבאייגענעם, מ. ס. שטשעפּקין, וועלכער האָט ניט לאנג צוריק באזוכט דעם פּאָעט אין ניזשני.

אין מאָסקווע פלעג שעווטשענקאָ זיך באגעגענען מיט רוסישע שרײַבער, צווישן אנדערע מיט ס. אקסאקאָוון, מיט וועלכן ער האָט זיך באפרײַנדעט. דאָ האָט ער זיך באקענט מיטן דעקאבריסט ס. וואָלקאָנסקי, וואָס האָט זיך צו יענער צײַט אומגעקערט פון סיביר.

# XII

דעמ 27 מארט 1858 יאָר איז דער פאָעט געקומענ קיינ פעטערבורג.

מיט אכטונג אונ מיט ערע באגעגנט מענ דאָ טאראס גריגאָראָוויטשנ אינ די ליטעראַרישע סאלאָנענ; ער נעמט אָנטייל אינ פילצאָליקע ליטעראַרישע אָוונטנ אונ האָט דאָרט אנ אויסשליסלעכנ דערפאָלג.

דער באַוווסטער גרוזינישער קולטור־טוער ד. קיפאניני, וואָס פלעג זײַנ אפ די ליטעראַרישע אָוונטנ אינ פעטערבורג, שרײַבט אינ א בריוו צו זײַנ פרוי דעמ 13 נאָיאבער 1860 יאָר:

„אייערנעכטנ בינ איכ געווענ אפ אנ עפנטלעכער פאָרלעזונג פונ שריפטשטעלער אינ פאסאזש. ס'האָבנ געלייענט: בענעדיקטאָוו — אויסגעצייכנט; אונדזער פאָלאָנסקי, איצט דאָ אנ אויסגעצייכנטער פאָעט, — גוט; מײַקאָוו — אויסגעצייכנט; דאָסטאָיעווסקי, פיסעמסקי — נישקאָשע; שעווטשענקאָ — א דיכטער אונ א מאָלער — בעסער פונ אלע... דער זאל איז געווענ פול געפאקט...“

געפינענדיק זיכ צווישנ די אָנגעזעענסטע טוער פונ דער רוסישער קולטור, איז שעווטשענקאָ ארײַנגעטראָטנ אינ פארבינדונגענ מיט די קרײַזנ פונ זשורנאל „Современник“. זיי האָבנ אמערסטנ אנטשפרעכט צו זײַנע אידייענ אונ שטרעבונגענ, דאָ זײַנענ פארייניקט געווענ די בעסטע פאָרשטייער פונ דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע: טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, נעקראסאָוו, סאלטיקאָוו, קוראָטשקינ אא.

אפ די אָוונטנ בא קאָסטאָמאראָוונ באגעגנט ער זיכ מיט נ. ג. טשערנישעווסקינ, מיטנ גרוזינישנ שרײַבער א. צערעטעלי, אפ די אָוונטנ בא אָ. וו. ניקיטענקאָנ — מיט נעקראסאָוונ. שעווטשענקאָ האָט זיכ נאָענט באפרײַנדעט מיטנ דיכטער קוראָטשקינ.

אופמערקזאמ נאָכשפירנדיק נאָכ דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור, פלעג שעווטשענקאָ זיכ אָפרופנ מיט זײַנ פאָעטישנ וואָרט אפ די קעמפערישע פאָליטישע לאָזונגענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע.

ווענ דער שווארצמייעדיקער זשורנאל „Иллюстрация“ איז ארויסגעטראָטנ מיט אנ אנטיסעמיטישנ אויספראל קעגנ געבנ די יידנ בירגער־רעכט, האָט טשערנישעווסקי צוזאמענ מיט אנדערע פובליקירט א פראָטעסט קעגנ דעמ דאָזיקנ ווליגאנישנ אויספראל פונ „Иллюстрация“. צומ דאָזיקנ פראָטעסט האָבנ זיכ פארייניקט ט. שעווטשענקאָ אונ מארקאָ וואָווטשאָק.

דעמ 1 אָקטיאבער 1858 איז אינ גערצענס „Колокол“ אָפגעדרוקט געווענ אנ אנאָנימער בריוו — א ווענדונג צו די אונטערדריקטע לײַבייגענע מאסנ פונ רוסלאנד:

„צי הערט איר, אָרעמע? אומזיניק זײַנענ אײַערע האָפענונגענ אפ מיר“, — זאָגט צו אײַכ דער קייסער. אפ וועמענ־זשע איז צו האָפנ איצט? אפ די פריצימ? זיי האלטנ דאָכ איינ האנט מיטנ קייסער, אונ דער קייסער איז קלאָר אפ זייער זײַט. אפ זיכ אליינ נאָר האָפט, אפ דער קראפט פונ אייגענע הענט: שארפט אָנ די העק, אונ צו דער ארבעט...“

דער רופ צו דער האק האָט גלײַכ געפונענ אנ אָפקלאנג בא שעווטשענקאָנ. ווי נאָכ דעמ דיכטער איז באקאנט געוואָרנ דער דאָזיקער בריוו, שרײַבט ער אינ נאָיאַ-בער 1858 יאָר א ליד, רופנדיק צומ פאָלק:

„קײנ גוטס ניט ווארט, קײנ גוטס ניטאָ,
ניט ווארט אפ דער געגארטער פרײַהײַט —
זי שלאָפט, די פרײַהײַט: ער, מיקאָלע,
האָט זי פארשלעפערט. קעדײי זי וועקנ,
די שוואכע פרײַהײַט, אלע דארפנ
אינײינעמ גוט דעמ אָבוכ שטאָלנ,
אינײינעמ גוט די האק פארשארפנ,
דערנאָכ זיכ נעמענ שוינ צומ וועקנ!"

זײער באוויַזלעכ איז דער פאקט, וואָס אינגיכנ איז אינ גערצענס „Колокол" אָפגעדרוקט געוואָרנ טשערנישעווסקיס בריוו, ווו ס'איז פראָקלאמירט געוואָרנ: „צו דער האק רופט רוס (Русь)!"

ס'איז ניט צופעליק, וואָס מיר טרעפנ בא טשערנישעווסקינ אונ שעווטשענקאָנ דעמ דאָזיקנ געמײנזאמענ לאָזונג. דאָס זאָגט אײדעס וועגנ דער נאָענטקײַט פונ שעווטשענקאָנ צו טשערנישעווסקינ, אלס זײַנ מיטקעמפער אונ מיטדענקער.

* * *

ענדע מײַ 1859 יאָר באקומט דער דיכטער נאָכ לאנגע הישטאדלעסנ א דערלוי-בעניש ארויסצופאָרנ קײנ אוקראַינע. נאָכ אײדער ער איז אהער געקומענ, איז אימ די געהײמע פאָטשט פונ דער זשאנדארמעריע-פארוואלטונג פארלאָפנ דעמ וועג. אינ קיעווטשטשינע, פאָלטאָווטשטשינע אונ טשערניגאָווטשטשינע זײַנענ דער אָרטיקער מאכט געגעבנ געוואָרנ געהײמע אינסטרוקציעס וועגנ אופזיכט איבערנ דיכטער.

זײַענדיק אינ די דערפער פונ אוקראַינע, האָט טאראס גריגאָראָוויטש אָפט גע-פירט שמועסנ מיט די פויערימ. וועגנ דעמ אינהאלט פונ די דאָזיקע שמועסנ איז אינ די זשאנדארמישע מיטײלונגענ געווענ געשריבנ: „שעווטשענקאָ האָט, כוץ גאָט-לעסטערײַ, נאָכ גערעדט וועגנ דעמ, אז מע דארפ ניט קײנ קײסער, ניט קײנ גאַ-לאָכימ, ניט קײנ פריצימ".

אינ יול האָט מענ דעמ פאָעט ארעסטירט אונ אונטערנ אופזיכט פונ זשאנדארמענ אוועקגעשיקט קײנ פעטערבורג. געשטיצט דורכ טשערנישעווסקיס קרײַז, נעמט זיכ דאָ שעווטשענקאָ מיט ברענ צו שעפערישער ארבעט, ער גרײט צומ דרוק א נײַע אויסגאבע פונ „Кобзар".

אינ די פאָלקס-מאסנ איז גיכ געוואקסנ שעווטשענקאָס פאָפולערקײַט. זײַנע רעוואָ-ליוציאָנערע לידער, וואָס פלעגנ פארשפרײט ווערנ אינ האנטשריפטלעכע קאָפיעס, פלעגנ טיפ ארײַנדרינגענ אינעמ פאָלקס-באוווסטזײַנ. מע פלעגט זײ פארשפרײטנ אומ-לעגאל צוזאמענ מיט די ווערק פונ טשערנישעווסקינ, דאָבראָליובאָווּנ, גערצענענ. דעמ

דיכטערס נאָמענ ווערט באוווסט ווײַט אויסער די גרענעצנ פונ רוסלאנד. אינ לײפּציג איז אינ 1859 יאָר ארויסגעגעבנ געוואָרנ א זאמלונג פונ זײַנע לידער צוזאמענ מיט פּושקינס לידער.

טשערנישעווסקי אונ זײַנע פרײַנט האָבנ מיט אויסשליסלעכער ווארעמקײַט זיכ באצויגנ צומ גרויסנ אוקראַינישנ דיכטער. מיטנ אָנטייל פונ טשערנישעווסקינ באשליסט דער קאָמיטעט פונ דער ליטעראַרישער געזעלשאפט זיכ צו ווענדנ צו פּליאָרקאָווסקינ, אז ער זאָל באפרײַענ פונ לײַבייגנטומ שעווטשענקאָס קרויווימ, „אויס אכטונג צו דער ליטעראַטור ביכלאל, אונ בּיפראט צו די פארדינסטנ פונ טאראס שעווטשענקאָ, וועלכער האָט דעראָבערט אנ אָנגעזעענ אָרט אינ דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור".

שעווטשענקאָנ האָט אָבער באומרויִקט ניט בלויז דער גורל פונ זײַנע קרויווימ־לײַבייגענע. זײַנ גאנצנ שעפערישנ ברענ, די גאנצע ליידנשאפט האָט ער אוועקגעשענקט דער אידיי פונ פאָלקס־באפרײַונג. דער דיכטער האָט גערופנ צו קאמפ, אונ ביזנ סאָפ פונ זײַנ לעבנ האָט ער געגלייבט אינעמ טריומפ פונ דער פאָלקס־פרײַהײַט.

דעמ 10 מארט (דעמ 26 פעווראל לויטנ אלטנ סטיל) 1861, אפנ 47־טנ יאָר פונ זײַנ לעבנ, איז שעווטשענקאָ געשטאָרבנ. פונקט ווי פריִער האָט דער צאריזמ געהארגעט פּושקינענ אונ לערמאָנטאָווג מיט דער פארעטערישער האנט פונ דאנטעסנ אונ מארטינאָווג, פּונקט אזוי איז פאר שעווטשענקאָנ אויסגעקליבנ געוואָרנ א ניט־ווייניקער נידערטרעכטיק מיטל: דער צאריזמ האָט פארפײַניקט דעמ דיכטער מיט דער הילפ פונ טורמעס, סאָלדאטשינע אונ טאָגטעגלעכער אכזאָריעסדיקער אונטערדריקונג. ניט קאָנענדיק אונטערברעכנ דעמ דיכטערס רעוואָליוציאָנערנ גײַסט, האָט דער צאריזמ פארניכטעט שעווטשענקאָנ פיזיש.

דער טויט פונ שעווטשענקאָ, די לעווײַע זײַנע אינ פעטערבורג אונ דאָס אריבערפירנ זײַנ קערפער קיינ אוקראַינע, קעדיי דאָ צו באהאלטנ אימ, ווי דער דיכטער האָט דאָס געוואָלט, „צווישנ ברייטע סטעפּעס, אינ מײַנ היימ אוקרײַנע, די ברייטפאָלעדיקע לאָנקעס, בערג אונ דניעפּר דער גרויסער זאָלנ זענ זיכ" — האָבנ ארויסגערופנ א גרויזאמע כוואַליע פונ דעמאָקראַטישע פאָלקס־מאניפעסטאציעס. דאָס פאָלק האָט אויסגעדריקט זײַנ ליבע צומ דיכטער אונ סינע צומ צאריזמ אונ פּריצנטומ. אינ די ערטער, ווו מע האָט דורכגעפירט דעמ דיכטערס טרונע, האָבנ די גוטבאזיצער געפאָדערט בא די גובערנאטאָרס מיליטער־וואכ פאר זייערע גיטער, — אזוי אופגערעגט זײַנענ געווענ די פּויערישע מאסנ.

דעמ דיכטערס קייווער אפנ טשערנעטשער בארג, לעמ קאניעוו, האָט ארויסגערופנ שרעק בא די ארומיקע פּריצימ. ס'פלעגנ ארומגיינ לעגענדעס, אז דער דאָזיקער קייווער איז געוואָרנ דער צענטער, ווו ס'פארזאמלענ זיכ פּויערישע בונטארנ, אז אינ דעמ קייווער זײַנענ באהאלטנ מעסערס.

דאָס געשטאלט פונעמ דיכטער־רעוואָליוציאָנער האָט שטענדיק געלעבט אינ דער פאָרשטעלונג פונעמ פאָלק. די צארישע זשאנדארמעריע אונ די צענזור האָבנ פארווערט שעווטשענקאָס ווערק, זיי האָבנ פארניכטעט זײַנע לידער אונ פארפאָלגט אלע

די, וואָס האָבנ געלייענט זיי און וואָס האָבנ באערט דעמ אָנדענק פונעמ גרויסנ פאָלקס־זינגער. אָבער „דער פארבאָט צו באערנ שעווטשענקאָנ, — האָט געשריבנ וו. אי. לענינ, — איז געווענ אזא אויסגעצייכנט, פרעכטיק, וווּנדערלעכ־גליקלעכ און געלונגענ מיטל פונעמ שטאנדפּונקט פונ אגיטאציע קעגנ דער רעגירונג, אז קיינ בעסערע אגיטאציע קאָנ מענ זיכ אפילע ניט פאָרשטעלנ".

די גרויסע אָקטיאבערישע סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע האָט פארוואנדלט שעווטשענקאָס שאפונג אינ א ווירקלעכנ אייגנס פונ מיליאָנענ אינעמ גרויסנ ראטנפאר־באנד. שעווטשענקאָ האָט געשריבנ:

„אינ געזינד אינ גרויסנ, נײַעמ
מיט א פרײַענ ווילנ
ניט פארגעסט אויכ מיכ דערמאנענ
מיט א וואָרט א שטילנ!"

ווי איינ גרויסע פרײַע מישפּאָכע, וועלנ די ברידערלעכע פעלקער פונעמ סאָציאַ־ליסטישנ לאנד, וואָס איז באשײַנט מיט דער קלוגשאפט פונעמ סטאלינישנ געני, ניט שטיל, נאָר מיט א פולער שטימ באצייכענענ דעמ 125־טנ יאָרטאָג פונ טאראס שעוו־טשענקאָס געבורט.

איבער אלע אומגעהייערע ראכוועסנ פונעמ גרויסנ סאָציאַליסטישנ פאָטערלאנד — פונ דער באלטיק ביז וולאדיוואָסטאָק, פונ די צאָפנדיקע ווינטערונגענ ביזנ שווארצנ יאמ — לויבט דאָס ראטנלאנד דעמ נאָמענ פונ שעווטשענקאָ — פונעמ גרויסנ פאָלקס־דיכטער, דעמ געטרײַענ זונ פונעמ אוקראַינישנ פאָלק.

אי. סטעבונ.

# אווטאָביאָגראפישע נאָטיץ
פונ
# טאראס שעווטשענקא

געשריבּנ (אינ דער דריטער פּערזאָנ) אינ דער ערשטער העלפטע יאנוואר 1860, אינ דער רוסישער שפּראך.

טאראס שעווטשענקאָ — א זונ פונ א פויער א לײַבײגענעם גריגאָרי שעווטשענקאָ. געבוירנ אינ 1814 יאָר פעווראל 25 אינ דאָרפ קירילאָווקע, זוועניגאָראָדקער אויעזד, קיעווער גובערניע, אינ דער אימעניע פונעם גוטבאזיצער וואסילי וואסיליעוויטש ענגעלגארדט.

אפנ אכטנ יאָר, געבליבנ אָנ טאטע־מאמע, האָט ער זיכ צוגעשלאָגנ צו א דיאטשאָק אינ א שול אלס א שילער — א פּאָפּיכאטש. אינ זייער א שווערער צווייײאָריקער אויסקומעניש איז ער דורכגעגאנגענ גראמאטיק, טשאסאָסלאָוו אונ לעסאָפּ אויכ פּסאלטיר.

דער דיאטשאָק האָט באמערקט, אז זײַנ שילער דער פּאָפּיכאטש האָט פרײַעצײַט, אונ ער הייבט אימ אָנ שיקנ לייענענ אפּ זײַנ אָרט פּסאלטיר נאָכ די שוינ בארויקטע נעשאָמעס פונ די לײַבײגענע פויערים אונ צאָלט אימ דערפאר די צענטע קאָפּעקע, קעדיי אימ אונטערמונטערנ.

אָבער ניט געקוקט אפּ אזא מילדער אופּמערקזאמקײַט צו זיכ מיצאד דעמ שטרענגנ ספּארטאנער דעמ לערער, האָט דער שילער דער פּאָפּיכאטש אינ איינעמ פונ די פיל טעג אונ נעכט, ווענ דער ספּארטאנער דער לערער צוזאמענ מיט זײַנ פרײַנט יאָנע לימער זײַנענ ביידע געווענ טויט־שיקער, מיט א ריינ געוויסנ אנטבלויזט דעמ הינטערכיילעק פונ זײַנ דערציִער אונ ווילטעטער אונ האָט אימ ארײַנגעשאָטנ א גרויסע דאָזע בערעזעווע קאשע. ער האָט ביז איבערזעט נעקאָמע גענומענ אונ האָט צוגענומענ עפּעס א ביכעלע מיט קונשטנ, אונ אינ דער זעלבער נאכט איז ער אנטלאָפנ אינ שטעטל ליסיאנקע, ווו ער האָט פאר זיכ געפונענ א לערער פונ מאָלערײַ, א פּאָטערל א דיאקאָנ, אויכ א ספּארטאנער.

דער שילער דער וואָגלער האָט א דרײַ טעג געדולדיק געטראָגנ עמערס וואסער פונ טיקיטש אונ האָט געריבנ קופּערפארב אפּ א בלעכ; אפנ פערטנ טאָג איז ער אנטלאָפנ, אנטלאָפנ אינ דאָרפ טאראסאָווקע צומ דיאטשאָק דעמ מאָלער, וואָס איז אינ דער געגנט געווענ בארימט מיט זײַנע בילדער פונ דעמ מארטירער

ניקיטע און פון איוואן דעם קריגער; דעם לעצטן פלעג ער צוליב גרעסערן עפעקט מאָלן מיט צווײ סאָלדאטסקע בענדלעך אױף דעם לינקן אָרבל.

צו אָט דעם אַפּעלעס האָט זיך געווענדעט דער שילער דער וואָגלער מיט א פעסטן ווונטש איבערצוטראָגן אַלע ניסיוינעס, אַבי א ביסל זיך אויסלערנען זײַן גרויסע קונסט. אָבער ווײ! אַפּעלעס האָט אויפמערקזאַם באַקוקט די לינקע דלאָניע פון דעם לומפּ און האָט אים ענדגילטיק אָפּגעזאָגט, ניט געפונען אין אים קיין טאַלאַנט ניט נאָר צו מאָלערײַ אָדער שוסטערײַ, נאָר אפילע צו באָנדערײַ.

אַז דער וואָגלער האָט פאַרלאָרן יעדע האָפענונג ווען עס איז צו ווערן כאָטש א מיטלמעסיקער מאָלער, האָט ער מיט א צעבראָכן האַרץ זיך אומגעקערט צוריק אין זײַן אייגן דאָרף מיט א ווונטש זיך פאַרדינגען פאַר אַן אָנטרײַבער אָדער פּאַסען די דאָרפישע טשערעדע און, שפּאַנענדיק נאָך דער טשערעדע שאָף און כאַזירים, לייענען דאָס געגאַנוועטע ביכעלע מיט די קונשטן.

אויך דאָס איז ניט מעקויעם געוואָרן. דער גוטבאַזיצער פּאַוועל וואַסיליעוויטש ענגעלגאַרדט, וואָס האָט נאָרוואָס געיאַרשנט דאָס פאַרמעגן פון זײַן שטיפפאָטער, האָט באַדאַרפט האָבן א יינגל, און דער אָפּגעריסענער שילער דער וואָגלער איז גלײַך אַרײַן אין א טיקענער קורטקע, אין טיקענע שאַראַוואַרעס, און צום סאָף איז ער געוואָרן א צימער־קאָזאַטשאָק. אין דעם אַמט פון א קאָזאַטשאָק האָט ער אינדערשטיל אָפּגעמאָלט מיט א בלײַשטיפטל, וואָס ער האָט אַרויסגעגאַנוועט באַם קאָנטאָרשטשיק, די בילדער פון סוזדאַלער שול, וועלכע האָבן באַפּוצט די פּריצישע צימערן. אַרומוואַנדערנדיק מיטן אָבאָז נאָך זײַן דידיטש קיין קיעוו, קיין ווילנע, קיין פּעטערבורג, האָט ער אין די אײַנפאָרן געגאַנוועט די געמעלן פון פאַרשיידענע היסטאָרישע העלדן, ווי: סאָלאָוויי ראַזבויניק, קולניעוו, קוטוזאָוו, קאָזאַק פּלאַטאָוו און אַנדערע, מיט א מיין זיי פינקטלעך אַראָפּקאָפּירן, ווען ער וועט האָבן פרײַע צײַט.

א צופאַל און פרײַע צײַט האָט ער געקראָגן אין ווילנע. דאָס איז געווען אין 1829 יאָר, דעקאַבער 6. דער פּאַן און די פּאַני זײַנען אַוועקגעפאָרן אױף א באַל אין די רעסורסן. אין שטוב האָט זיך אַלץ באַרויקט, אַלע זײַנען אַנשלאָפן געוואָרן. דעמלט האָט ער צעוויקלט די געגאַנוועטע אוצרעס, האָט אויסגעקליבן דעם קאָזאַק פּלאַטאָוו און האָט אָנגעהויבן אַראָפּקאָפּירן אים פינקטלעך און מיט ערפורכט. ער האָט שוין געהאַלטן בא די קליינע קאָזאַקעלעך, וואָס טאַנצן רײַטנדיק אַרום די געזונטע טלאָען פונעם קאָזאַק פּלאַטאָווס פערד, ווען די טיר האָט זיך צעעפנט, דער פּאַן און די פּאַני האָבן זיך אומגעקערט פון באַל.

דער פּאַן האָט מיט אַכזאָריעס אָנגעריסן אים די אויערן, האָט אים דערלאַנגט פּעטש, קלוימערשט דערפאַר, ווײַל ער האָט געקאָנט פאַרברענען ניט בלויז דאָס הויז, נאָר די גאַנצע שטאָט. אױפן צווייטן טאָג האָט דער פּאַן געהייסן דעם קוטשער סידאָרקע, ער זאָל אים גוט אָנשמײַסן, און דער באַפעל איז מיט פלײַס אויסגעפילט געוואָרן.

אין 1832 יאָר אין ס.־פּעטערבורג, לויט זײַנע אומופהערלעכע ביטעס, האָט דער גוטבאַזיצער אים פאַרקאָנטראַקטירט אױף פיר יאָר צום צעך־מײַסטער פון פאַרשיידענע


Тарас Шевченко сын крепостного
крестьянина Григория Шевченка. Родился
в 1814 году февраля 25 в селе Кирил-
ловке, Звенигородского уезда Киевской
губернии. В имении помещика Василия
Васильевича Энгельгардта. На 8-мом
году лишившись отца и матери, прию-
тился он у дьячка в школе в
виде школяра попихача. По шествии
двухлетних испытаний, про-
шел он грамматику, часослов, и
наконец Псалтирь. Дьячок убедив-
шись в бездарности своего школяра
Попихача, поручил его вместо
себя читать псалтирь по усопшим
крепостным душам, за что и пла-
тил ему десятую копейку в
виде поощрения. Но несмотря на столь
лестное для себя внимание сурового
спартанца учителя, в один из
многих дней и ночей [illegible]. Когда спар-
танец упился с своими другом
[illegible] [illegible] были [illegible]
[illegible], школяр [illegible] попихач

**דער מאנוסקריפט פון ט. שעװטשענקאָס אױטאָביאָגראפיע (1860)**

פאָטאָ כוגעם ערשטן זײַטל

מאָלערישע איניאָנים, צו איינעם שירײַעוו. שירײַעוו איז געווענ נאָכ היציקער פונ אוועלכנ ס'ניט איז דיאַטשאָק א ספּאַרטאַנער. ניט געקוקט אָבער אפ אלע לײדנ, איז ער אינ די ליכטיקע זומערדיקע נעכט געלאָפנ אינ זומער־גאָרטנ מאָלנ די מיִעסע אומגעלומפּערטע סטאַטועס — די ווירדיקע באַפּוצונג פונ פּיאָטערס גאָרטנ.

אינ דעמ גאָרטנ האָט ער צו אָט דער צײַט אויכ אָנגעהויבנ מאַכנ עטיודנ אינ דער פּערזנ־קונסט; פונ די פּילצאָליקע פּרוּוונ האָט ער שפּעטער אָפּגעדרוקט נאָר איינ באַלאַדע „Причинна“ („די פּאַרקישעפּטע”).

אפ איינעמ פונ אָט די סעאַנסנ האָט ער זיכ באַקאַנט מיטנ קינסטלער איוואַנ מאַקסימאָוויטש סאָשענקאָ, מיט וועלכנ ער איז נאָכ ביז איצט אינ סאַמע הארציקסטע ברידערלעכע באַציִונגענ. לויט דער אייצע פונ סאָשענקאָנ האָט ער אָנגעהויבנ פּרוּוונ מאָלנ בילדער פונ דער נאַטור מיט אַקוואַרעל. פאַר די פּילצאָליקע פּרוּוונ האָט אימ געדולדיק ווי א מאָדעל געדינט זײַנ לאַנדסמאַנ אונ פרײַנט דער קאָזאַק איוואַנ נעטשיפּאָרענקאָ, א לײַבייגענער בא דעמ זעלבנ ענגעלגאַרדטנ. איינמאָל האָט דער זעלבער ענגעלגאַרדט דערזענ בא נעטשיפּאָרענקאָנ די אַרבעט פונ זײַנ לײַבייגענעמ דעמ קינסטלער. די אַרבעט איז אימ, ווײַזט אויס, זייער געפעלנ געוואָרנ, ווײַל ער האָט אָנגעהויבנ אימ אויסנוצנ אפ אראָפּנעמענ פּאָרטרעטנ פונ זײַנע ליבע געליבטע. פאַר די פּאָרטרעטנ פלעג ער אימ אמאָל באַלוינענ מיט א רובל זילבער, ניט מער.

אינ 1837 יאָר האָט אי. מ. סאָשענקאָ אימ פאָרגעשטעלט דעמ קאָנפערענצ־סעקרעטאַר פונ קונסט־אַקאַדעמיע, וו. אי. גריגאָראָוויטשנ. קעדיי אימ באַפרײַענ פונ זײַנ אומגליקלעכנ שטאַנד, האָט וו. אי. גריגאָראָוויטש וועגנ אימ געבעטנ וו. א. זשוקאָווסקינ, אונ וו. א. זשוקאָווסקי האָט פריִער זיכ דערוווּסט באַמ גוטבאַזיצער די פרײַז אונ האָט געבעטנ ק. פּ. בריולאָוונ אָנמאָלנ זײַנ, וו. א. זשוקאָווסקיס, פּאָרטרעט פאַר דער קייזערלעכער פאַמיליע, קעדיי אימ פּלעטנ אינ דער לאָטעריי אינ דעמ קייסערס הויזגעזינד. דער גרויסער בריולאָוו האָט גערנ מאַסקימ געווענ. דעמ פּאָרטרעט האָט ער אָנגעשריבנ. וו. א. זשוקאָווסקי האָט מיט דער הילפּ פונ גראַפ מ. יו. וויעליעגאָרסקי אײַנגעאָרדנט א לאָטעריי אפ 2500 רובל אַסיגנאַציעס, אונ פאַר אָט דער סומע איז געקויפט געוואָרנ די פרײַהײַט פונ טאַראַס שעווטשענקאָנ אינ 1838 יאָר, אַפּרעל 22. פונ יענעמ טאָג האָט ער אָנגעהויבנ באַזוכנ די קלאַסנ פונ דער קונסט־אַקאַדעמיע אונ איז גיכ געוואָרנ איינער פונ די באַליבטסטע שילער־כאַווײרימ פונעמ גרויסנ קאַרל בריולאָוו.

אינ 1844 יאָר האָט מענ אימ באַערט מיטנ טיטל פרײַער קינסטלער, אונ אינ 1847 יאָר האָט מענ אימ אַרעסטירט איניינעמ מיט קאָסטאָמאַראָוונ, קולישנ אונ אַסאַכ אַנדערע, לויט דער מעסירע פונ א סטודענט פונ קיִעווער אוניווערסיטעט, איינעמ פּעטראָוו. אָנ געריכט אונ אָנ אויספאָרשונג האָט מענ זיי צעשיקט אינ פאַרשיידענע פעסטונגענ, אונ דעמ 30 מײַ דעמ זעלבנ יאָר האָט מענ פונ קאַזעמאַט פונ דעמ 3־טנ אָפּטייל ט. ג. שעווטשענקאָנ פאַרשיקט אינ אָרסקער פעסטונג אונ דערנאָכ אינ נײַ־פּעטראָווסקער רעדוט מיט א שטרענגנ פאַרבאָט צו שרײַבנ אונ מאָלנ.

אינ 1858 יאָר, 22 אויגוסט, האָט מענ אימ, לויט דער היִשטאַדלעס פונ דער גראַפנ

אנאסטאסיא איוואנאָוונא טאָלסטאיא, באפרײַט פונ נײַ־פּעטראָווסקער רעדוט, אונ ווידער טאקע לויט איר ביטע האָט מענ אלערגנעדיקסט באפוילנ אימ זיכ געפינענ אונטערנ אופזיכט פונ דער פּאָליציי אינ דער הויפּטשטאָט אונ זיכ פארנעמענ מיט זײַנ קונסט.

זומער 1859 יאָר, נאָכ א לאנגער אונ שווערער צעשיידונג, האָט ער דערזענ ווידער זײַנ שיינ פּאָטערלאנד, זײַנע ברידער אונ זײַנע שוועסטער לײַבייגענע אונ האָט בעשאָלעמ אינ הארבסט זיכ אומגעקערט צו דער קונסט־אקאדעמיע, ווו אדאנק די אָנפירער פונ דער אקאדעמיע פארנעמט ער זיכ מיט דער ליבע פונ אנ עכטנ קינסטלער מיט גראוויור, אקווא־טינטא אונ אקווא־פּאָרטא.

נאָכ לאנגער צוויייאָריקער שלעפּעניש האָט דער הויפּט־צענזור־קאָמיטעט אימ דערלויבט אָפּדרוקנ בלויז די פונ זײַנע ווערק, וואָס האָבנ זיכ געדרוקט ביז 1847, נאָכ דעמ ווי מע האָט פונ זיי אפּריער אויסגעמעקט צענדליקער זײַטנ (פּראָגרעס!).

1860 יאָר, אינ דער ערשטער העלפט יאנוואר.

# לידער און פּאָעמעס

## די פּאַרקישעפּטע

ער ברומט, ער קרעכצט, דער דניעפּר דער ברייטער,
א ווילדער ווינט הוילט בייז און שאַרף,
די הויכע ווערבעס בייגט און דרייט ער,
ווי בערג, די כוואַליעס הייבט און וואַרפט.
די לעוואָנע, בלאַס, פון צייַט צו צייַט נאָר
פון הינטער וואָלקנס כאַפּט א בליק,
גלייַך ווי א שיף אין יאַם אין ווייַטן,
אָט שווימט אַרויף, אָט זינקט צוריק.
דער דריטער האָן האָט ניט געקרייט נאָך,
קיין רויש ניט שטערט די נאַכט, דעם שלאָף,
אין וואַלד נאָר רופט א סיטש דעם צווייטן,
דער יאַסען סקריפּעט אָן א סאָף.

דאָרט הינטער באַרג, אין אַזאַ וועטער,
באַם דניעפּער אַף דער לאָנקע,
באַם שוואַרצן וואַלד, באַם סאַמע וואַסער
אין ווייַסן עמעץ בלאָנקעט.
צי ס׳אַרויס א וואַסער־מיידל,
זי זוכט איר מוטער איצטער,
מעגלעך, אַף א קאָזאַק וואַרט זי,
אים ביז טויט פאַרקיצלען.
ס׳בלאָנקעט דאָרט ניט קיין רוסאַלקע,

ס׳בלאָנדזשעט אום א מיידל,
ווייסט אליין ניט (ס׳איז א דולע),
ווו זי גייט און שטייט דאָ.
ס׳האָט א טרעפערן געטאָן דאָס,
זי זאָל מער ניט דארן,
זי זאָל יעדע נאכט דאָ קומען,
שלאָפנדיק דאָרט ווארטן
אפן קאָזאק אפן יונגן.
צוגעזאָגט צו קומען,
פאראיאָרן זי פארלאָזט נאָך,
ווייזט אויס, אומגעקומען!
ניט באשערט מיט רויטן דעקטוך
אים באדעקט צו ווערן,
דאָס געזיכט ניט אויסגעוואשן
האָבן מיידלס טרערן.
ס׳פיקט אן אָדלער זיינע אויגן
אפ די פרעמדע פעלדער,
ס׳פרעסן וועלף זיין ווייסן קערפער,
ס׳איז אזוי באשערט אים.
נאָר אומזיסט שוין ווארט דאָס מיידל,
יעדע האלבנאכט ווארט זי...
ס׳וועט דער קאָזאק זיך ניט קערן,
ניט באגריסן צארט זי,
אירע האָר וועט ער ניט פלעכטן,
דאָס טיכל איר ניט גלעטן;
ניט אין בעט — אין טרונע ליגן
די יעסוימע וועט שוין.

אזוי איז באשערט. אָ, גאָט מיין ליבער,
פארוואָס זי באשטראָפסטו? ז׳איז יונג און זי לעבט.
דערפאר, וואָס זי קאָן אזוי אופריכטיק ליבן
קאָזאקישע אויגן?.. דער יעסוימע פארגיב!
נו, וועמען־זשע ליבן? קיין טאטע, קיין מאמע,

זי איז, ווי א פויגל אינ ווילד־פרעמדנ קאנט.
איז שיק־זשע איר גליק שוינ — א יוגנט אזא מינ, —
עס וועלנ זי פרעמדע דאָך מאכנ צו שאנד.
איז שולדיק א טויב, אינ איר ער א פארליבטע?
איז שולדיק דער ער, וואָס דער פאלק אימ דערשלאָגט?
זי טרויערט, זי מורמלט, זי פליט א באטריבטע,
זי מיינט, אז פארבלאָנדזשעט האָט ער, אונ זי קלאָגט.
דאָס טייבל איז גליקלעכ, עס פליט אינ די הייכנ,
קאָנ פליענ צומ הימל, א פרעג טונ בא גאָט.
ווער גיט דער יעסוימע א ריכטיקנ צייכנ,
אונ ווער וועט איר זאָגנ, אנ ענטפער ווער האָט:
צי נעכטיקט איר ליבער אינ וועלדל אינ שווארצנ,
אינ גיכנ דונייַ גיט ער טרינקענ זייַנ פערד,
צי עפשער א צווייטע ער דריקט גאָר צומ הארצנ,
פונ איר, דער שווארצברעמיקער, טראכט ער ניט מער?
די פליגל פונ אָדלער, ווענ זי זאָל זיי האָבנ,
וואָלט אפ יענער זייַט יאמ אימ צו זיכ אומגעקערט,
אונ לעבט ער — געליבט אימ, באגראָבנ די צווייטע,
אונ אויב ער איז טויט — איז מיט אימ אינ דער ערד.
ניט אזוי ליבט דאָס הארצ, עס זאָל יענעמ פארטרויענ, —
עס וויל ניט אזוי, ווי ס׳האָט גאָט דעמ פארזאָגט,
עס וויל ניט דאָס לעבנ, עס וויל ניט דעמ טרויער,
נאָר ס׳זאָגט דער געדאנק: „דו טרויער אונ זאָרג!"
אָ, גאָט מייַנער ליבער! אזוי איז דייַנ ווילנ!
אזוי איז איר גורל באשטימט דאָרט אינ הימל.

זי גייט אלצ אומ, קיינ הויכ פונ ליפנ!
דער ברייטער דניעפר ניט טוט קיינ רויש,
דער ווינט די כמארעס האָט צעטריבנ,
אונ נעבנ יאמ ער רוט זיכ אויס.
די לעוואָנע־שייַנ זיכ גיסט פונ הימל,
אפ וואלד, אפ וואסער — שטיל, קיינ טומל,
ווי נ׳אנ אויער. אלצ שוינ שווייַגט.

נאָר אָט — און פון דעם דניעפּער שטײַגט
א הײַפל לאַכנדיקע קינדער.
— „היי, קומט זיך וואַרמען! — הילכן רופן. —
די זון גייט אויף!“ (נאַקעט, הויל,
פון זומפּגראָז צעפּ — אַלע מיידלעך).
— „איר זײַט דאָ אַלע? — רופט די מוטער: —
קומט זוכן אָוונט־עסן, קומט
א שפּיל צו טון, א שפּרינג צו טון,
א לידעלע א זינג צו טון:
„אוך! אוך!
דו שטרויענער גערוך!
ס'האָט די מאַמע מיך געבוירן,
ניט געטויפטערהייט פאַרלוירן.
לעוואָנע פײַנע,
הייב אָן שײַנען!
דו קום צו אונדז אַפּ וועטשערע,
עס ליגט א קאָזאַק אין אָטשערעט דאָ.
אין אָטשערעט, אין גראָז — א יונג,
אַפּ דער האַנט א זילבערנער רינג.
ליגט א קאָזאַק, שוואַרצע ברעמען,
נעכטן ערשט אין וואַלד דערזען אים.
שײַן אין פרײַען פעלד, לעוואָנע,
אַז מיר זאָלן הוליען קאָנען,
ביז עס פליִען די מאַכשייפעס,
ביז עס קרייען ניט די האָנען,
שײַן־זשע, שײַן. אָט גייט דאָרט עפּעס,
זיך באַם ברייטן דעמב פאַרטשעפּעט.
אוך, אוך!
דו שטרויענער גערוך!
ס'האָט די מוטער מיך געבוירן
ניט געטויפטערהייט פאַרלוירן“.
רוסאַלקעס הוליען... דער געפּילדער
הילכט אָפּ אין וועלדל. א קוראַש —

און אָט, זיי לאָזן זיך, ווי ווילדע,
צום דעמב זיי לויפֿן. שטיל... שאַ...
זיי שטעלן אָפּ זיך און זיי זעען,
עפּעס שווינדלט דאָרטן,
אף א שטאם נעמט שטײַגן
ביז די העכסטע צווײַגן.
ס׳איז דאָס מיידל, וואָס האָט אָקאָרשט
דאָ אין שלאָף געוואנדערט.
ס׳האָט די טרעפּערן איר עפּעס
אָפּגעטאָן, ניט אנדערש.
אפן העכסטן צווײַג געשטעלט זיך...
ס׳טוט אין הארץ א שניט איר.
קוקט זיך אום אף אלע זײַטן
און אראָפּצו נידערט.
ארום דעמב זײַנען געשטאנען
די רוסאלקעס אלע;
און גענומען און פארקיצלט
האָבן זיי די קאלע.
לאנג געקוקט אף יונגער שיינהײַט,
אף איר לײַב דעם בלאסן...
די דריטע האָנען: קו־קו־רע־קו! —
פֿליוך! ארײַן אין וואסער.

האָט צעזונגען זיך א לערכל,
פֿליט אלץ העכער, העכער;
אפן דעמב האָט זיך צעקוקעט
די זאָזוליע — די קוקאווקע.
ס׳האָט א נאכטיגאל צעשפּילט זיך,
דער וואלד אים ענטפערט ווידער,
מיזרעך רויטלט זיך. באַם אקער
זינגט א פּויער לידער.
שווארצט דאָס וועלדל זיך באַם וואסער,
ווו ס׳האָט דער ליאך געלויערט,

די קורגאַנען בײַ דעם דניעפּער
הײבן אָן צו בליִען.
לויפֿט אַ שאָרעך דורך דעם װעלדל,
פֿליסטערן די גראָזן,
און בײַם דעמב עס שלאָפֿט דאָס מײדל,
לעבן שליאַך פֿאַרלאָזן.
שלאָפֿט, אַפּאַנעם, פֿעסט און פֿילט ניט,
װי קוקאַװקעס רופֿן,
אױב זי צײלט ניט מער די יאָרן...
גוט, װײַזט אױס, אַנשלאָפֿן.

און דערװײַלע קומט אַ קאָזאַק
פֿונעם װאַלד צו רײַטן;
אונטער אים דאָס שװאַרצע פֿערדל
פּאָכט שװער מיט די זײַטן.
„אױסגעמאַטערט האָסט זיך, כּװער!
מירן הײַנט רוען בײדע:
ס'איז בײַם אַלד די שטוב, װוּ דעם טױער
עפֿ'נען װעט דאָס מײדל.
עפּשער האָט זי שױן געעפֿנט,
נאָר ניט מיר — אַ צװײטן...
גיכער, פֿערדל, ניט געזאַמט זיך,
גיכער פּרוּװ אַ גײ טון!"
אױסגעמאַטערט איז דאָס פֿערדל,
גײט און זיך ספּאָטיקעט, —
בײַם קאָזאַק — אַ שלאַנג אַ בײזע
אַרום האַרץ זיך װיקלט.
„אָט איז אױך דער דעמב דער ברײטער...
זי! אָ, גאָט מײַן ליבער!
אײַנגעשלאָפֿן איז מײַן טײַבל
און איך װאַלד פֿאַרבליבן!"
לאָזט ער אָפּ דאָס פֿערד און — נענטער:
„גאָט, אַ בראָך צו מײַנע יאָרן!"

און ער רופט זי, און ער קושט זי...
נאָר עס העלפט שוין גאָרניט.
„אוי, פארוואָס האָט זי צעשיידט אונדז,
אָט די בייזע כאָפּטע?"
א געשריי גיט, א צעלויפ זיך,
קאָפּ אָן דעמב צעקלאפּט ער.

אין פעלד שוין גייען מיידלעך שניידן,
מע זינגט, מע גייט; מע גייט, מע זינגט,
ווי א מוטער איר זון האָט באגלייט,
ווען ס'האָבן טאָטערס געשטרייט.
און אונטער דעמב דערזען: פארלאָזן
שטייט אן אויסגעמאָרעט פערד,
און נעבן אים — א יונגער קאָזאק
ליגט מיט א מיידל אפ דער ערד.
מ'איז נייגעריק (ס'איז עמעס, ליידער),
די פאָר זיי ווילן טון א שרעק,
דערזען, אז טויט זיי זיינען ביידע, —
און פאר שרעק — אנו אוועק!

געקומען זיינען כאווערטעס,
און געוויינט זיי האָבן,
געקומען די כאווײרימלעך
און גריבער געגראָבן.
גאלאָכים גייען, גלעקער קלינגען,
מע האָט די גרוב פארשאָטן,
די געמיינדע האָט באהאלטן,
ווי ס'האָט גאָט געבאָטן.
בא דעם ראנד פון וועג צוויי בערגלעך,
קוואָרים צוויי אין קאָרן,
ס'איז ניטאָ נאָר, ווער ס'זאָל פרעגן,
פארוואָס פארקירצט די יאָרן.
און פארפלאנצט מ'האָט יונגע ביימלעך

אינ אָנדענק פונ ביידנ,
א יאווערל דעמ קאָזאק,
א קאלינע דעמ מיידל.
קומט צו פליִענ די קוקאווקע,
קוקעט איבער יונגע,
אונ א נאכטיגאל אהערצו
אלע נאכט קומט זינגענ.
זינגט אונ צוויטשערט, ביז ס׳באווײַזט זיכ
אפנ הימל די לעוואָנע,
ביז רוסאלקעס פונעמ דניעפער
וואַרעמענ זיכ קומענ.

[ס.־פעטערבורג
1838]

# דומקא

דאָס וואסער שטראָמט אינ יאמ אינ בלויענ —
און צוריק שוינ ריינט ניט;
זוכט א קאָזאק און זוכט זײַנ מאזל —
דאָס מאזל געפינט ניט.
איז ער אוועק אינ גאָרער וועלט;
שפּילט דער יאמ דער בלויער,
שפּילט דאָס הארצ בא דעמ קאָזאק,
דער געדאנק באדויערט:

„וווהינ דו שפּאנסט און פרעגסט ניט קיינעמ;
אפ ווּעמענ לאָזטו איבער
דעמ טאטנ און די אלטע מאמע,
דאָס מיידל דײַנס, דײַנ ליבע?
דאָרט אינ דער פרעמד מיט יענע מענטשנ,
ס׳איז שווער מיט זיי צו ווינענ;
וועסט ניט האָבנ, מיט וועמענ ריידנ
און מיט וועמענ וויינענ".

זיצט דער קאָזאק אפ יענער זײַט, —
שפּילט דער יאמ דער בלויער.
געגאנ באגעגענע דאָס מאזל —
געטראָפנ האָט ער טרויער.

און בושעלעס אין שליסלען פליִען,
אהיים, אהיים זיך קערן.
וויינט דער קאַזאַק — דער ברייטער שליאך
פארוואקסן איז מיט דערנער...

[ס.-פעטערבורג
1838]

* * *

לידער מײַנע, דומעס מײַנע,
ווי איז אונדז אינצווייען!
וואָס האָט איר זיך אויסגעשטעלט
אין אומעטיקע רייען?
וואָס האָט ווינט אײַך ניט צעווייעט
אין סטעפּ, ווי שטויב פון וועגן?
ניט דערשטיקט האָט אײַך דער אומגליק,
ווי א קינד אן אייגנס?

מײַן אומגליק האָט אײַך אַפ געלעכטער געבאָרן,
באַגאָסן האָבן טרערן... וואָס זײַנט איר ניט פארפלייצט געוואָרן,
ניט אוועק אין יאַם, ניט צעשווומען אַפ פעלדער?
וואָלטן לײַט, וואָס טוט מיר ווי, מיך ניט געפרעגט,
ניט געפרעגט, פארוואָס, פארוואָס מײַן גורל שעלט איך?
וואָס פּלאָג איך זיך? „צופיל פוסטע טעג!" —
וואָלט מען ניט געשפעט...

קינדער מײַנע, קווייטן!
צו וואָס געכאָוועט אײַך, געהאַט מיט אײַך צו טון?
צי וועט אין גאָרער וועלט נאָך א הארץ א וויין טון,
ווי איך האָב מיט אײַך געוויינט?.. עפשער טאקע יאָ...
ס'וועט זיך געפינען א מיידלש
הארץ און אויגן קארע,
וואָס וועלן מיך לייענען, זיך צעוויינען —



207—4

איך וויל ניט מער און דארף ניט...
נאָר איין טרער פון קארע אויגן, —
איך בין א האר און קאָן זיך פרייען!
לידער מײַנע, דומעס מײַנע,
ווי איז אונדז איינצווייען!

---

צוליב א פאָר קארע אויגן,
צוליב ברעמען שווארצע
כ'האָב געפּײַניקט זיך, געווייטעקט,
געגאָסן רייד פון הארצן,
רייד געגאָסן, ווי געקאָנט נאָר.
אָ, די נעכט די שווארצע,
מיידלעך מײַנע צארטע...
יענע סטעפּעס, די קורגאנעס
פון מײַן לאנד אוקרײַנע,
ס'וויל מײַן הארץ דאָ אין דער פרעמד
ניט זינגען לידער דײַנע...
ניט געוואָלט אין וועלדער טיפע
די קאָזאקישע געמיינדע
מיט בולאוועס, מיט בונטשוקעס
אפ אן אייצע רופן...
זאָלן קאָזאקישע נעשאָמעס
אין אוקרײַנע שוועבן:
ס'איז אזוי ברייט און אזוי פריילעך,
אומעטום א לעבן...
ווי די פרײַהײַט, וואָס איז פארשוווּנדן,
ווי א יאם — דער דניעפּער,
קוואָרים — בערג, די „שוועלן" ברומען,
און ווײַטער — סטעפּ און סטעפּעס...
ס'איז די פרײַהײַט דאָרט געבאָרן,
דאָרט געטאנצט, געקוועלט דאָרט,
מיט דער שליאכטע, מיט די טאָטערס

האָט פארזייט די פעלדער,
האָט פארזייט דאָס פעלד מיט טויטע,
ביז ס׳איז נימעס שוין געוואָרן...
געלייגט זיך רוען... א בארג דערוויַיל
איז אויסגעוואקסן דאָרטן,
איבערן קייווער דער שווארצער אָדלער
פליט ארום, טוט וואכן,
און פאר ליַיטן וועגן קייווער
זינגען די קאָבזארן,
מענטשן, נעבעך, בלינדע, —
באזינגען אלץ, וואָס איז געשען,
וויַיל זיי ווייסן... און איך? איך וויין,
געוויין נאָר קאָן איך געבן,
כ׳האָב נאָר טרערן פאר אוקרייַנע,
קיין ווערטער ניט פאראנען...
און פארן אומגליק... צו אלדי רוכעס!
ס׳איז יעדערן באקאנט שוין!
באזונדערס דעם, וואָס קוקט די וועלט אָן
און מיטלייד האָט אפ מענטשן,
ער האָט אפ דער וועלט שוין דעם גענעמ,
און אפ יענער...

איך קאָן שוין
מיַין מאזל בעסער דאָ ניט מאכן,
באשערט אזא צו האָבן...
זאָלן ליידן לעבן אייביק, —
איך וועל זיי באגראָבן,
באגראָבן כ׳וועל די שלאנג די בייזע
לעבן הארצן נאָענט,
סאָנים זאָלן ניט דערזעען,
אז מיַין אומגליק האָט האנאָע.
דער געדאנק זאָל, ווי א קראָ,
קראקען און זיך יאָגן,

ווי א סאָלאָוויי, דאָס הארץ זאָל
אין באהעלטעניש קלאָגן,
זאָלן לייטן דאָ ניט לאכן,
ניט זעען און ניט וויסן...
ווישט ניט אָפּ נאָר מײַנע טרערן, —
זאָלן זיי זיך גיסן,
זאָלן גיסן טאָג ווי נאכט,
זאָל דאָס פרעמדע פעלד זיי זויגן,
ביז דער גאלעכ וועט מיט פרעמדן זאמד
פארשיטן מיר די אויגן...
אָט אזוי!.. וואָס קאָן מען טון?
טרויער העלפט מיט גאָרניט.
ווער דעם יאָסעם איז מעקאנע, —
זאָל אים גאָט באוואָרנען!

---

לידער מײַנע, דומעס מײַנע,
קוויטן מײַנע, קינדער!
אײַך געכאָוועט, אופגעצויגן, —
ווו אײַך איצט אהינטון?
אפ אוקרײַנע גייט איצט, קינדער,
אפ אוקרײַנע גייט איצט זינגען
אונטער פּלויט דאָרט, ווי יעסוימים,
און איך — איך וועל שוין דאָ פארזינקען...
דאָרט געפינט איר מילדע הערצער,
ווערטער שטילע, צארטע —
עפּשער, רום; דער רײנער עמעס
טוט אפּ אײַך דאָרט ווארטן...
איז באגריס זיי, מאמע ליבע,
אוקראינע מײַן שיינע,
מײַנע קינדער, מײַנע טריבע,
ווי א קינד אן אייגנס!

[ס.־פּעטערבורג
1839]

# דומקא

אוי, וואָס דאַרף איך שוואַרצע ברעמען
און די קאַרע אויגן,
יונגע פריידן, מיידל־יאָרן —
מיר אַף וואָס זיי טויגן?
מײַנע יונגע מיידל־יאָרן
פוסט אַזוי פאַרגייען,
אויגן ווײַנען, שוואַרצע ברעמען
פון ווינט זיך צעזייען.
ס'וועלקט דאָס האַרץ און ווערט פאַרומערט —
אַ פייגעלע אין שטײַגל,
און צו וואָס מײַן שיינקײַט טויג —
מײַן מזל ווײַט פאַרקײַקלט!
שווער צו לעבן אַף דער וועלט
אַ יעסוימע אַן עלנטע,
ס'איז ניטאָ מיט וועמען ריידן —
די אייגענע ווי פרעמדע.
ס'איז ניטאָ בײַ וועמען פרעגן,
פאַרוואָס די אויגן וויינען,
פאַרוואָס דאָס האַרץ טוט נאָגן,
ניטאָ איז זאָגן קיינעם.
און פאַרוואָס, גלײַך ווי אַ טײַבל,

בּרומט דאָס הארץ דאָס הייסע,
קיינער וועט בּא דעם ניט פרעגן,
קיינער הערט ניט, ווייסט ניט.
פרעמדע מענטשן וועלן ניט פרעגן, —
צוליב וואָס דאָס פרעגן?
זאָל זי וויינען, די יעסוימע —
יעסוימים ליידן מעגן.
וויין־זשע, הארץ, און וויינט איר, אויגן,
בּיז אנשלאָפן ווערן,
העכער וויינט און בּיטערער —
ווינטן זאָלן הערן.
זאָלן טראָגן עס די ווילדע
איבּער יאם דעם בּלויען,
דעם שווארצכייניקן פארפירער
פארשאפן פּיין און טרויער.

[ס.־פּעטערבּורג
1839]

# אפ ניט פארגעסנ

וו. אי. שטערנבערגג

ווײַט־ווײַט ווּעסטו פאָרנ,
וואָס זענ איז פאראנ דאָרט.
פארקוקסטו זיכ, פארזאָרגסטו זיכ,—
מיכ, ברודער, דערמאנ דאָרט!

ס.־פעטערבורג
[1840]

* * *

ס׳רעדט דער ווינט מיטן יונגן וועלדל,
מיטן גראָז זיך סוידעט;
אפ דונײַ דעם טײַך א שיפל
מיט דעם שטראָם זיך הוידעט.
שווימט דאָס שיפל, וואסער וויפל
אָנגענומען! קיינער
ניט פארהאלט דאָס... ס׳איז קיין פישער
שוין ניטאָ קיין איינער!
שווימט די שיף אין יאם אין בלויען,
כוואליעס־בערג דאָרט שוועבן,
פון דעם שיפל איז קיין שפענדל,
גאָרנישט ניט געבליבן.

ווי דער וועג פון קליינעם שיפל
ביז דעם יאם דעם ברייטן,
איז דער וועג פון וויסטן יאָסעם
אין דער פרעמד — צו לײַדן.
גוטע לײַט, ווי קאלטע כוואליעס,
צו דעם קינד דעם קליינעם
פריער שמייכלען, נאָכדעם קוקן,
ווי דאָס קינד טוט וויינען;
נאָכדעם פרעג זיי: ווו ז׳דער יאָסעם?
— ניט געזען האָט קיינער...

ס.־פעטערבורג

[1841]

# א כאָלעמ

(קאָמעדיע)

„דער גייַסט פונ עמעס, וואָס די וועלט וויל אימ ניט אָנעמענ,
ווייַל זי זעט אימ ניט אונ זי ווייסט אימ ניט“.

יאָהאנ, קאפּ. XIV, פערז 17.

יעדער האָט זייַנ אייגנ מאזל
אונ זייַנ שליאכ זייַנ ברייטנ:
יענער מויערט, יענער בויערט,
דער האָט אויגנ גרויסע,
אינ עק וועלט מיט גיר פארקוקט זיכ,
ווּ א לאנד, בא וועמענ
צו פארזשעבערענ אונ אינ קייווער
מיט זיכ עס פארנעמענ;
דער באנעמט זייַנ פרייַנט אינ קאָרטנ
בא דעם פרייַנט אינ הייַזל;
אפ זייַנ ברודער, זעט נאָר, דאָרטנ
איינער שארפט אנ אייַזנ;
דער — א ניכטערער, א שטילער,
פרומ צו אלדי רוכעס,
ווי א קאצ זיכ גאנוועט נעבנ,
ווענ די צייַט גייט אונטער,
מיט די נעגל דיר אינ לעבער, —

שרײַ ניט: ס'וועט ניט העלפֿן
דאָס געוויין פֿון ווײַב און קינדער;
יענער דאָרט איז גאָר א מילדער,
הויכע קלויסטערס מויערט
און דאָס פֿאָטערלאַנד פֿאַרגעטערט,
לײַדט דערפֿאַר און טרויערט,
מוז פֿון פֿאָטערלאַנד דעם זעלבן
בלוט, ווי וואַסער, זויגן!..
און דער אוילעם קוקט און שטומט,
אויסגעגלאָצט די אויגן,
ווי די שאָף:
„נו, זאָל ער, מיילע,
און עפּשער אַזוי דאַרף מען".

אַזוי דאַרף מען! ווײַל ניטאָ קיין גאָט,
ניטאָ אין הימל קיינער!
און איר, אין יאָך געשפּאַנט, אַלץ קריכט איר,
און עפּעס א גאַניידן דאָרט,
אַף יענער וועלט אַלץ זוכט איר.
ניטאָ! ניטאָ דאָרט גאָרניט!
א שאָד די מי! נו, גיט א טראַכט נאָר,
זעט די וועלט אַצינדער:
— אי דער קייסער, אי דער בעטלער
זײַנען אָדעמס קינדער!
אי דער... אי יענער... און איך וואָס טו?
אָט וואָס, מענטשן ווילע:
איך אום זונטיק, אינדערוואָכן
פֿריי איך זיך און הוליע,
און אײַך איז נודנע! ס'טוט אײַך באַנק!
כ'לעבן, אַז איך הער ניט!
איר שרײַט ניט! — איך טרינק מײַן אייגן בלוט,
קיין מענטשן־בלוט איך צער ניט!
אַזוי באַם פֿלויט זיך דורכגעקליבן

פון א הוליאנקע, שיקער, שוין באנאכט,
האָב איך זיך גייענדיק געטראכט,
ביז כ'האָב דערשלעפּט זיך צו מײַן שטיבל.
קיין קינדער שרײַען ניט בא מיר,
קיין ווײַב, קיין רייד ניט —
שטיל, ווי אין גאניידן,
גאָטס גענאָד אין ווינקלען פיר:
אין הארצן און אין כאטע.
כ'האָב שלאָפן זיך באשטאטן;
און אז א שיקער פאלט אין שלאָף,
מעגן דונערן הארמאטן —
ער שלאָפט שוין, און א סאָף.

און א כאָלעם, אוי, א כאָלעם, גאָר אף ווונדער,
האָט זיך מיר געכאָלעמט:
ס'וואָלט דער ניכטערסטער זיך אָנגעשיקערט,
א גוויר א קארגעניוק א גריוונע וואָלט געגעבן,
אבי א קוק טון אף די ווונדער;
נאָר ווייס איך וואָס!
קיינעם וועט עס ניט געלינגען.
איך קוק: אָט ווי א סאָווע א פלינקע
וועבט זיך איבער שטעגן, איבער ברעגן,
איבער טיפן, איבער יארן,
איבער פעלדער, איבער סטעפּעס,
איבער וועלדער.
און איך נאָך איר, נאָך איר זיך קער,
איך פלי און געזעגן זיך מיט דר'ערד.

„זײַ געזונט, וועלט! זײַ געזונט, ערד!
קאנט ניט־מילדער, קאלטער!
מײַנע פּײַנען, מײַנע ווילדע
אין די כמארעס באהאלט איך.
און דו, אָ, מײַן אוקרײַנע,

אלמאָנע מײַנע וויסטע!
צו דיר וועל איך פון וואָלקן פליִען,
מיט דיר א שמועס פירן;
שמועסן שטיל און טרויעריק
און אן אייצע האלטן;
און אין האלבער נאכט מיט טויען
מיט געדיכטע פאלן.
אן אייצע טון, א טרויער טון,
ביז די זון וועט זיך צעהעלן,
ביז עס וועלן דײַנע קינדער
קעגן פײַנט זיך שטעלן.

איז זײַ געזונט, מײַן מאמע, אָרעמע אלמאָנע!
שפּײַז די קינדער: עס לעבט דער עמעס
דאָרט בא גאָט, אפּאָנעם!"

מיר פליִען... כ'קוק — עס טאָגט שוין,
מיר אנטקעגן פלאמט דער ברעג פון הימל;
דער סאָלאָוויי די זון באגעגנט
מיט זינגענדיקן טומל;
דאָס פעלד אין נעפּל איז פארצויגן,
עס ציט א ווינטל פון באגינען;
איבער טײַכן, שטיל געבויגן,
ווערבעס צארטע גרינען;
אונטער לאסט פון פּרוכטן
סעדער טיף זיך נויגן,
און טאָפּאָליעס-היטערס
אין דעם טאָל זיך סוידען.
און דאָס אלצ... ס'שײַנט די געגנט,
היימלאנד מײַנס, אוקראַיִנע,
גלאנצט אין טוי, אין רעגן,
גרינט אין פּראכט, אין שײַנען,
פּוצט זיך אויס, די זון באגעגנט

מיט פריִענ טוי, מיט ריינעמ...
אונ דאָס האָט קיינ אָנהייב ניט,
אונ קיינ סאָפ קומט קיינמאָל!
קיינער האָט אפ דעמ צו שאפנ,
קיינער קאָנ צעשטערנ...
אונ דאָס אלצ... נעשאָמע מײַנע!
וואָס־זשע גיסטו טרערנ?
אָרעמע נעשאָמע מײַנע!
וואָס קלאָגסטו גאָר אומזיסט דאָ?
זאָג, וואָס טוט דיר באנק דאָ?
דו זעסט ניט אונ הערסט ניט דאָס מענטשלעכע קלאָגנ?
איז גיב־זשע א קוק! אונ איכ וועל זיכ טראָגנ
נאָכ העכער אונ העכער פונ כמארעס פונ בלויע;
ניטאָ דאָרט קיינ מאכט, אונ ניטאָ דאָרט קיינ שטראָפנ,
מע הערט קיינ געלעכטער, מע הערט קיינ געוויינ ניט.
אָט זע דאָרטנ אונטנ, אינ יענעמ גאניידנ
מע שלעפּט פונ א קאליקע א סוויטע אינ לאטעס,
מע רײַסט מיט דער הויט — די פירשטלעכ באקליידנ.
פאר צינש אנ אלמאָנע פארפײַניקט דאָרט, קאטעס!
דעמ זונ דעמ בעניאָכיד פארקאָוועט אינ קייטנ, —
די איינציקע האָפענונג פארשיקט אינ סאָלדאטנ.
ווײַזט אויס, ס׳איז נאָכ ווינציק... אונ דאָרט אונטער פלויטנ,
פונ הונגער געשוואָלנ, א קינד האלט באמ שטארבנ, —
די מוטער אפ פאנשטשינע בינדט ווייצענע גארבנ.
אונ דאָרטנ — זעסטו? אויגנ! אויגנ!
וואָס דאָ קאָנט איר טויגנ?
פארוואָס זײַנט איר פונ קינדווײַז ניט אויסגעטריקנט,
פונ טרערנ אויסגעזויגנ?
מיט דעמ קינד דעמ מאמזער
לעבנ פלויט דאָרט די פארפירטע —
עס פארטרײַבנ טאטע־מאמע,
פרעמדע שליסנ טירנ...
בעטלערס מײַדנ אויכ זי אויס!

דער פּאַניטש — וואָס הערט ער:
שוין דער צוואַנציקסטער דאָס לעבן
פּאַטערט ער, דער מערדער!

זעט כאָטש גאָט פון הינטער כמאַרעס
אונדזערע טרערן, ווייען?
עפּשער זעט ער, — העלפן וועט ער,
ווי די בערגן־רייען,
פון דויר־דווירעס שוין באַגאָסן
מיט דעם מענטשנס בלוט און טרערן!..
אָרעמע נעשאָמע מײַנע,
ווּהין מיט דיר זיך קערן?
לאָמיר זיך מיט סאַם באַטרינקען,
אָפּן אײַז זיך שלאָפן לייגן,
דעם געדאַנק צו גאָט דאָרט שיקן,
זיך בא אים דערפרעגן:
וועלן לאַנג נאָך קאַטעס הערשן
איבער אַלע וועגן?
איז פלי, מײַן געדאַנק, דו מײַן ביטערער גורל,
נעם מיט אַלע צאָרעס, דאָס בייז און דעם וויי,
דײַנע שטענדיקע פרײַנט! ביסט געוואַקסן מיט זיי,
מיט זיי זיך געקאָכעט, דו ביסט פון געבוירן
געכאָוועט דורך זיי. פאַרנעם זיי און פליט,
און איבער דעם הימל צעלאָז זיי, צעשיט!
זאָלן זיך שוואַרצלען, זאָלן זיך רויטלען,
ווי פײַער צעווייט און צעהוידעט,
זאָל ווידער די שלאַנג זיך צעברומען,
טויט אַף דער ערד זאָל קומען.
איך וועל אָן דיר אין א ווינקעלע
מיט מײַן האַרצ זיך אויך צעשיידן.
כ׳וועל זיך לאָזן אין עק־וועלט
זוכן א גאַניידן.
און העכער ערד שוין פלי איך ווידער,

כ׳געזעגנ זיכ מיט בארג אונ נידער.
ס׳איז שווער א מאמע צו פארלאָזנ
אינ א שטוב, וואָס אָנ א דאכ איז,
אפ טרערנ קוקנ אונ אפ לאַטעס
איז נאָכ א קלענערער נאכעס.
איכ פלי, איכ פלי, אונ ווינטנ ווייענ,
פאר מײַנ בליק זיכ ווײַסנ שנייענ;
ארומ־ארומ — נאָר וואלד אונ זומפנ,
אונ וויסטעניש, אונ נעפלענ שטומע,
קיינ מענטשנס אָטעמ, — ניט קיינ סימענ
פונ שרעקלעכנ פונ מענטשנס וועג...

„סײַ פײַנט, סײַ פרײַנט, איכ פלי אוועק,
צוגאסט צו אײַכ וועל איכ ניט קומענ!
פרייט זיכ! הוליעט! שיקערט! הוליעט!
איכ וועל שוינ ניט הערנ —
אליינ, אליינ איכ וועל אפ אייביק
אינ שניי פארגליווערט ווערנ.
אונ ביז עס וועט צו אײַכ דערגייענ,
אז ס׳איז נאָכ א לאנד פאראנענ,
וואָס ווייסט ניט פונ קיינ בלוט, פונ ווייענ,
רו איכ אָפּ ביז דאנ...״
איכ רו זיכ אָפּ...
אונ פלוצעמ הער איכ —
קייטנ קלינגענ הער איכ...
אָ, דו מענטש, דו מיִעסער!
קומסטו פונוואנענ? דאָ וואָס טוסטו?
אונ וואָס זוכסטו, נישטערסט
אונטער דר׳ערד? נייִנ! ווײַזט אויס,
כ׳וועל ניט ראטעווענ זיכ איצטער
אויכ אינ הימל! איז פארוואָס־זשע
קומענ מיר די ליידנ?
וואָס האָב איכ געטאָנ אזוינס?

וועמעס אָרעמס שווערע
האָבן די זעל אין גוף פארקאָוועט,
ס׳הארץ מיר אָנגעצונדן,
די געדאנקען, טשאטעס ראָבן,
אין דער הייך צעשווינדלט?
פארוואָס, איך ווייס ניט, כ׳וועד באשטראָפט,
און ווי שווער מע שטראָפט מיך!
און ווען שוין, ווען מײַן זינד דערלייז איך,
ווען קומט דערצו א סאָף שוין?
איך זע ניט, און איך ווייס ניט!

ווי פון קוואָרימ ענגע
שטייען מייסימ אופ אין מענגעס,
גלײַך צום גרויזאמען געריכט,
און די וויסטעניש זיך רירט.
ניט קיין טויטע שטייען אופעט,
ניט קיין מייסימ צו דעמ שויפעט,
ניין, ס׳איז מענטשן דאָרט זיך פּלאָגן,
הייסע לײַבער קייטן טראָגן,
קאטאָרזשאנעס גאָלד אלץ שלעפּן —
אימ דעמ גאָרגל צו פארשטעקן,
אימ, דעמ גיריקן און בייזן!..
און פארוואָס? אין הייכן
ווייסט דער אייבערשטער... און עפשער
ער אליין זעט אויך ניט!
אָט א גאנעוו א געשטעמפּלטער
שלעפּט דאָרט קייטן שווערע;
קריצט מיט ציין פון ווילדן צאָרן
א געקאטעוועטער מערדער, —
און א גויסעס, זײַנעמ א כאווער,
וויל ער דאפקע שעכטן!
און צווישן זיי, די ווילדע,
צו קייטן שוין געוווינטע,



א כאָלעם

געמעל פון קינסטלער אי. ס. איזשאקעוויטש

שפּאַנט דער האַר פון וועלט, פון פרײַהײַט,
מיט פײַן־צייכנס באַקרוינט!
אין לייד, אין קאַטאָרגע ער בעט ניט,
קיין קרעכץ פון אים ניט הערן...
אַ האַרץ, וואָס איז פאַרפּילט מיט גוטסקײַט —
וועט קיינמאָל קאַלט ניט ווערן!

און ווו זײַנען די טרוימענע דײַנע, קווייטן רויטע, שײנע?
קינדער געכאָוועטע, דרייסטע אַזוינע?
צי האָסטו, גוטער פרײַנט, זיי וועמען געשענקט,
צי אַף אייביק אין האַרצן זיי טיף פאַרגעדענקט?
ניט באַהאַלט זיי, ברודער! צעזיי זיי אין ווײַט!
זיי וועלן אויפגיין, וואַקסן און ווערן לײַט!
צי וואַרטן אַף לײדן, צי ס׳וועט שוין קלעקן?
געגוג, געגוג, ווײַל קאַלט איז, —
דער פראָסט דעם סייכל נעמט שוין וועקן.

און כ׳פלי באַנײַס. די ערד צעשוואַרצט זיך.
דער מויעך דרעמלט, ס׳פאַרגייט דאָס האַרץ זיך.
איך קוק: הײַזער ווײַזן זיך בא וועגן —
אַ שטאָט מיט קלויסטערס הונדערטער מיר שווימט אַנטקעגן.
אין שטאָט, ווי בושלעס, זיך מושטרירן
סאָלדאַטן זאַטע און באַקליידטע,
און אָנגעטאָן אין קייטן —
זיי שפּאַנען און מאַרשירן...
כ׳גיב אַ קוק דאָרט אונטן —
אין אַ טאָל, אין ברייטע זומפּן
ליגט אַ גרויסע שטאָט צעשלײַדערט.
ניט צו זען איז גאָר קיין ענדע,
ס׳ליגט אַ נעפּל אַ געדיכטער...
איך פלי צו — אין יעדער ריכטונג
אַ שטאָט אָן ענדע שפּרייט זיך.
וואָסער שטאָט? אַ טערקישע?

און עפשער גאָר א דײַטשישע?
נאָר גיכער גאָר א מאָסקאָווישע!
קלויסטערס און פאלאצן,
דיקע פריצים — אָט זיי פּלאצן,
און קיין כאטקעלע קיין איינציקס!
שפּעט, עס ווערט שוין טונקל.
פײַערס, פלאמען פינקלען!
הורא! הורא! הורא־געשרייען —
כ'האָב זיך אזש דערשראָקן...
„שאט, איר שויטים, ווערט פארשוויגן!
וואָס פאר א פרייד הײַנט גראדע?
וואָס, איר ברענט?" — „אָט א כאָכאָל!
ער ווייסט ניט, וואָס א פּאראַד איז!
א פּאראד בא אונדז, ער אליין
באוויליקט הײַנט שפּאצירן!"
„איז ווו־זשע איז זי, אָט די ציאציע?"
„זעסטו דאָרטן די פּאלאצן?"
איך שטופּ זיך; אָט א לאנדסמאנדל
דאָרטן גראדע טרעף איך,
ער גריסט זיך: „ווי קומסטו אהער?" —
פרעגן בלײַערנע קנעפּלעך.
„פון אוקרײַנע!" — „ווי־זשע, מענטש,
אַפּ היגער שפּראך דו קאָנסט ניט ריידן?"
ענטפער איך: „איך קאָן, נאָר כ'וויל ניט".
„אָט א פארשוין! דו פּאָלג מיך בעסער,
איך ווייס די דורכגענג אלע;
איך דין אָט דאָ; און אויב דו ווילסט,
באווײַז איך דיר דעם פּאלאץ.
מיר זײַנען דאָ געבילדעטע,
דאָס דארפסטו, ברודער, וויסן,
א האלבן קארב נאָר — נו, זײַ א מילדער!"
„אוועק, דו טינטלער מיִעסער!
וואָן פונדאנען!"

און ווידער זעט מיך קיינער,
כ׳שטופּ זיך דורך אין פּאַלאַץ.
גאָטעניו דו איינער!
דער גאַנײדן — אָט דאָס־אָ איז ער.
ס׳גייען אין גאָלד די טעלערלעקערס!
ער אַליין האָט זיך באַוויזן —
אָט ער שפּאַנט באַרויגעז שרעקלעך,
לעבן אים זײַן ווײַבל אויכעט,
נעבעך, קוים זי רוקט זיך,
אַ לאַנגפּיסיקע, אַ הויכע —
אַ שוועמל אַ פּאַרטריקנטס,
און הוידעט מיטן קעפּל.
„אָט דאָס איז זי, די שיינע געטן??!
אַ בראָך צו דײַנע יאָרן!
וואָלט מיר בעסער דײַן פּאָרטרעט שוין
ניט באַקאַנט געוואָרן.
וואָלט איך בעסער ניט געגלייבט
דײַנע כאַזערשע פּאָעטן!
אָט אַ נאַר! ווײַזט אויס, נאָך ווייניק
האָב איך קלעפּ געכאַפּט דאָ,
גיי און גלייב אָט די מעכאַברים,
גיי און גלייב און לייען זיי״.
און אַרום אַלץ הויפלײַט, פּריצים,
גאָלד און זילבער אַפּ די פּאַנעס —
אַלע שטופּן זיך און שוויצן,
אַלע גראָבע, ווי קאַבאַנעס!
אַלע ווילן נאָענט שטיין,
אַלץ צו זיי מע וויל דערקומען —
עפּשער וועט אַ וואָרט דערגיין,
כאָטש אַ פײַג פון זיי באַקומען.
ניט קיין פײַג — איז כאָטש אַ שטיקל,
אַבי אין סאַמע פּיסקל.
און אָן לאָשן, שטומע נעבן

אַט אזוי אין רייען שטייט מען.
ער, דער קייסער, בעבעט,
און זי, די שיינע קייסעריניע,
ווי א צאַפּליע, דאַר און גרינג,
דרייט זיך אַלץ און פרייט זיך,
און, ווי סאָוועס אָנגעבלאָזן,
ביידע לאַנג שפּאַצירן,
עפּעס פירן שטיל א שמועס —
פונוויַטן ניט צו הערן —
וועגן „פּאָטערלאַנד”, מיר דאַכט זיך,
וועגן שליפּעס, בענדלעך,
וועגן נײַע מושטרעס, וואַכטעס!..
אַף א בענקעלע א קליינינקס
צוגעזעצט האָט זי זיך ענדלעך,
און ער, איך זע, מיט שפּאַן מיט ברייטע
גייט ער צו צום סאַמע עלטסטן...
און אין פּיסק פאַרפאָרט אים!
האָט באַלד באַלעקט זיך יענער
און קנאַקט דעם צווייטן אין דעם פוז —
ס'האָט אַזש א הילך געטאָן!.. און יענער,
פון זײַן זײַט, קנאַקט אַן אַנדער טוז;
ס'דערגייט צו דריבנע, צו די לעצטע,
ער, דער לעצטער, יאָגט זיך ווײַטער,
יענער גרילצט דאָרט, יענער שרײַט דאָרט,
איבער גאַסן זיי געטריבן,
אַלעמען באַפאַלן, —
ער, דער לעצטער, קלײַבט ניט איבער,
און ער בויקערט אַלע.
א געוויין, א ראַש א גרויסער,
א געפּילדער, א הו־הא:
„היי, עס הוליעט אונדזער קייסער! —
הוראַ! הוראַ! הוראַ!”
איך האָב צעקײַכט זיך, א געלעכטער,

מע האָט מיר אויכעט אָנגעריבן
גאַנץ גוט די זײַטן. און פאַרטאָג ערשט
איז אַלץ שוין שטיל געבליבן.
נאָר ערגעצווו די פּראַוואָסלאַווניע,
צענעריקט, אָנגעליטן,
האָבן מיט קרעכצן פאַרן „באַטיושקע"
דעם גרויסן גאָט געבעטן.
לאַכן? וויינען?.. אַוועקגעגאַנגען
איך בין די שטאָט באַטראַכטן.
די נאַכט — ווי טאָג. איך הייב די אויגן:
פּאַלאַצן אַלץ גרויסאַרטיק
שטייען בײַ דעם טײַך דעם שטילן,
דער גאַנצער ברעג מיט שטיינער
אויסגעפּלאַסטערט. ווי אַ דולער,
קוק איך און פאַרשטיי ניט:
פון אַ קאַליוזשע — אַ וווּנדער
ווי האָט מען געשאַפן?
וויפל בלוט האָט מען פאַרגאָסן,
בלוט פון מענטשנ־שקלאַפן —
אָן אַ מעסער! און אַנטקעגן
אַ פעסטונג און אַ טורעם,
ווי אַן אָל אַ דין־פאַרשפּיצטע,
ס'גלייבט זיך ניט — ס'אַ טורעם.
און די זייגערס קלינגען, קלינגען,
איז גיב איך זיך אַ קערווע, —
כ'זע, אַ פערד פליט, מיט די טלאָען
שלאָגט אַ פעלדז אַ שווערן!
אויפן פערד זיצט אַ פאַרשוין,
אָנגעטאָן ווי אין אַ סוויטע,
און פאַרוויקלט איז דער קאָפּ, —
אַ בלאַט אָנשטאָט אַ היטל.
שפּילט דער פערד, אָט־אָט דעם טײַך
וועט איבערשפּרינגען.

און ער די האנט האלט אויסגעשטרעקט, —
ער וויל די וועלט פארשלינגען,
די גאנצע וועלט! איז ווער איז ער?
לייען איך, וואָס עס שטייט דאָרט
אָנגעשמידט אף יענעם פעלדז:
„דעם ערשטן די צווייטע"
אַט דעם ווונדער האָט געשטעלט.
איצטער ווייס איך און פארשטיי שוין:
אָט דער ערשטער האָט געקרייציקט
אוקראינע, אונדזער היימלאנד.
און דערשלאָגן האָט די צווייטע
אונדזערע יעסוימים.
קאטעס, קאטעס, מענטשנפרעסער!
זיך אָנגעפרעסן ביידע,
אָנגעגאזלט. וואָס האָט איר
מיטגענומען אין גאניידן?
שווער, אָ, שווער איז מיר געוואָרן,
און באניים איך לייען דאָרט
די געשיכטע פון אוקריינע!
איך שטיי און ווער פארשטיינערט...
א געזאנג פארגייט דערווייַלע,
שטיל און טרויעריק עס זינגט דאָרט
עפּעס א פארהוילנס:
„פון דער שטאָט פון גלוכאָוו
גייען גרויע פאָלקן
צו דער ליניע מיט גראָבייזנס,
און מיר האָט מען געמאָלדן
אז איך פאָר אין קרוינשטאָט
מיט די קאָזאקן, ווי א העטמאן!
אָ, גאָט מיינער דערבארעמדיקער!
אָ, שענדלעכער קייסער,
פארשאָלטענער און גיריקער,
פאלשער טייוול איינער!

וואָס׳טו געטאָן מיט די קאָזאקן!
זומפּן האָסט פארשאָטן
מיט די ווײַסע איידלע בײַנער!
אויסגעבויט א שטאָט זיך
אפ זייערע טויטע קערפּערס,
און אין פינצטערער טפיסע
מיך, דעם העטמאַן דעם פרײַען,
מיט הונגער מיך פארפּײַניקט
און מיט קייטן! קייסער! קייסער!
אויך גאָט וועט ניט צעשיידן
מיך מיט דיר: אין פּענטעס
פארשמידט מיט מיר אפ שטענדיק.
אָ, שווער איז מיר צו שטרײַטן
און איבער דער נעווא צו שוועבן!
אָ, מײַן אוקרײַנע מײַן ווײַטע,
צי האָסט נאָך עפּעס לעבן?..
איך וואָלט געפלויגן, א קוק געגעבן —
וועט גאָט מיר נישט דערלויבן,
ס׳האָט עפּשער מאָסקווע אויסגעברענט דיך,
אראָפּגעלאָזט דעם דניעפּער
אין בלויען יאם? צעגראָבן
די הויכע קוואָרימ אלע,
אונדזער רום! אָ, גרויסער שעפער,
אָ, ליבער גאָט, דערבארעם זיך!״

און אנשוויגן. כ׳גיב א קוק:
א ווײַסע כמארע דעקט דעם הימל;
און פון דעם הימל פון דעם גרויען —
ווי א ווילדע כײַע וויעט.
ניט קיין כמארע — ווײַסע פויגלען,
פארוואָגלטע נעשאָמעס
איבערן קופּערנעם קייסער
האָבן זיך צעיאָמערט:

„מענטשנפרעסער, שלאנג דו!
מיט דיר מיר זייַנענ פעסט פארקאָוועט.
אפ דעמ גרויזאמענ געריכט
פארשטעלנ וועלנ מיר גאָטס געזיכט
פונ דייַנע בלוטזויגערישע אויגנ.
פונ אוקרייַנע האָסטו אונדז געטריבנ
הונגעריקע, הוילע
אפ די פרעמדע שנייענ,
אונ די הויט פונ אונדז געשניטנ,
אונ אינ פורפור זיכ געפרינדעט,
אונ אפ אונדזערע געבליטנ
א קרוינשטאָט זיכ געגרינדעט.
גיב א קוק נאָר פאר זיכ:
קלויסטערס־פאלאצנ אינ גאָלדנ!
פריי זיכ, בייזער אכזער!
אייביק זייַ פארשאָלטנ!"

זיכ צעפלויגנ, זיכ צעשאָטנ.
די זונ איז אופגעגאנגענ;
ביז שרעק געכידעשט האָב איכ זיכ,
אונ דאָכ געשטאנענ לאנג נאָכ.
אָרעמע צו מי צו שווערער
האָבנ שוינ גערירט זיכ,
אפ די שיידוועגנ סאָלדאטנ
האָבנ שוינ מושטרירט זיכ.
באמ זוימ פונ גאסנ האָבנ מיידלעכ
פארשלאָפענע באוועגט זיכ,
ניט פונ דר'היימ, געייַלט אהיימ שוינ:
די מאמע האָט געשיקט זיי
נאכט־ארבעט געפינענ,
א שטיקל ברויט פארדינענ.
אונ איכ, איכ שטיי דאָ אייַנגעבויגנ,
אונ ס'דריקט מיר אלצ דעמ זינענ:

„אַך, ווי שווער דאָס שטיקל ברויט
אָט די לײַט פאַרדינען!"

אָט יאָגט זיך אויך שוין אַ געזינדל
צום סענאַט געשווינדער,
שרײַבן, כאַסמענען — די הויט
פון טויט און לעבעדיק צו שינדן.
צווישן זיי אויך לאַנדסלײַט זע איך:
זיי לאַכן און זיי קוועלן,
אַף מאָסקווער לאָשן קנאַקט מען,
זיי זידלען און זיי שעלטן
די עלטערן, פאַרוואָס מ׳האָט קינדווײַז
קיין דײַטש זיי ניט געלערנט,
און זיי מוזן, נעבעך, איצטער
פאַרוועלקט באַ טינטערס ווערן...
פּיאַווקעס! עפּשער האָט דער טאַטע
פאַרקויפט זײַן לעצט פאַרמעגן,
די קו אַרויסגעפירט אין מאַרק
פון אײַער רוסיש וועגן!..
אוקראַינע! אוקראַינע!
ווו זײַנען קינדער דײַנע?
דײַנע קווייטן, דײַנע קנאָספּן
מיט טינט אָט דאָ באַגאָסן,
מיט מייקעניש מיט מאָסקווער,
אין דײַטשע לאַצעלעך געפּרינדעט!..
וויין־זשע, וויין, אוקראַינע,
אַלמאָנע דו אָן קינדער!

מע דאַרף נאָך גיין אַ קוק נאָר געבן
אינעם קייסערס פּאַלאַץ:
וואָס טוט זיך דאָרט? איך קום אַהין:
פּוזאַטע עלטסטע אַלע
אין רייען שטייען,
מע סאָפּעט, כראָפּעט, אַלע אָנגעבלאָזן,

ווי די אינדיקעס, צו די טירן
קאָסע בליקן פירן.
אָט גיבן טירן זיך אן עפן, —
ווי פון א בערלאָגע,
קריכט א בער ארויס, און קוים
ער קאָן די פיס דערטראָגן,
א געדראָלענער, א בלאָער:
די שיקרעס די פארפלוכטע
האָט אים געמאטערט. א געשריי
ער גיט אף די פוזאטע, —
און אלע, אלע גראָבע
אין דר׳ערד ווערן פארזונקען.
פון שטערן קריכן אים די אויגן,
די ציין בא אלע ציטערן און קלינגען,
גיט ער א קוק זיך, ווי א דולער,
אף די לײַט, וואָס קלענער, —
פליען זיי אויך אין דר׳ערד;
ווארפט ער זיך צו גאָר די קליינע, —
און זיי אויך פארשווונדן ווערן;
לאָזט ער זיך שוין צו די דינער, —
די דינער אויך פארפאלן,
צו סאָלדאטן — און סאָלדאטעלעך
הייבן אָן קרעכצן אלע
און קריכן אין דר׳ערד! וווּנדער, וווּנדער
אף דער ערד געשעען!
קוק איך, וואָס וועט ווײַטער טרעפן,
וואָס וועט טון דער כאָסערדייע,
מײַן בערעלע? ער שטייט אזוי
דאָס קעפל אָנגעבויגן,
א נעבעכל; די בער־נאטור,
וווהין איז זי אוועקגעפלויגן?
ווי א קעצל — אזא מילדינקס!...
און איך, אז איך צעלאך זיך!

האָט ער דערהערט אונ גיט א ברומ,
דערציטער איכ פונ פּאכעד,
זיכ אופגעכאפּט...
ס'ארא וואונדערלעכער כאָלעמ!
מאָדנע אלצ! אזעלכעס קומט
צו כאָלעמ נאָר צו דולע
אונ שיקורימ. כידעשט זיכ ניט,
ברידער מײַנע ליבע,
ניט קיינ אייגנס כ'האָב דערציילט אײַכ,
ס'איז פונ כאָלעמ מיר געבליבנ!

ס.-פּעטערבורג
8 יול 1844

# די דינסט

## פּאָעמע

זונטיק אינדערפרי באַגינענ
נעפּלענ ברייט דאָס פעלד באַשפּינענ.
אפנ בערגל אינעם נעפּל,
איינגעבויגנ, ווי א טאָפּאָל,
שטייט א ווייבעלע א יונגינקס,
עפּעס טוליעט צו די ברוסטנ,
מיט דעמ נעפּל ביטער שמועסט זי:
„אוי, דו נעפּל, נעפּל,
ס׳איז שווער דעמ אָל צו שלעפּנ,
פארוואָס קאָנ איכ ניט פארזינקענ
אָט דאָ צווישנ סטעפּעס?
פארוואָס, נעפּל, דערשטיקסט מיכ ניט,
אינ דער ערד פארדריקסט מיכ ניט?
פארוואָס קירצסטו ניט מיינ אומגליק,
מיינע יאָרנ ניט פארקירצסטו?
ניינ, ניט וואַרג מיכ, נעפּל גרויער!
באַהאַלט אינ פעלד אינ ברייטנ,
זאָל זיכ קיינער ניט דערוויסנ,
ניט דערזענ מיינ ווייטעק!
כ׳בינ ניט אליינ — עס איז פאראנענ
א פאָטער אונ א מוטער...

נאָכ איכ האָב... אָ, נעפּל גרויער,
אָ, נעפּל, גרויער בּרודער!..
קינד, מײַנ טײַער זונעניו!
אפ לייד בּיסטו געבּאָרנ,
ניט איכ, ניט איכ וועל טויפנ דיכ,
אונ אפ וויסטע יאָרנ;
פרעמדע לײַט וועלנ טויפנ דיכ,
איכ וועל דאָכ ניט וויסנ,
ווי מע רופט דיכ! קינד מײַנס!

רײַכ בּינ איכ געוועז...
ניט שעלט מיכ! כ׳וועל אינ הימל גליק דיר,
זינו, אויסוויינעז מיט טרערנ
אונ צו דיר עס שיקנ!"

אונ קלאָגנדיק מיטנ פעלד זי גייט,
אינ נעפּל איז פארזונקענ,
אונ דורכ טרערנ שטילערהייט
וועגנ דער אלמאָנע געזונגענ,
ווי די אלמאָנע האָט אינ דונײַ
די זינ אירע דערטרונקענ:

„אוי, א קורגאנ אינ פעלד דאָרט שטייט;
אנ אלמאָנע דאָרטנ גייט,
זי גייט אום, זי בּלאָנקעט סטאם,
זוכט זיכ גראָזנ, זוכט זיכ סאם.
יענע גראָזנ ניט געפינט,
נאָר געוווינענ האָט צוויי זינ,
אינ קיטײַקע אײַנגעהילט
אונ צום דונײַ טראָגט זיי שטיל:
„שטילער דונײַ, הער א ווײַל,
מײַנע קינדער דו פארווײַל,
אונ דו, קלאָרער, געלער זאמד,

מײַנע קינדערלעך מאַך זאַט,
גיב זײ נערונג, גיב זײ רו
און מיט זיך דו דעק זײ צו!"

---

געלעבט האָבן א זײדע מיט א באָבע
פון לאַנג, פון אַמאָל, באַם טײַכל אין טאָל,
אין כוטער געלעבט, אײנס אין צװײטן געקלעפּט,
װי קינדערלעך בײדע,
די באָבע און דער זײדע.
געפּאַסעט שאָף פון קינדװײַז נאָך,
און זיך גענומען דערנאָך;
זיך דערװאַרט אַף כודאָבע,
א סטאָו, א מיל, א כוטערל א גאַנצס,
לעם װאַלד א סעדל פּאַרפלאַנצט,
אױך בינען דערינען —
אַלץ זיך דעראָבערט.
נאָר זײ האָבן ניט געהאַט קײן קינדער,
און דער טויט מיט דער קאָסע שוין גאַנוועט זיך אונטער.

װער װעט זײער עלטער שױנען,
דערקװיקן קאָנען,
װער װעט זײ באַהאַלטן, באַװײנען?
װער װעט זײ דערמאָנען,
װער װעט יאַרשענען נאָך זײ
זײער הויז און שאָף און רינד,
און דערמאָנען מיט א דאַנק,
װי אַן אײגן קינד?..

שװער איז אױסהאָדעװען קינדער
אין א שטוב אָן א דעכל,
נאָך ערגער איז זיך עלטערן
אין פּאַלאַצן הויכע,
זיך עלטערן — און עלנט שטאַרבן

און לאָזן ס'גוטס אַף שטענדיק
פרעמדע מענטשן, פרעמדע קינדער
אַף שפּאָט, אַף פאַרשווענדונג!

---

איז אַמאָל אין אַ זונטיק אין אַ שיינעם
דער זיידע מיט דער באָבע געזעסן אינייגעם,
אין ווײַסע העמדער, ציכטיק, פײַן.
אַפן הויכן הימל האָט די זון געשײַנט;
קיין וואָלקנדל, ווי אין גאַניידן,
איז שטיל און ווײל, און אַלדאָס בייזע
האָט זיך אין האַרצן טיף פאַרקליבן,
ווי אין וואַלד אַ כײַע, זיך באַהאַלטן.
צו וואָס זאָלן אין אָט דעם טאָג דעם קלאָרן
די אַלטע זײַן פאַרומערט?
צי האָבן אופגעוואַכט אין שטיבל
לאַנגאָנעדיקע צאָרעס?
צי נעכטיקע, די שוין דערשטיקטע,
זיי רודערן זיך ווידער,
און דעם גאַניידן צינדן אונטער,
און דאָס לעבן מאַכן ביטער?

איך ווייס ניט, וואָס זאָל דאָס באַטײַטן,
וואָס איז די אַלטע אַזוי שווער,
צי דען זיי קלײַבן זיך באַצײַטנס
צו גאָט? און ווער אין וועג אין ווײַטן
וועט גוט זיי אײַנשפּאַנען די פערד?

— „איז ווער וועט, נאַסטיע, אונדז באַהאַלטן,
אַז מירן שטאַרבן?" — „כ'ווייס ניט, אַלטער,
כ'האָב טאַקע ערשט דערפון געקלערט,
איז מיר געוואָרן שווער:
אין עלנט זיך געעלטערט...

דאָס גאַנצע גוטס דאָ צוליב וועמען?.."
— „דו גיי, מיר דאַכט, עס וויינט דאָרט ווער
הינטערן טויער... ווי א קינד.
קום! ס'וועט עפּעס געשען, הערסט?..
כ'האָב דאָך געפילט. איך האָב געטראָפן!"
זיי האָבן זיך א כאַפּ געטאָן
און גיך צום טויער צוגעלאָפן...
און שווייַגנדיק געבליבן שטיין!
באַם פלויט, באַם דורכגאַנג סאַמע,
א קינד, אַן אויפּעלע א קליינס —
אייַנגעדעקט מיט א נייַער סוויטע;
ווייַל ס'האָט געוויקלט עס די מוטער,
צוגעדעקט אום זומער
מיט דער סוויטע מיט דער לעצטער!..
פאַרגאַפט די אַלטע שטייען, שטומע,
עס דאַכט, דאָס קינד צו זיי איצט ווענדט זיך,
עס בעט, צו זיי ס'האָט אויסגעשטרעקט
די קלייניקע, די דינע הענטלעך;
און פּלוצעם איז עס שטיל געבליבן,
ווי אופגעהערט גאָר וויינען,
עס פּכיקעט נאָר.
— „נו, זעסטו, נאַסטיע,
איך האָב געזאָגט! דו נאַר, דו איינער!
אָט איז דאָס מאַזל, אָט איז דאָס גליק,
אויס עלנטע געוואָרן,
דאָס קינד נעם באַלד און וויקל עס,
דו נעם עס נאָר, קיינאָרע!
נו, טראָג אין שטוב, כ'וועל רייַטנדיק
א פּאָר טון באַלד נאָך קומעס
קיין האָראָדישטש..."
א מאָדנע זאַך
אָפּט באַ אונדז באַקומט זיך!
איינער דאָרט זייַן זון פאַרשעלט,

פונ דער שטוב פאַריאָגט אים,
אנ אנדערער מיט שווייס פאַרדינט
א ליכטל, אונ ער טראָגט עס,
שטעלט עס ציטריק מיט געוויינ
פאַר בילדער הייליקע פאַר שטומע:
ניטאָ קיינ קינד! — א מאָדנע זאַכ
בא אונדז מענטשנ אָפט באַקומט זיכ!

---

אַזש דריַ פאָר האָט מענ פאַר סימכע
קומעס אָנגעקליבנ,
דעמ קינד אינאָוונט האָט מענ „מאַרקאָ”
א נאָמענ געגעבנ.
עס וואַקסט מאַרקאָ. די אלטע לײַט
זיכ האלטנ אינ איינ שפּיגלענ,
טאָג אונ נאַכט מע האלט אינ טראַכטנ
אונ זאָרגנ וועגנ ייִנגל.
א יאָר איז דורכ, ער וואַקסט, מאַרקאָ.
ווי א מעלקעדיקע בעהיימע,
ער באָדט זיכ אלצ אינ גוטס, אינ ווילטאָג.
אונ אָט באַווײַזט זיכ איינמאָל
אינ דעמ כוטער דעמ באַגליקטנ
א שיינ, א ציכטיק ווײַבל,
א ווײַס געזיכט מיט שווארצע ברעמענ,
א טיכטיקע, א יונגע,
זי איז געקומענ זיכ פאַרדינגענ,
זי וויל א דינסט דאָ בלײַבנ.
— „נו, נאַסטיע, זאָגט ער, מירנ זי נעמענ”.
— „טראָכימ, מירנ נעמענ, מיינ איכ,
מיר זײַנענ אלט, ניטאָ קיינ קויעכ,
אונ דאָס קינד דאָס קליינע,
כאָטש ס'אביסל אויסגעוואַקסנ,

מע דארף נאָך אכטונג געבּן
אפ דעם און ארום דעם ארומגיין".
— „ס'איז טאקע נייטיק, כ'לעבּן,
כ'האָבּ אָפּגעלעבּט שוין אפ דער וועלט
מײַן כיילעק, גאָט צו דאנקען,
שוין אָפּגעשוואכט. איז וויפל, ווײַבּל,
וועסטו פון אונדז פארלאנגען?
פארן יאָר, צי ווי?"—„וואָס איר'ט געבּן..."
— „אָ, ניין, דארפסט, טאָכטער, זאָגן,
געצאָלטס באדארפ מען ציילן ריכטיק,
וועסטו עפּעס פארמאָגן.
דאָס ווערטל זאָגט: ווער ס'ציילט ניט גוט,
דער האָט טאקע גאָרניט.
מירן עפּשער אזוי טון, מײַן טאָכטער,
דו קענסט דאָך אונדז ניט—קלאָר דאָך,—
מיר קענען דיך ניט; בּלײַבּ, די שטוב
וועט גיך באקענט דיר ווערן,
מירן קענען דיך א בּיסל,—דעמלט
וועגן סכירעס מירן קלערן.
אזוי, טאָכטער?"—„גוט, פעטער!"
— „איז קום אין שטוב ארײַן!"

זי איז געבּליבּן. איז דאָס ווײַבּל
פריילעך, שטענדיק יאָנטעוו,
ווי זי וואָלט א גוויר גענומען,
אײַנגעקויפט מאיאָנטקעס.
סײַ אין שטוב און סײַ אין הויף,
סײַ בּא שאָף און רינד —
אי אינאָוונט, אי באגינען;
און בּאם קליינעם קינד
זונטיק, אינדערוואָכן,
ווי א מאמע זיצט מיט ליבּע,
וואשט דאָס קעפּל, קעמט עס,

און א ווײַסינק העמדל
יעדן טאָג דעם טוט זי איבער.
זי זינגט, פאַרווײַלט אים אָן פאַרדראָסן,
מאכט אים וועגעלעך; אום יאָנטעוו
וויל אים פון די הענט ניט לאָזן.
וואנדערן זיך מײַנע אלטע,
דאנקען גאָט — א לעבן!
און די געטרײַע דינסט, די גוטע
אלע אָוונט, נעבעך,
שעלט איר גורל, ס'וויסטע מאזל,
וויינט מיט טרערן הייסע.
קיינער הערט ניט, קיינער,
קיינער זעט ניט, ווייסט ניט,
כוץ דעם קליינינקן מארקאָ,
נאָר פארשטייט ער קאָן ניט,
פארוואָס די דינסט מיט הייסע טרערן
אים באנעצט דעם פּאָנעם.
עס ווייסט מארקאָ ניט, אים קושט די דינסט
אזוי, און הארציק גלעט זי,
אליין זי עסט ניט און זי טרינקט ניט,
און ער זאָל זאט זײַן, זעט זי.
עס ווייסט מארקאָ ניט,
כאפּט זיך אויף אין נאכט אין שפּעטער,
גיט נאָר א ריר זיך — באלד שפּרינגט אויף
אויך זי, לויפט און ציטערט
און דעקט אים צו און ציילעמט אים,
און שטיל זײַן בעטל וויגט זי:
פונעם צווייטן אלקער הערט זי,
ווי ס'אָטעמט דאָס יינגל.
גאנצפרי מארקאָ שטרעקט אויס די הענטלעך —
זי איז שטענדיק דאָ פאראנען.
און „מאמע" רופט ער אָן די דינסט,
די דינסט, די גוטע האנע.

מארקאָ ווייסט איינס: ער וואקסט און וואקסט —
און גאָרנישט ניט פארשטאנען.

---

פיל יאָרן זײַנען שוין פארשוווּנדן,
אנטרונען וואסערן אַסאַך.
געקומען איז א פּייזער ווונדער,
דעם כוטער טרערן פיל געבּראכט.
די באבע נאסטיע מ׳האָט צום צווינטער
אוועקגעפירט. מ׳האָט קוים דערמונטערט
טראָכים דעם זיידן. ס׳איז דורכגעפלויגן
דער פּייזער ווונדער — און צוריק
האָט צו דעם כוטער רו און גליק
זיך אומגעקערט און איז פארבּליבּן
זיך אָפּרוען אין זיידנס שטיבּל.

---

מארקאָ איז שוין א טשומאק געוואָרן,
אין נעכט אין הארבּסטיקע אין קלאָרע
ער ווערט שוין פונדערהיים פארפאלן —
מע דארף אים צוזוכן א קאלע!
„איז וועמען נעמט מען?״ — טראכט דער אלטער,
ער פּרוּווט זיך אויך אן אייצע האלטן
מיט דער דינסט. די דינסט וואָלט גרייט זײַן
צו א באסמאלקע שעליכים שיקן.
— „מע דארף מארקאָען בעסער פרעגן״.
— „נו, גוט, מײַן טאָכטער, מירן פרעגן
און טאקע באלד שעליכים שיקן״.
מ׳האָט זיך צעפרעגט, מ׳האָט זיך באראָטן,
און באלד טאקע נאָך שליכים
מארקאָ ז׳אוועק. מיט האנטעכער
זײַנען זיי געקומען גאָר אינגיכן,
מיט הייליק ברויט מיט אויסגעבּיטנס.

א קאַלע—נאָר א פאַרגעניגן,
אזא מין מיידל אויסגעשאַדכנט,
פאר א העטמאַן אויך קיין שאַנד ניט,
אַט אזא מין וווּנדער־שיינהייט
האָבן זיי געקריגן!

— „א דאנק איַיך, אַלע!—זאָגט דער אַלטער:—
זייַט וויסן, איצט מיר וועלן
באַלד צום סאָף די זאַך דערפירן,
וועט אונז ווי א כופּע שטעלן
אין א שאָ א גוטער!
נאָר אָט, איין זאַך מיך קימערט,
ווער וועט זייַן די מוטער?
ניט דערלעבט האָט זי, מייַן נאַסטיע!”
ס'האָט זיך צעוויינט דער אַלטער;
אונז די דינסט שטייט בא דער שוועל,
באַם בייַשטידל קוים האַלט זיך,
אזוי איז זי פאַרכאַלעשט.
אין שטיבל איז שטיל געוואָרן;
נאָר די דינסט אַלץ שעפּטשעט: „מוטער...
מוטער... ווײ צו מייַנע יאָרן!”

---

ס'איז דורך א וואָך, אין כוטער
יונגע וויַיבער דעם קוילעטש קנעטן.
דער אַלטער טאַטע סטאַרעט זיך:
טאַנצט נאָך די יונגע וויַיבער,
אין הויף אַלץ ראַמט ער, גלעט ער,
אונז אַלע גייערס אונז די פּאָרערס
אין זייַן הויף פאַרבעט ער.
בראָנפן שטעלט ער, אף דעם יאָנטעוו
לאַדט זיי איין דער אַלטער—
שפּרינגט אזש אונטער, אים אליינ
קוים די פיס שוין האַלטן.

אומעטום איז א הארמידער
פון רייניקן, פון ראמען;
מ'האָט ארויסגעשלעפּט די מולטערס
פון דער נײַער קאמער.
אומעטום עס טומלט זיך,
מע קאָכט, מע באקט, עס מײַען זיך —
אלץ פרעמדע. ווו איז די דינסט?
אין דער לאווּרע קיין קײַעוו
אוועק. געבעטן האָט דער אלטער,
מארקאָ האָט אזש געוויינט,
זי זאָל בלײַבן, זײַן די מוטער.
„ניין, מארקאָ, כ'וועל גיין,
איך זאָל זײַן די מוטער — כ'קאָן ניט,
איר זײַט דאָך מענטשן רײַכע,
מע וועט נאָך לאכן: כ'בין א דינסט,
און ניט אײַער גלײַכן.
זאָל דער אייבערשטער אײַך העלפן!
כ'וועל אוועקגיין בעטן
בא די הייליקע אין קײַעוו,
און אויב וועלן וועט איר,
כ'קער זיך אום אין אײַער הויז,
ביז איך האָב נאָך קויכעס קליינע,
וועל איך האָרעווען"...
זי האָט געבענטשט
מיט הארץ מיט ריינעם
איר מארקאָען... האָט צעוויינט זיך
און ארויס אינדרויסן.

---

ס'האָט זיך צעהוליעט די כאסענע,
אַן ארבעט א גרויסע
פאר קלעזמער, פאר אָפּצאסן,
בראָנפן — גאנצע טײַכן...

און די דינסט זיך אײַלט קײן קיעוו,
שלעפּט זיך איבער שליאכן.
אָנגעקומען, ניט גערוט דאָרט,
באַ א באַלעבאָסטע שטעלט זיך,
זיך פאַרדונגען טראָגן וואַסער,
אויסגעפעלט האָט געלט איר
אף אן „אַקאַפּיסט" באַ וואַרוואַרען, —
האָט זי געטראָגן, געטראָגן
און א רובל דרײַ פאַרדינט,
און געקויפט מאַרקאָען
אין הײל פון הײליקן איוואַנען
א היטעלע א קלײנינקס,
ס'זאָל דעם יונגן איר מאַרקאָען
דער קאָפּ ניט ווײ טון קײנמאָל;
און א פינגערל באַ וואַרוואַרען
פאַר דער שנור געקריגן:
באַ אַלע הײליקע געבעטן —
און געלאָזט צוריק זיך.

זיך אומגעקערט. האָט קאַטערינע
מיט מאַרקאָען זי באַגעגנט
לעם טויער, — זי געפירט אין שטוב,
דעם גאַסט, וואָס קומט פון וועג;
דערלאַנגט איר עסן, דערלאַנגט איר טרינקען,
וועגן קיעוו געפרעגט זי,
און אין א צימער האָט קאַטערינע
שלאָפן באַלײגט זי.

— „פאַרוואָס צו מיר אזא מין ליבע,
א קאָוועד אזא גרויסער?
אָ, דו גאָטעניו, דערבאַרעמדיקער!
עפּשער אַלץ זײ ווײסן?
עפּשער זיך שוין אָנגעשטויסן?

ניין, ניט אָנגעשטויסן,
זיי זײַנען גוטע...״— און די דינסט
האָט צעוויינט זיך ביטער.

---

דרײַ מאָל איז דאָס אײַז פארפרוירן,
דרײַ מאָל אויך צערונען,
די דינסט דרײַ מאָל קיין קיעוו
באגלייט האָט קאטערינע,
ווי א מוטער. ס׳פערטע מאָל
איז זי געגאנגען באגלייטן
אזש אין פעלד ביז דעם בערגל
און האָט גאָט געבעטן,
האנע זאָל גיכער קומען,
ווײַל אָן איר אין שטיבל
איז אומעטיק, ווי ס׳וואָלט דאָס הויז
אָן א מוטער געבליבן.

זונטיק אין א מיט־טאָג איינמאָל
זיצט טראָכים דער אלטער
לעם דער שטוב אין העמד אין ווײַסן,
און מיטן הונט האָט נעבן אים
דאָס קליינע ייִנגעלע געשפּילט זיך.
און ס׳מיידעלע דער מאמעס קליידל
האָט אָנגעטאָן, צום זיידן גייט,
קלוימערשט צוגאסט. צעלאכט האָט זיך
דער אלטיטשקער און טאקע באלד
זי אופגענומען, ווי א גרויסע:
„ווו־זשע איז דאָס קיכעלע?
האָט ווער אין וואלד עס אָפּגענומען?
פארגעסן מיטנעמען, מיסטאמע?
צי גאָר ניט אָפּגעבאקן? אוי,
אוי, ס׳ארא שאנד! אויך מיר א מאמע!״
און אָט עס קומט ארײַן אין הויף

די דינסט. מע לויפט באַגעגענען האַנען,
ס׳לויפט מיט די אייניקלעך דער אַלטער.
— „מאַרקאָ איז נאָך ניטאָ אינדערהיים?״ —
גיט האַנע גלײַך אַ פרעג אים.
— „ער איז אַלץ אין וועג נאָך!״
— „און איך האָב קוים דערשלעפּט זיך,
צו אײַך אין שטוב געקומען.
ניט געוואָלט כ׳האָב אין דער פרעמד
אומקומען אין אומעט!
זאָל מאַרקאָ שוין גיכער קומען!
שווער איז הײַנט מיר עפּעס...״
און זי נעמט אַרויס פון קלומעק
צײַלעמלעך, דוקאַטלעך —
די אייניקלעך, די יאַטלעך
יעדערן מאַטאַנעס:
יאַרינעלען — קאַרעלן
און אַ קלײנינקע, אַ רויטע,
פון פאַלש־גאָלד אַ איקאָנע;
און קאַרפּאָען אַ סאָלאָווײ
מיט אַ פּאָר פּערדלעך;
אַ פערט פינגערל ווארווארעס
געבראַכט האָט זי ערלעך
קאַטערינען; ליכט דרײַ הייליקע
האָט זי געבראַכט דעם זיידן;
נאָר זיך און נאָר מאַרקאָען —
גאָרניט פאַר ביידן
ניט געבראַכט; ניט געקויפט,
ווײַל ס׳געלט איז אויסגעגאַנגען,
ניט געהאַט קיין קויעך־פאָרדינען.
„אָט איז פאַראַנען נאָך
אַ האַלבינק בײגעלע, די קינדער
די קלײנע זאָלן נאַשן.

---

אריַין אין שטוב. קאטערינע
האָט איר די פיס געוואַשן,
מיטיק עסן איר דערלאַנגט.
נאָר ניט זי עסט, ניט זי טרינקט,
די אַלטע האַנע.
— „קאטערינע!
ווען איז זונטיק?"
— „איבערמאָרגן!" — „וועט מען דאַרפן
באַשטעלן אַן אַקאַפיסט
פאַר ניקאָלײַען פאַר דעם הייליקן,
דעם גאָלעך געבן דאַרף מען,
ווײַל עפּעס האָט מאַרקאָ פאַרזאַמט זיך...
עפּשער קראַנק געוואָרן,
גאָט באַהיט, אין וועג!"
און עס טריפן טרערן
פון די אויגן די פאַרמאַטערטע...
קוים־קוים אופגעשטאַנען
פון טיש.
„אוי, קאטערינע!
ס'גייען מיר שוין אויס די קויכעס,
עפּעס שוואַך געוואָרן,
שווער אין שטוב אין פרעמדער וואַרעמער
ענדיקן די יאָרן".

קראַנק ז'געבליבן ליגן האַנע,
געבראַכט האָט מען דעם גאָלעך,
נאָר ס'איז גאָרניט ניט געוואָרן
פון הייליקײַטן אַלע!
דער אַלטיטשקער טראָכים אין הויף
גייט אַרום געבויגן.
קאטערינע פון דער קראַנקער
ווענדט ניט אָפּ די אויגן;
נעבן בעטל בײַ דער קראַנקער

וואכט זי טאָג ווי נאכט;
ווי ניטגוטע, אומגליק רופנ
די „סיטשעס" אפנ דאכ.
אונ די דינסט... די קראנקע האנע
אלע שאָ פרעגט נאָכ זיכ,
קוימ מע הערט איר שטימ די שוואכע:
„קאטערינע, טאָכטער!
איז מארקאָ נאָכ ניט געקומענ?
אָכ, ווענ איכ זאָל ויסנ,
כ׳וועל דערלעבנ אימ נאָכ זענ,
כ׳וואָלט געווארט א ביסל!"

---

ס׳גייט מארקאָ מיט די טשומאקעס,
גייט אונ זינגט געלאסנ —
אונ ער איילט זיכ גאָר אהיימ ניט,
אונ די אָקסנ פאסעט.
ס׳פירט מארקאָ פאר קאטערינענ
טייערע געוואנטנ,
אונ פונ זייד א רויטנ גארטל
דעמ טאטנ דעמ אלטנ.
אונ דער דינסט נאָכ אפ א טשיפיקל
פארטשא פונ גאָלד פונ לויטערס,
אונ א שאָל מיט ווייסע קאנטנ,
א שאָל א צונטער־רויטע.
וויינטרויבנ אונ פייגנ פירט ער,
שיכ פאר קינדער קליינע,
אונ רויטנ ווײנ פונ שטאָט צארגראד
פאר אלע אינײנעמ.
רויג געזאלצענעמ פונ דאָנ —
אלעס רויק פירט ער,
אלעס פירט ער, נאָר ער ווייסט ניט,
וואָס אינ דר׳היימ פאסירט האָט.

גײט מאַרקאָ און זאָרגט זיך ניט,
קומט פון װעג פון לאַנגן,
און ער עפנט אױף דעם טױער,
און גאָט באַדאַנקט ער.
— „הערסטו גאָר ניט, קאַטערינע?
דער מאַן געקומען דײַנער!
לױף־זשע גיכער אים אַנטקעגן!
פיר אין שטוב אַרײַן אים!
א דאַנק דיר, גאָטעניו מײַן ליבער,
כ׳האָב זיך קױם דערװאַרט שױן!”
און „אָטשענאַש” זי שעפּטשעט שטיל
מיט א שטים א צאַרטער.

דער אַלטער שפּאַנט די אָקסן אױס,
באַהאַלט אױך די יאַרמאָעס
די געשניצטע. קאַטערינע
קוקט אַפּ איר מאַרקאָען.
— „און װוּ איז האַנע, קאַטערינע?...
כ׳האָב שיר גאָר ניט פאַרגעסן.
ז׳איז געשטאָרבן?..” — „ניט געשטאָרבן,
קראַנק שױן פיל מעסלעסן.
קום באַלד אַרײַן אין קלײנעם צימער,
ביז סע װעט דער טאַטע
אױסשפּאַנען די אָקסן; האַנע
האָט קױם אַפּ דיר דערװאַרט זיך”.

ז׳אַרײַן מאַרקאָ, אַפּ שװעל געבליבן
אין צימער פון דער קראַנקער —
שטײט דערשראָקן... האַנע שעפּטשעט:
— „גאָט... גאָט צו דאַנקען!...
שרעק זיך ניט, קום צו!... דו, קאַטרע,
פאַרלאָז אונדז אַפּ א רעגע,
איך דאַרף אים עפּעס דערצײלן,
עפּעס בא אים פרעגן”.

ארויס איז קאַטרע פונעם צימער,
ס'האָט מאַרקאָ פאַרבוקט זיך
באַם צוקאָפּנס פון דער דינסט.
— „מאַרקאָ! דו גיב אַ קוק נאָר,
גיב אַ קוק אַף מיר, דו זעסט?
איך בין אַ טעל געוואָרן...
איך בין ניט האַנע, ניט קיין דינסט...
איך..."

און די שטים פאַרלאָרן.
מאַרקאָ ט'געווייַנט, געוווּנדערט זיך...
זי עפנט אוף די אויגן,
אַף אים אַ שאַרפן קוק געטאָן,
און טרערן האָבן זיי פאַרצויגן.
„פאַרגיב מיר! כ'האָב מייַן שטראָף באַקומען,
אין פרעמד באַ מענטשן גוטע...
פאַרגיב מיר, קינד מייַנס, זונעניו!
איך... איך בין דייַן מוטער!..."
און שטיל געבליבן...
מאַרקאָ, ער כאַלעשט,
די ערד האָט אופגעציטערט...
ער האָט אופגעוואַכט... איז צו דער מוטער צו, —
געשלאָפן שוין די מוטער.

פערעיאַסלעוו
13 נאָיאַבער 1845

# קאווקאַז

מײַן אופּריכטיקן יאַקאָוו דע־באַלמען

אַך, ווען מײַן קאָפּ זאָל געווען וואַסער האָבן
און מײַנע אויגן זאָלן זײַן אַ קוואַל פון טרערן,
וואָלט איך טאָג ווי נאַכט באַוויינט
די טויט־דערשלאָגענע פון מײַן פאָלק...

ירמיאָהו, קאַפּ. 9, פּערז 1.

בערג נאָך בערג דאָרט גייען, אין וואָלקנס אײַנגעפלאָסן,
אַלץ פאַרזייט מיט ווייען און מיט בלוט פאַרגאָסן;
דער אָדלער שטראָפט
פון אייביק אָן דאָרט פּראָמעטייען;
יעדן טאָג דאָרט אויבן
דויבעט ער די ריפּן
און צערײַסט זײַן האַרץ,
רײַסט און קאָן ניט אויסטרינקען
זײַן בלוט זײַן הייס, —
דאָס האַרץ לעבט אויף
און שמייכלט ווידער.
עס שטאַרבט ניט אונדזער עמעס,
עס שטאַרבט ניט אונדזער פרײַהייט;
דער גיריקער, ער קאָן ניט אַקערן
דעם באָדן אין דער טיף פון יאַם,
און די לעבעדיקע זעל,

דאָס לעבעדיקע וואָרט
וועט ער ניט שמידן,
ער וועט גאָטס רום ניט רויבן,
דעם רום פון גאָט דעם גרויסן.
מיר קאָנען זיך ניט קעגנשטעלן!
מיר קאָנען זיי ניט מישפּטן, די טאַטן דיינע!
מיר קאָנען וויינען, וויינען, וויינען,
דאָס ברויט דאָס טעגלעכע פאַרקנעטן
מיט שווייס מיט בלוטיקן, מיט טרערן.
די קאַטעס מאַטערן און טוען פון אונדז שפּעטן.
און אונדזער עמעס ליגט פאַרשמאַכט — פאַרשיקערט!
ווען וועט ער אופשטיין שוין?
ווען וועסטו, גאָט, שוין מיד ווערן און גיין צו רו
און אונדז דאָ לאָזן לעבן?
מיר גלייבן אין דיין קויעך
און אין דיין לעבעדיקן וואָרט;
אופשטיין וועט דער עמעס!
אופשטיין וועט די פרייהייט!
און דיר אליין זיך וועלן בוקן,
און דיר אליין זיי וועלן דינען,
אלע פעלקער — אלע שפּראַכן,
אפ אייביק און אפ אייביק. גוט!
און דערווייל זיי רינען, די טייכן בלוט!..
בערג נאָך בערג דאָרט גייען, אין וואָלקנס איינגעפלאָסן,
אלץ פאַרזייט מיט ווייען און מיט בלוט פאַרגאָסן;
אַזוי מיר לייטזעליקע האָבן דאָרטן זי געפּאַקט,
די מידע פרייהייט, אַ הונגעריקע און אַ הוילע,
און זי גענומען פייניקן... אסאך, אסאך
געמושטערעוועטע לייט געפּאַלן דאָרט.
און וויפל טרערן? בלוט? דערטרינקען
אלע קייסאָרים וואָלט סטייען,
מיט קינדער, מיט אייניקלעך דערטרינקען
אין געוויין פון אלמאָנעס... און מיידלשע טרערן,

וואָס איז שטילקייט פון נאַכט זיך פאַרטײַען?
און זודיקע טרערן פון מאַמעס,
פון טאַטעס די בלוטיקע טרערן?
ניט קיין טײַכן — אַ יאַם קאָן ווערן,
אַ צעגאָסענער יאַם, פול מיט פײַער!..
לויב די כאַרטן, די געיעג־הינט און די יעגערס,
און די צאַרן, און די קרוינען־טרעגערס!
לויב!
לויב אויך אײַך, איר בלויע בערג,
מיט אײַז באַדעקטע,
און אײַך, איר גרויסע ריטער!
גאָט געדענקט אײַך אויך!
קעמפט, איר וועט באַזיגן!..
גאָט גייט אײַך צו הילף!
אַף אײַער זײַט איז פרײַהײַט
און דער הייליקער עמעס אויך!

און דער טשורעק, די סאַקליע — אַלץ איז דײַנס, —
ניט אויסגעבעטן, ניט געשענקט פון קיינעם, —
און קיינער וועט ניט זאָגן, אַז ס׳איז זײַנס,
און וועט ניט פירן דיך אין קייטן.
און בא אונדז!.. מיר זײַנען דאָך געבילדעט,
מיר לייענען גאָטס געבאָטן!
און פון דער טיפער טורמע ביז דעם הויכן טראָן
מיר גייען אַלע אין גאָלד — און זײַנען הויל.
צו אונדז אין לערע! מיר וועלן ווײַזן,
ווי טײַער ז׳ברויט, פון זאַלץ די פרײַזן.
ס׳איז אונדזערס אַלץ — מיר קריסטן עכטע —
די טעמפּלען, גאָט און אַלדאָס גוטס.
נאָר אײַער סאַקליע די אויגן שטעכט אונדז:
וואָס שטייט זי דאָרט? בא אײַך וואָס טוט זי?
און נאָך ניט אונדזערע? און מיר פאַרלאַנגען

אײַך וואַרפֿן אײַער ברויט, ווי הינט, —
פֿאַרוואָס זאָלט איר אונדז ניט באַדאַנקען,
ניט צאָלן פֿאַר דער זון קיין צינדז?
איין קלייניקייט, מיר זײַנען ניט קיין היידן וויסטע,
מיר זײַנען עכטע־עכטע קריסטן —
מיר דאַרפֿן ווייניק! — נאָר דערפֿאַר
ווערט פֿרײַנט מיט אונדז און גייט באַנאַנד,
אַסאַך זיך אָפּלערנען פֿון אונדז פֿאַראַן!
מיר האָבן דאָך אַ וועלט!.. ס'איז אַלץ פֿאַראַנען:
סיביר אַליין — ניט אויסצושפּאַנען,
און וויפֿל טורמעס דאָ אַרום!
און פֿון דעם פּין ביזן מאָלדאַוואַן —
אַף אַלע שפּראַכן אַלץ דאָ שטומט,
ווײַזט אויס, פֿון ווילטאַג!..
בײַ אונדז איז ביבל שטייט געשריבן,
די הייליקע מאָנאַכן זאָגן —
פֿון פּאַסטעכער אַ קייסער איז אַרויס,
ער איז באַגאַנגען אַ פֿעלער בלויז,
באַם פֿרײַנט דאָס ווײַב זיך צוגענומען
און אים געהאַרגעט. ער איז דאָך איצטער אַפֿן הימל!
אָט זעט, ווער ס'זיצט בײַ אונדז דאָרט הויך...
איר זײַנט נאָך ווילדע, און דורך עמונע ניט געבילדעט.
בײַ אונדז זיך לערנט! בײַ אונדז: בײַ אונדז: באַרײַס,
באַרײַס, נאָר שענק אַסאַך, —
און אין גאַניידן גלײַך,
כאַטש נעם די קרויווים מיט מיט זיך!
וואָס קענען מיר ניט? מיר ציילן שטערן,
מיר זייען גריקע, פֿראַנצויזן זידלען מיר,
פֿאַרקויפֿן מענטשן, אָדער גאָר
פֿאַרשפּילן זיי אין קאָרטן,
און ניט קיין נעגערס... דאַפּקע קריסטן...
נאָר פּאָשעטע פּאַרשוינען.
מיר זײַנען ניט קיין רויבער פֿרעמדע,

מיר זײַנען ניט ווי יענע הענדלער,
וואָס גנייוועס איבערקויפן!!
מיר קומען ליטן געזעץ און קויפן!..

ליטן געזעץ איר ליבט דעם ברודער,
ווי גאָטס שעליעב האָט געמאָלדן?
פאַלשע רעדנערס און צוואַקעס,
גאָט האָט אײַך פאַרשאָלטן!
איר האָט ליב דעם ברודערס פעל —
זי דאַרפט איר האָבן, ניט זײַן זעל,
נאָר די פעל צו שינדן: אַף נערן די מאַמזיירים,
און דעם ווײַב אַף שיך,
און פאַר זיך עפּעס אַצינדער,
וואָס וועגן דעם ניט ווייסן
ניט דאָס ווײַב און ניט די קינדער.
פאַר וועמען־זשע ביסטו געקרייצט געוואָרן,
קריסטוס, פאַר וועמען?
צי פאַר אונדז, די גוטע, צי פאַרן וואָרט
פון עמעס? עפּשער גאָר,
מיר זאָלן אָפּלאַכן פון דיר?
אַזוי טאַקע האָט עס פּאַסירט!
איקאָנעס, קלויסטערס, טעמפּלען,
און ווײַרעך־רויך, און רייען ליכט, —
מיר בוקן זיך פאַר דײַן געזיכט,
מיט שטערנס טרײַ דעם דיל מיר שטעמפּלען,
דײַן הילף מיר בעטן אַף געניווע,
אַף בלוט־פאַרגיסונג און אַף שלאַכט —
אַ קלייד, געגאַנוועט פון אַ סריפּע,
דערנאָך דיר ברענגען אַ געשאַנק!..
מיר זײַנען שוין געבילדעט!..
מיר ווילן אַנדערע שוין בילדן,
און די שײַן פון עמעס ווײַזן

קינדער בלינדע, ווילדע!
מירן אייך ווייזן, ווי צו לעבן,
מירן אייך לערנען טורמעס בויען,
און פון אייזן קייטן קאָוועז,
און די קייטן ווי צו טראָגן!..
און ווי בייטשן פלעכטן
און זיי פעסט פארקניפן, —
מירן אייך געבן עכטע לערע!
איר נאָר דארפט פארטרויען, און ניט שטערן
אייערע בלויע בערג פארנעמען!..
פעלד און יאם איז שוין פארנומען!

און דיך, מיין פריינט, מיין שטילער יאקאָוו,
מע האָט גענומען און געפאנגען!
אויסגעקומען בלוט פארגיסן, ווארעם בלוט צעשווענקען
ניט פאר אוקראינע, נאָר פאר אירע הענקערס,
און פון מאָסקווער בעכער מאָסקווער סאם פארזוכן!
פריינט מיין טייערער, פריינט מיין ניט־פארגעסענער!
פלי איבער אוקריינע, פלי מיט די קאָזאקן,
גריס די ווייטע ברעגן,
די צעגראָבענע קוואָרים באטראכט,
צעוויין זיך מיט ביטערע טרערן,
אויך מיך פון דער טפיסע אין סטעפ דערווארט!
און דערווייל — מיינע טרוימען,
מיינע שווערע, מיינע ביטערע יעסורים,
כ'וועל זיי זייען! זאָלן זיי וואקסן,
מיטן ווינט געשפרעכן פירן...
מיטן ווינט, וואָס פון אוקריינע
וועט א ווייטוג, און מיט טויען,
מיט א ברידערלעכער טרער,
מיינע דומעס ביז צו דיר דערטראָגן!..
וועסטו שטיל זיי לייענען,

זיי באגריסן און באוויינען...
די קורגאנעס, און די סטעפּעס, און דעם יאם,
און אויך מיך דערמאנען.

פּערעיאסלעוו
18 נאָיאבער 1845

## צו טויטע, צו לעבעדיקע
## און צו נאָך ניט־געבוירענע לאנדסלײַט מײַנע,
## וואָס זײַנען אין אוקראַינע און ניט אין אוקראַינע,
## מײַן פרײַנטלעכע זענדונג.

„און דער, וואָס זאָגט, איך האָב ליב גאָט,
און דעם ברודער זײַנעם פארהאסט ער,
איז דאָס א ליגנ...״
זענדונג פונ אפאָסטאָל יאָהאנ,
קאפ. 4, פערז 29.

ס׳פאלט די נאכט, און ס׳טאָגט שוינ ווידער,
גאָטס א טאָג האָט שוינ געענידערט,
מענטשנ מידע
רוענ ווידער.
וואָס מיר נאכט, און וואָס מיר טאָג!
ווי פארשאָלטנ, כ׳וויינ און קלאָג
אפ די שיידוועגנ, אפ די מארקנ, —
קיינער מערקט ניט, קיינעם ארט ניט,
קיינער וויל עס ניט פארנעמענ,
און מע בײַט זיך מיט די קייטנ,
און זיי האנדלענ מיטנ עמעס,
זיי באליידיקנ גאָטס נאָמענ, —

אין יאַרמאָ זיי שפּאַנען מענטשן.
זיי צעאַקערן דאָס בייזע,
און דאָס בייזע זיי פאַרזייען...
וואָס־זשע וועט געראָטן?
וועט איר זען שוין,
ס'אַרא שניט ס'וועט קומען!
איר באַדענקט זיך, קלוימערשט־מענטשן,
קינדער טאַמעוואַטע!
טוט אַ קוק אויף דעם גאַניידן,
אונדזער אוקראַינע;
קריגט זי ליב פון טיפן האַרץ,
אָט די טײַערע רויִנע!
איר צעשמידט זיך, ווערט פאַרברידערט!
און אין פרעמדע קאַנטן
פרעגט ניט און ניט זוכט דאָרט
דאָס, וואָס ניט פאַראַן איז אויך אין הימל,
ניט נאָר אין אַ פרעמדן שײַער...
זוכט בײַ זיך אין כאַטע — אײַער
אמת, קראַפט און פרײַהײַט!

ניטאָ אין ערגעץ קיין אוקראַיִנע,
ניטאָ קיין צווייטער דניעפּ;
און איר, איר קריכט גאָר אין דער פרעמד
צו זוכן אַלדאָס גוטס,
אַלדאָס גוטס און פרײַהײַט, פרײַהײַט
און ברודערשאַפט. געפונען עס,
געטראָגן און געטראָגן פון דעם פרעמדן פעלד,
און קיין אוקראַיִנע געבראַכט
אַ מענגע הויכע ווערטער, גאָר אַ פּראַכט,
און גאָרניט מער... איר שרײַט,
אַז גאָט האָט אײַך באַשאַפן,
ניט קעדיי איר זאָלט פאַרן אומרעכט קניִען,
און בייגן בייגט איר זיך, ווי פריִער,

און שינדט די הויט שוין ווידער
פון ברידער בלינדע, גריקע־זייער,
און זי, די זון פון עמעס,
איר זוכט אין פרעמדע דײַטשלאנדס קאנטן.
איר זאָלט דאָס גאנצע אָרעמקײַט,
וואָס זיידעס האָבן אָנגעגאנגעוועט,
אהין מיט זיך געוועזן פארשלעפן,—
ווי וואָלט ער דאן פאריאָסעמט בלײַבן
מיט בערג מיט הייליקע דער דניעפּער!
ווי וואָלט עס געשען, איר זאָלט זיך ניט קערן,—
ווו ר׳זײַנט דאָרט געוואקסן, ר׳זאָלט פֿײגערן דאָרטן!
פון מוטער, פון קינדער וואָלט קיין קלאָג זיך ניט הערן,
ניט געהערט דאָרט בא גאָט אײַער אומווירדיק וואָרט;
און די זון וואָלט ניט ווארעמען דעם געשטאנק און דעם אייטער
אפ דער פרײַער, און ברייטער, און ציכטיקער ערד;
ס׳וואָלטן לײַטן ניט וויסן, וואָס פאר אָדלערס איר ווערט,
און מיט שאָקל פון קאָפּ וואָלט מען אײַך ניט באגלייטן...
איר באדענקט זיך! צו לײַטן זײַט גלײַך,
אויב ניט—איז ווי ווערט זײַן צו אײַך!
עס וועלן אינגיכן צעשמידן די קייטן
די פארקאָוועטע מענטשן.
דער מישפּעט גייט, עס וועלן ריידן
די בערג, דער דניעפּ!
מיט הונדערטער שטראָמען
זיך גיסן ביז די יאמען
וועט דאָס בלוט פון אײַערע קינדער...
און קיינער וועט צו הילף ניט קומען:
א ברודער וועט דעם ברודער ניט דערקענען,
און א קינד די מאמע זײַנע;
און רויך וועט ווי א וואָלקן
פארשטעלן אײַך די זון,
ס׳וועלן אײַך אײַערע זין
אפ אייביק, אפ אייביק פארשעלטן!

וואַשט זיך אָפּ! גאָטס אָפּבילד
זעט אין זומפּן ניט פאַרשווענכן!
נאַרט ניט אָפּ אײַערע קינדער,
אַז זיי לעבן צוליב פרעכהײַט,
נאָר קעדיי צו קאָנען הערשן, —
ס'וועט אַן אויג ניט קיין געלערנטס
אַ קוק טון זיי אין דער נעשאָמע
ביזן גרונט מיט ביזן ערנסט...
זאָגן וועלן זיי, נעבעך, מוזן,
וועמעס פעל אַפּ אײַך טוט ליגן,
און פאַרמישפּעטן, — און די פּראָסטע
וועלן אײַך, קלוגע, איבערקליגן.
וואָלט איר זיך לערנען, ווי סע דאַרף זײַן,
וואָלט איר כאָכמע געהאַט אויך פאַר זיך;
אַזוי פאַרקריכט איר אַפּן הימל:
„און מיר — ניט מיר, און איך — ניט איך!
כ'האָב אַלץ געזען און אַלץ באַנומען:
ניטאָ קיין גענעם, קיין גאַניידן,
ניטאָ קיין גאָט, נאָר איך אַליין!
און דער סייכלדיקער דײַטש, דער רוך,
און גאָרניט מיין...”
„גוט, ברודער! און וואָס ביסטו אַזוינס?”
„מיר ווייסן ניט —
זאָל דער דײַטש דאָס זאָגן!”

אָט אַזוי איר לערנט זיך
אין דעם פרעמדן קאַנט!
דער דײַטש וועט זאָגן: „איר זײַנט מאָנגאָלן”.
„מאָנגאָלן! מאָנגאָלן!
טאַמערלאַנ דעם גאָלדענעמס
אורייניקלעך הוילע!”
דער דײַטש וועט זאָגן: „איר זײַנט סלאַוויאַנער”.
„סלאַוויאַנער! סלאַוויאַנער!

פון די גרויסע עלטערזיידעס
אייניקלעך פּאָהאַנע!״
איר לייענט קאָליאַרנ
מיטנ גאַנצנ קויעך,
אונ שאַפּאַריקנ אונ האַנקענ,
אינ סלאַוויאַנאָפילנ
שטופּט איר זיך, אונ אַלע שפּראַכנ
פון סלאַוויאַנער
ווייסט איר. נו, אונ אַיערע?
ס׳וועט אַמאָל גאָט העלפנ!
— „אַפ אונדזער שפּראַך מיר וועלנ פּלאַפּלענ,
ווי דער דײַטש וועט אונדז באַווײַזנ,
אונ דערצו נאָך
וועט ער אונדז געשיכטע אונדזערע דערציילנ,
אונ דעמלט ערשט מיר וועלנ זיך צעשפּרײַזנ!״
גוט צעשפּרײַזט זיך
לויט דער דײַטשישער לערע
אונ צערעדט זיך,
אַז אויך דער דײַטש פאַרשטייט ניט מערער,
אָט דער גרויסער לערער,
ניט נאָר פּראָסטע מענטשנ.
וויפל גוואַלדנ! אונ געשרייענ!
„אי האַרמאָניע, אי קויעך,
נאָר מוזיק אונ ווילקלאַנג נײַערט!
די געשיכטע? אַ פּאָעמע
פונ אַ פאָלק אַ פרײַענ...
ווי קומענ זיי, די רוימער נעבעך!
אויך מיר ברוטנ — ווייס איך וואָס!
אונדזערע קאָקלעסנ, ברוטנ,
יעדער רימט זיי, ווייסט זיי!
ס׳איז די פרײַהײַט אויסגעוואַקסנ,
געוואַשנ זיך מיטנ דניעפּער,
בערג געלייגט צוקאָפּנס,

זיך צוגעדעקט מיט סטעפּעס".
ריינ מיט בלוט זיך אויסגעוואשנ,—
אפ קופּעס — האלדז־און־נאקנ,
אפ קערפּערס פונ פריַיע קאָזאקנ,
קערפּערס שוינ באגאנוועטע.

טוט־זשע גוט א קוק אצינדער,
לייענט איבער וויַיטער
יענע קלאנגענ, לייענט ווידער
וואָרט נאָכ וואָרט. צעקיַיט זיי.
לאָזט ניט דורכ קיינ קאָמע,
שטריכנ — גוט פארשטאנענ!
אלעס קליַיבט פאנאנדער, פרעגט זיך
נאָכדעמ: וואָס מיר זיַינענ?
ועמעס קינדער, וואָס פאר שטאמענ,
ווער, פארוואָס פארקאָוועט?..
וועט איר זעענ, ווער זיי זיַינענ,
ברוטנ—איַיערע אָוועס:
בלויז כניפע, קנעכט און שמוצ פונ מאָסקווע,
בלויז מיסט פונ ווארשע — איַיערע פאנעס
און איַיערע פאָרנעמע העטמאנעס!
וואָס גרויסט איר זיך, וואָס זיַינט איר פרעכ?
איר, זינ פונ אָרעמער אוקריַינע,
איר גרויסט זיך ניט: איר גייט אינ יאָכ,
מע שינדט פונ איַיך די הויט אפ פעלצנ,
איר שפּאנט נאָכ בעסער פונ די זיידעס,
פונ זיי מע פלעג נאָכ כיילעוו שמעלצנ!
און מיט וואָס איר גרויסט זיך נאָכ,
וואָס ברודערשאפט פארטראָטנ האָט דאָס גלויבנ?
בא סינאָפּ און טראפּעזונד
האָט מענ האלעשקעס געקאָכט?
איר זיַינט גערעכט: מע האָט געפרעסנ,
און איַיך פארשאט עס איצט.

און דער קלוגער דײַטש,
קארטאָפּליעס אפ דער סיטש ער זעצט,
און איר, איר קויפט זיי,
איר עסט געזונטערהייט
און ליובט די זאַפּאָראָזשיע.
און װעמעס בלוט אין אײנגעװײד
האָט אײַנגעזאַפּט די ערד,
װאָס קארטאָפּליעס דאָרט געראָטן?
דאָס ארט אײַך ניט. — אבי ס׳איז גוט
און ס׳טויג אײַך פארן גאָרטן!
און איר באַרימט זיך: אמאָל מיר האָבן
פּוילן אײַנגעװאָלגערט!..
איר זײַנט גערעכט: געפאלן פּוילן
און האָט אײַך פארװאָלגערט!
איז אָט פאר מאָסקװע און פאר װארשע
האָבן טאטעס בלוט געגאָסן,
און אונדז די קייטן זײערע, דעם רום,
ירושה אונדז געלאָזן!

האָט דערקעמפט זיך אוקראַינע
ביז דער סאמע ענדע:
ערגער פון דעם ליאַך די קינדער
אירע זי איצט שענדן;
הייליק בלוט זיך צאַפּט פון ליפּן,
בלוט פאר ביר זיי זויגן, —
זאָגן, אז זיי װילן ליכטיק
מאכן מוטערס אויגן,
מיט מאָדערנע העלע שײַנען
צו נײַער צײַט זי בינדן,
קעדיי זי נאָך די דײַטשן פירן,
די קאליקע די בלינדע.
גוט! איז פירט זי און באַװײַזט איר!
און זאָל די אלטע מוטער

זיך לערנען, ווי די נײַע קינדער
דערציִען, אכטונג געבן!
באַווײַזט! און פאר דער לערע
דינגט זיך נישט — דער לוין
דער מוטערשער וועט זײַן א גוטער:
די בעלמעס וועלן פאלן שוין
פון אויגן אײַערע ניט־זאטע,
איר וועט דעם רום דערזען,
דעם לעבעדיקן רום פון זיידעס,
פון טאטעס — קלוג געוועזן...
איר לערנט זיך, לערנט זיך, ברידער מײַנע!
לייענט, טראכט און לערנט,
פאַרשט און לערנט אויס דאָס פרעמדע —
נאָר מיט אייגנס, זעט, ניט שעמט זיך:
געדענקט, אָט דער, וואָס פארגעסט אין זײַן מאמען,
אף דעם וועט גאָט שטראָף ניט פארזאמען.
פרעמדע מענטשן שטויסן אָפּ אים,
אף דער שוועל ניט לאָזן,
קינדער אייגענע — ווי פרעמדע,
אף דער וועלט דער גאַרער
ניט פאראן איז פאר דעם שלעכטן
קיין פריילעכ ווינקעלע קיין קלאָרס.
איך באווין זיך, ווען כ׳דערמאַן זיך
אין די בייזע מײַסים
פון די זיידעס: מײַסים שווערע!
וואָלטן זיי פארגעסן ווערן!
איך וואָלט אָפּגעגעבן גערן
האלב פון לעבן מײַנעם...
אָט אזא איז אונדזער ערע,
די ערע פון אוקראַיִנע!...

אָט אזוי איר לייענט איבער,
ס׳זאָל צו כאָלעם קומען

אויך די וואכע יענער קומער,
אלדער אומרעכט זאָל א שוועב טון,
הויכע קוואָרים זיך אנ עפנ געבנ,
די מארטירערס מײַנע
זאָלט איר זענ, איר זאָלט זיי פרעגנ:
ווענ, פארוואָס האָט מענ געפײַניקט?
אויך דאָס ברודערל דאָס קלענסטע
נעמט ארומ, איר ברידער גוטע! —
ס'זאָל א שמייכל טונ די מאמע,
די פארוויינטע מוטער,
זאָל זי בענטשנ אירע קליינע
קינדערלעך מיט הענט געטרײַע,
אונ די קינדערלעך זאָל קושנ
מיט ליפּנ שוינ פרײַע!
אונ זי וועט פארגעסנ ווערנ,
די צײַט פונ שאנד אונ פּײַנענ.
אונ ס'וועט אופלעבנ די ערע,
די ערע פונ אוקרײַנע.
ניט קיינ אָונט־שײַנ — באגינענ
אופגיינ וועט, וועט שײַנענ...
נעמט ארומ זיך, פריד זאָל רינענ,
כ'בעט אײַך, ברידער מײַנע!

ווינישטשע
14 דעקאבער 1845

## דרײַ יאָר

דער טאָג — ז׳קיין טאָג,
ער גייט גאָר ניט,
און די יאָרן יאָגן,
פליִען דורך און נעמען צו,
אלדאָס גוטס פארטראָגן.
זיי באגאנווענען די טרוימען,
אין דעם שטיין דעם שטומען.
זיי צעקלאפן אונדזער הארץ
און זיי זאָגן אָמיין, —
א סאָף צו אלדעם פריילעכן
איצטער און אפ אייביק,
און די בלינדע קאליקע
זייווארפן אפן שיידוועג.
ניט קיין גרויסע יאָרן דרײַ
זײַנען ערשט פאָריבער...
צאָרעס האָבן זיי אסאך
מיר געבראכט אין שטיבל:
זיי האָבן א טעל געמאכט
פון שטילן הארץ, פון בלינדן,
זיי האָבן פארלאָשן אלץ,
און דאָס בייז צעצונדן,

און מיט טשאַד און רויך געטריקנט
יענע גוטע טרערן,
וואָס געגאָסן מיט קאַטרוסיעס
אַף די מאָסקווער וועגן,
יענע טרערן מיט קאָזאַקן
א ין געפאַנג בא טערקן,
וואָס אָקסאַנע, זי, דעם שטערן
מײַנעם, מײַן באַשערטע,
האָבן טאָג נאָך טאָג געוואַשן...
ביז עס זײַנען אָנגעקומען
יענע בייזע יאָרן, וועלכע
האָבן אַלץ פאַרנומען.
ס'איז א ווייטעק טאַטע־מאַמע,
א געטרײַינק ווײַבל,
נאָך א פריילעכע, א יונגע,
אין קייווער צו פאַרטרײַבן. —
אָ, ווי שווער איז, ברודער,
כאָוועס, אונטערהאַלטן
קליינע קינדערלעך פאַרלאָזטע
אין כאַטע אין דער קאַלטער!
שווערע דײַגעס! נאָר דאָס שווערסטע
טוט אָט דעם באַגלייטן,
וואָס פאַרליבט זיך, נעמט א ווײַב זיך,
זי אָבער א צווייטן
גיט זיך אָפּ פאַר קליינע גראָשנס,
לאַכט פון זײַנע ליידן,
אָט ווו שלעכט איז! אָט ווען ס'האַרץ
הערט ניט אוף צו ווײ טון!

אָט אַזא מין גרויסער אומגליק
האָט מיט מיר געטראָפן:
ס'האַרץ האָט מענטשן ליב געקראָגן,
אין מענטשן זיך געקאָכט,

זיי האָבן דאָס הארץ באגעגנט
מיט גרוסן, גוטע בליקן...
יאָרן האָבן זיך געגאנוועט,
די טרערן אויסגעטריקנט,
טרערן פון דער הייסער ליבע...
כ׳ווער זעענדיק א ביסל...
שוין דערזען אזעלכס, אז בעסער
איז דאָס מויל פארשליסן!
ארום מיר, ווו כ׳זאָל ניט קערן,
ניט קיין מענטשן — שלאנגען...
און פארטריקנט מיינע טרערן —
טרערן יונגע מיינע.
און איצטער דאָס צעשלאָגן הארץ —
מיט גיפט, מיט סאם איך הייל עס,
און ניט איך וויין, און ניט איך זינג,
נאָר איך וויע, ווי א סאָווע.
אָט אזוי ז׳דאָס, ווי איר ווילט זיך,
אָט אזוי באגייט זיך —
אָדער הויך פארווערטיילט זיי,
אָדער שטיל באגלייט זיי,
מיינע טרוימען, — סיי ווי וועלן
ווידער זיך ניט קערן
יענע יונגע יאָרן מיינע,
ס׳וועט זיך מער ניט הערן
מיין מונטער וואָרט, און ס׳וועט מער
מיין הארץ בא אייך ניט בלייבן.
כ׳ווייס ניט, ווו כ׳וועל זיך אהינטון,
ווו כ׳וועל זיך פארקלייבן....
און מיט וועמען איך וועל ריידן,
וועמען וועל איך פרייען,
און פאר וועמען מיינע טרוימען
וועל איך שטיל פארטרויען?
טרוימען מיינע! יאָרן מיינע,

דרײַ יאָר שווערע, בלינדע!
צו וועמענ וועט איר טוליענ זיך,
מײַנע בײזע קינדער?
טוליעט זיך ניט צו צו קײנעמ,
לײגט אינ שטוב זיך שלאָפנ;
איך וועל גײנ דאָס פערטע יאָר
באגעגענענ מיט האָפנונג.
א גוט מאָרגנ, נײַ־יאָר, דיר, —
אינ פאראיאָריקער שמאטע!
וואָס־זשע טראָגסט קײנ אוקראַינע
אינ א טאָרבע הוילע לאטעס?
א יעשוע, אנ אוקאז א נײַעמ
אונ מיט אלע מײַלעס!
גײ געזונט, נאָר זע, פארגעס ניט,
גריס די קאפּצעדרײַלעס!

ווייונישטשע
22 דעקאבער 1845

# צאוואָע

אז כ׳וועל שטארבן, איר באהאלטן
זאָלט די ביינער מיינע
צווישן ברייטע מילדע סטעפּעס
אין מיין היים אוקראַינע,
די ברייטפאָלעדיקע לאָנקעס,
בערג און דניעפּר דער גרויסער
זאָלן זען זיך — ס׳זאָל זיך הערן,
ווי ער ראַשט, דער רוישער.

ווען א טראָג טון פון אוקראַינע
בלוט פון סוינעס גלידער
ביז צום יאם דעם בלויען, — דעמלט
וועל איך בארג און נידער —
אַלץ פארלאָזן און זיך לאָזן
ביז די הימלען טראָגן
לויבגעזאנגען. און ביז דעמלט —
כ׳קאָן קיין גאָט פארמאָגן.

מיך באהאלט, שטייט אויף מיט צאָרן,
קייטן רייסט מיט פייער,
און מיט סוינעס בייזע בלוטן
רייך באשפּרענקט די פרייהייט!




ט. שעווטשענקאָס אווטאָגראַף צו דער „צאוואָע” („אז כ׳וועל שטאַרבנ”...)

אינ געזינד אינ גרויסנ, נײַעמ
מיט א פרײַענ ווילנ
ניט פארגעסט אויכ מיכ דערמאנענ
מיט אַ וואָרט א שטילנ.

פערעיאסלעוו
25 דעקאבער 1845

# רוסאלקע

ס׳האָט מײַן מוטער מיך געבוירן
אין הויכן הויז, אין הויף דאָרט,
און אין האַלבער נאַכט געטראָגן
מיך אין דניעפּער טויוולען.
מיך געבאָדן און געטײַנעט
מיט מיר, איר קליינער טאָכטער:
„שווים אין דניעפּער, טאָכטער מײַנע,
מיט דעם שטראָם שווים דאָרטן,
מאָרגן פּונקט אין נאַכט אין האַלבער
שווים אַרויס שוין אַ רוסאַלקע;
איך וועל פירן אים שפּאַצירן,
זאָלסטו אים פאַרהאַלטן.
זאָלסט אים, האַרץ מײַנס, קיצלען, גלעטן, —
אַז פון מיר, דײַן יונגער
מאַמע, זאָל ער מער ניט שפּעטן;
זאָל ער זיך פאַרטרינקען
ניט מיט מײַנע הייסע טרערן, —
נאָר מיט וואַסער בלויער
פון דעם דניעפּער. כ׳וועל מײַן טאָכטער
דאָרטן אים פאַרטרויען!
שווים־זשע, שווים, מײַן איינציקע!

כוואַליעס, מײַנע כוואַליעס,
איר באַגריסט מײַן מיידעלע!"
און אַז זי צעהוילט זיך —
און אַוועק. און איך בין ווײַטער
נאָך דעם שטראָם געשווומען,
האָבן שוועסטער מיך באַגעגנט
און מיט זיך גענומען.
שוין אַ וואָך אַ גאַנצע דאָרטן
מיט וואַסער־מיידלעך ווױן איך,
און באַנאַכט שוין קוק איך שטענדיק,
צי מײַן פאָטער קומט פון וווינונג...
עפּשער האָט זי זיך צעהוליעט,
מײַן זינדיקע מוטער?
מיטן פאָרעץ אין פּאַלאַצן
עפּשער לעבט זי ווידער?

...איז אַנשוויגן די רוסאַלקע,
און אין דניעפּר אַ טוק זיך,
ווי אַ פישל, — און אַ לאָזע
האָט דאָרט שטיל צעוויגט זיך.

דער מוטער שלאָפט זיך ניט אין פּאַלאַץ, —
איז זי אַרויס שפּאַצירן;
ניטאָ פאַן יאַן, ניטאָ מיט וועמען
אַ שמועס אַ גוטן פירן.
און אַז זי איז צום ברעג געקומען,
אַפן זינען קומט די טאָכטער,
דערמאַנט, ווי זי האָט זי געטויוולט
און ווי דערבײַ געשפּראָכן.
עס אַרט זי ניט! זי גייט זיך ווײַטער,
נאָך שלאָף אין פּאַלאַץ בענקט זי...
נאָר ניט דערגאַנ: ס'איז אויסגעקומען
די נאַכט אין דניעפּר פאַרבערענגען.

ניט געהערט, ווי גיך געקומענ
זײַנענ דניעפּערס טעכטער,
צו צו איר, געכאפּט זי קיצלענ,
פארשוועגקט זי מיט געלעכטער!
געשפּילט, געקיצלט, טיף צופרידנ,
וואָס מע האָט פארנארט זי...
צו פישערס אינ דער נעצ פארשטופּט זי
אונ אפ א קאָל צעלאכט זיך...
איינס נאָר א רוסאלקעלע
האָט לאכנ ניט געטראכט גאָר.

קיִעוו
9 אווגוסט 1846

## פון ציקל „אינ קאזעמאט“

II

טאָל און וואלד — א בײַראק,
ווײַטער — סטעפּעס געהויקערט.
פון קורגאנ א קאָזאק
שטײט אופ גראָוו און געבויגנ;
שטײט אלײנ אופ באנאכט,
גײט אינ סטעפּ, און אינ וועג
ציט א טרויעריק ליד:
„אָנגעטראָגנ ערד אסאכ,
און אהײמ מ'איז אוועק,
און ס'דערמאנט זיכ ניט קײנער,
אז דרײַ הונדערט אָטאָ דאָ
האָבנ געלײגט זײערע בײנער,
און די ערד נעמט ניט צו.
ווענ דער העטמאנ דער וויסטער
האָט פארקויפט זײ, די קריסטנ,
און געשיקט אונדז זײ טרײַבנ, —
איבער אײגענעמ לאנד
אײגנ בלוט האָבנ צעגאָסנ,
געשניטנ ברידערשע לײַבער;
ברודערש בלוט האָבנ געטרונקענ,

און אָט דאָ זיך געלייגט
אין פארשאָלטענעם ווינקל".
ווערט אנשוויגן פארטראכט,
אפן שפּיז אָנגעשפּארט,
שטייט באַם קיווער פארשטומט,
אפן דניעפּ קוקט זיך אום,
ווײנט און קלאָגט אומגעהויער,
ס'ווײנען כוואליעס די בלויע.
פון א דאָרף איבער דניעפּער
דאָרט א ווידערקאָל שוועבט
און אין וואלד זיך באהאלט.
ס'קרייען הענער, עס טאָגט.
אונדזער קאָזאק — ער פאלט,
ס'ציטערט אופּ טאָל און וואלד,
דער קורגאַן זיפצט און קלאָגט...

אין קאזעמאט
[1847]

III

ס׳איז מיר אלציינס, צי וועל איך ווינען
אין אוקראַינע נאָך, צי ניין,
דערמאנט נאָך ווער דעם נאָמען מײַנעם,
צי מיך פארגעסט אין פרעמד, אין שניי —
דאָס איז מיר גאָר און גאָר אלציינס!

פון קינדווײַז — קנעכטשאפט צווישן פרעמדע,
און ניט באוויינט איך פון באקענטע,
אין קנעכטשאפט מיך דער טויט דערשלאָגט.
און כ׳נעם מיט זיך, וואָס איך פארמאָג, —
מײַן מינדסטן שפור ניט צו געפינען
אף אונדזער מילדער אוקראַינע,
אין אונדזער — און ניט אונדזער היים.
ס׳דערמאנט דער פאָטער ניט, דער זון ניט.
דער פאָטער וועט ניט זאָגן: „זינו,
בעט גאָט פאר אים: פאר אוקראַינע
האָט מען פארפײַניקט אים אמאָל!"

ס׳איז מיר אלציינס, בעט יאָ אמאָל
א־יענער זון פאר מיר, צי ניין,
נאָר ס׳איז מיר אָבער ניט אלציינס,

ווען אוקראַינע בייזע מענטשן
ארשלעפערן און זי באַרויבן,
און צינדן אונטער — און אין ברען שוין
זי וועקן, און פון שלאָף זי הייבן...
אוי, דאָס איז מיר שוין ניט אַלצייַנס!

אין קאזעמאט
[1847]

## VIII

א ווײַנשל־סעדל לעמ דעמ שטיבל,
דער זשומ פונ זשוקעס זיכ צעשפרייט,
דער אקערער מיטנ אקער גייט,
געזאנג פונ מיידלעכ רופט זיכ איבער,
דעמ אָוונט־ברויט די מאמע גרייט.

ס׳געזינד עסט וועטשערע לעמ שטיבל,
דער אָוונט־שטערנ שײַנט שוינ לאנג,
צומ טיש די טאָכטער פלינק דערלאנגט,
די מאמע וויל אנ אויסרייד געבנ,
איז שטערט דעמ סאָלאָווייס געזאנג.

די מאמע שטיל באלייגט לעמ שטיבל
די קליינע קינדערלעכ אינ ריי,
אליינ אנדרעמלט נעבנ זיי.
ס׳איז שטיל... אונ ס׳רופנ זיכ נאָר איבער
די מיידלעכ מיט דעמ סאָלאָוויי.

אינ קאזעמאט

[1847]

* * *

לידער מײַנע, דומעס מײַנע!
אײנציקע און אײנע!
איר זאָלט כאָטש מיך ניט פארלאָזן
אין א בײזער שאָ אזוינער!
קומט צו פליִען, מײַנע בלויע,
מײַנע טויבן יונגע,
פון דער זײַט פון ברײטן דניעפּער
קומט אין סטעפּ דאָ זינגען
מיט די אָרעמע קירגיזן!
זײ זײַנען שוין באנומען,
הויל און נאקעט, אָבער פרײַ נאָך
בעטן גאָט זײ קומען.
קומט צו פליִען, מײַנע ליבע!
מיט שטילע רײד מיט רײנע
כ׳וועל, ווי קינדער, אײַך באגריסן,
מיט אײַך איבײנעם װײנען.

[אָרסקער פעסטונג
1847]

## N. N.

ס׳איז מיר דאָס דרײַצנטע געגאַנגען,
כ׳האָב שאָפּ געפּאַסעט הינטערן דאָרף.
צי פון דער זון, פון שײַן געפאַנגען,
צי גלאַט אַזוי פון העלער וואָר —
ס׳איז מיר אַזוי ווויל, אַזוי מילד געוואָרן,
ניט אַנדערש בײַ גאָט...
מע רופט שוין צום געטיילטן עסן,
און איך, איך זיץ זיך אין בוריאַן
און בעט אַלץ גאָט... און כ׳קאָן ניט וויסן,
פאַרוואָס אין מײַן געבעט איז הײַנט פאַראַן
אַזאַ מין זיסקײַט? איך, אַ שנעקל,
און ס׳איז מײַן פרייד שוין אַזוי גרויס;
און ס׳דאַכט זיך, אַז די פרייד באַהיט
דאָס דאָרף, די שאָף, די הימל־שטרעקע!
די זון, זי וואַרעמט — און ניט ברית!

נאָר ניט לאַנג די זון איז קלאָר,
נאָר ניט לאַנג דאָס האַרץ מײַנס פרייט זיך...
די זון, זי באַקט, איז רויט געוואָרן,
פאַרברענט מיר מײַן גאַניידן.
איך כאַפּ זיך אויף, ווי פון אַ כאָלעם —
ס׳איז שוואַרץ דאָס דאָרף, פאַרסאַרפּעט.

גאָט מײַנער, דער בלויער הימל
מיעס איז שוין פון כארפּע.
כ׳קוק זיך אום אַף מײַנע שעפּעלעך —
שעפּעלעך ניט מײַנע!
כ׳קער זיך אויסעט צו די כאַטעס —
כ׳האָב ניט וווּ אַרײַנגײן!
גאָט האָט גאָר מיר ניט געגעבן!
טרערן מײַנע גיסן...
שווערע טרערן... און אַ מיידל
בא דעם ראַנד פון וועג
האָט ניט ווײַט געריסן
פלאַקס; דערהערט מײַן וויינען,
איז זי באַלד געקומען,
אָפּגעווישט מיר מײַנע טרערן,
מיך אַרומגענומען
און אַ קוש געגעבן...

איז — ווי די זון זאָל ווידער שײַנען,
און ווי די גאַנצע וועלט איז מײַנע...
און פעלדער, וועלדער, שיינע גערטנער!..
מיר האָבן מיט שפּילעוודיקע ווערטער
די פרעמדע שאָף צום טײַך געטריבן.

אַ כאָלעם!.. נאָר אַז כ׳דערמאַן זיך,
וויינט דאָס האַרץ, צעגייט פון ווייטעק:
פאַרוואָס האָט גאָט אין דעם גאַניידן
מיך ניט געלאָזט אַפּן גאַנצן לעבן!
אין פעלד באַם אַקער וואָלט איך אויסגײן,
פון אַלץ דאָ אַף דער ערד באַפרײַט,
כ׳וואָלט ווי אַ דולער ניט אַרומגײן
און ניט פאַרשאָלטן [גאָט] און לײַט!

[אָרסקער פעסטונג
1847]



ס'איז מיר דאָס דרײַצנטע געגאנגען

געמעל פונעם קינסטלער אי. ס. איזשאקעוויטש

*  *
*

אז מיר זײַנען געווען נאָך קאָזאקנ,
פונ קײנ אוניע האָט מען ניט געהערט,
אוי, האָט זיך פרײלעך געלעבט אפ דער ערד!
זיך געברידערט מיט די פרײַע ליאכנ,
זיך געגריסט מיט די סטעפּעס די פרײַע,
אינ גרינע סעדער זיך הארציק געליבט,
ווי ליליעס, האָבנ מײדלעך געבליט;
מיט פרײַע זינ האָבנ מאמעס געטרײַע
זיך געגרויסט... אינ דער לענג און אינ דער ברײט
געוואקסנ זײַנען זינ און האָבנ געפרײט
דער מאמעס טרויעריקע יאָרנ די אלטע...
אזש ביז עס זײַנען מיט קריסטוסעס נאָמען
די פאלשע קסיאָנדזנ אָנגעקומען,
אונדזער שטילנ קאנט מיט פײַער פארזײט,
א יאמ טרערנ און בלוט פארשפרײט
און אינ נאָמען פונ קריסטוס די יעסוימים
געקרײציקט, געפּײַניקט ביז אײנעם.

און קעפּ קאָזאקישע זיך בײגנ,
ווי עס בײגט זיך גראָז אינ ברײטנ סטעפּ.
אוקרײַנע זיפצט, פארווײנט די אויגנ.
צו דער ערד עס פאלנ קעפּ נאָך קעפּ;

או׳נ קאטעס ווילדע מײַסימ טוענ,
אונ קסיאָנדזנ מיט די דולע צונגענ,
זיי שרײַענ: Te Deum — האלעלויאָ...
אָט אזוי, פּאָליאקנ, ברידער ליבע,
די בייזע קסיאָנדזנ, די מאגנאטנ
האָבנ אונדז צעזונדערט אונ צעטריבנ;
מיר וואָלטנ ביז אהער זיך ליב געלעבט.
איז גיב דײַנ האנט דעמ קאָזאק דעמ פרײַענ,
דאָס הארצ דאָס ריינע גיב אימ מיט טרײַהײַט!
אונ ווידער וועלנ מיר פרידלעכ ביידע
באנײַענ אונדזער שטילנ גאניידנ!

[אָרסקער פעסטונג 1847]

14 מארט [מאָסקווע 1858]

# א. אָ. קאָזאטשקאָווסקינ

שוינ לאנג איז עס געוועננ! איכ שול נאָכ טאקע,
בא דעמ לערער בא דעמ דיאק
פלעג איכ אזוי א שלעפ טונ א פיאטאק —
כ׳בינ דעמלט נאָכ געוועננ א קינד א נאקעטס,
א נעבעכדיקס, — א בייגעלע פאפיר
געקויפט אונ זיכ געווירעט
א קליינינק ביכעלע; מיט דריידעלעכ,
מיט ציילעמלעכ, מיט קווייטעלעכ
האָב איכ די בייגעלעכ ארומגעפירט,
אונ „סקאָוואָראָדא״ פאר זיכ אראָפקאָפירט,
„די דריי קייסאָרימ מיט געשאנק״;
אליינ בינ איכ אינ גראָז געזעסנ,
קיינער זאָל ניט זענ, ניט הערנ.
כ׳זינג אונ כ׳וויינ מיט הייסע טרערנ...
אפ דער עלטער איז מיר אויסגעקומענ ווידער
זיכ אויסבאהאלטנ מיט די לידער,
זיכ נייענ ביכעלעכ אונ וויינענ אינעמ גראָז,
אונ וויינענ הייס,
אונ ביטער וויינענ. ווער ווייס, פארוואָס,
פארוואָס באשטראָפט מיכ גאָט?
איכ שול אינ פלאָג פונ דר׳ערד זיכ שווער געהויבנ,

אין שול איך גראָ צו ווערן אָנגעהויבן,
אין שול באַגראָבן וועט מען מיך, דעם נאַר;
און אַלץ דערפאַר, און אַלץ פאַר דעם פּיאַטאַק,
וואָס קליינערהייט
האָב איך אוועקגעגאַנוועט בא דעם דיאַק,
אַזוי באַשטראָפט מיך גאָט...
אָט הער מיך אויס, מײַן פרײַנט מײַן זיסער,
מײַן אָדלערישער קאָזאַק!
ווי כ׳מוטשע זיך אין טפיסע,
ווי די וועלט איז מיר דערווידער!
הער־זשע, ברודער,
לערן דײַנע קליינע קינדער, —
לערן זיי פון קליינווײַז זיך ניט לערנען שרײַבן לידער.
און אויב איינעם א פאַרשײַטן
וועט זיך גלוסטן לידער שרײַבן,
איז געהיים זאָל ער עס טון,
זאָל ער זיך פאַרקלײַבן אין א ווינקל,
וויינען שטיל און זינגען
שטיל, אַז גאָט זאָל עס ניט הערן,
דו זאָלסט אויך דערפון ניט וויסן,
ס׳זאָל ניט אויסקומען אים ליידן
און באַשטראָפט צו ווערן,
ווי אַצינדער אין דער טפיסע
ווער איך דאָ באַשטראָפט!..

ניט אַנדערש א פאַרברעכער, הינטער גראָבנס
איך גאַנווע זונטיק זיך אַרויס אין פעלד,
לעם בערגלעך כ׳גיי לענגויס אוראַלער ברעגן
צום ברייטן סטעפּ, צו פרײַער וועלט.
דאָס צעווייטיקט,
דאָס צעשלאָגן הארץ
עס טוט א ציטער,
ווי א פיש אין וואַסער,

שטיל טוט עס א שמייכל,
ווי א טויב טוט עס א פלי
איבער פרעמדע פעלדער, —
כ'וועל ווי לעבעדיקער
אפ די פעלדער, אפ דער פרײַהײַט!..
אפ א בארג א הויכן
כ'קריך ארופ און קוק פונדאנען,
איך דערמאן זיך אין אוקרײַנע
און כ'האָב מוירע זיך דערמאנען...
דאָרט איז סטעפּעס — דאָ איז סטעפּעס,
אָבער ניט אזוינע:
דאָ זיי זײַנען געלע, ברוינע, רויטע,
דאָרטן זײַנען בלויע,
גרינע, געהעפטע,
ברייטע פעלדער־שטרעקעס פרישע,
און קורגאנען, טונקלע לאָנקעס.
און דאָ איז נאָר בוריאן, און זאמד פארשפרייט איז...
און זאָל כאָטש ערגעצוווּ א קייוועך
אפ גרויען אָווער זאָגן איידעס...
ניט אנדערש מענטשן האָבן ניט געוואנדערט,
ניט געלעבט ניט איצט, ניט קיינמאָל אפ די שטרעקעס,
די וויסטעניש האָט זיך פון מענטשן אויסבאהאלטן;
נאָר מיר, מיר האָבן זי פונדעסטוועגן אנטדעקט,
און טפיסעס אויסגעבויט, און צאמען דאָ צעשטעלט,
נאָך דעם דאָ וועלן זײַן אויך קוואָרים —
און מיט דער צײַט וועט ווערן דאָ א וועלט!..

אָ, מײַן גוירל, מײַן גליק, מײַן לאנד!
ווען וועל איך זיך שוין ארויסרײַסן פון מידבער?
צי עפשער — גאָט באהיט! —
וועט זיך דאָ ענדיקן מײַן וועלט?
און ס'וועט שווארץ ווערן דאָס רויטע פעלד...
— „הײַדא אין קאזארמעס! הײַדא אין געפענקעניש!" —

טוט ווי עמעצ א געשריי דאָ לעבּן מיר.
איך כאַפּ זיך אוף. פון הינטער בּארג איך גיי צוריק,
ווי א פארבּרעכער, הינטער בּערגלעך, הינטער וואלן
כ׳גאנווע זיך ארויס לענגויס אוראל.
אזוי, מײַן בּרודער, בּין איך קאָנטעט
מיטן זונטיק, מיטן יאָנטעוו!
און דער מאָנטיק?.. פרײַנט מײַן ליבּער!..
ס׳וועט קומען נאכט אין שטיקנדיקער שטוב,
געדאנקען וועלן קומען... זיי צעשלאָגן
דאָס הארצ און אויך די האָפענונג,
און דאָס אלצ, וואָס כ׳האָבּ קיין וואָרט דערופ ניט...
און אלצדינג וועלן זיי דעריאָגן
און וועלן אָפּשטעלן די נאכט: שאָען וועלן,
ווי יאָרן, ווי יאָרהונדערטן זיך שלעפּן.
און איך, איך וועל מיט טרערן וועפּן
ניט איין מאָל מײַן געלעגער.
און טעג און יאָרן ציילן כ׳וועל זיך נעמען:
ווען, ווו און ווען האָבּ איך בּאוויזן ליבּן?
און ווען האָבּ איך גוטס געטאָן אין לעבּן?
קיינעם, קיינעם אין דער וועלט ניט.
גלײַך ווי כ׳וואָלט אין וואלד געלעבּט!
און ס׳איז דאָך קראפט געוועזן, פרײַהײַט!
די קראפט האָבּן כויוועס אומגעבּראכט,
אין געסט די פרײַהײַט האָט געשיקערט
און האָט פארבּלאָנדזשעט צו מיקאָלען...
און האָט פארזאָגט שוין מער ניט טרינקען.
ס׳וועט ניט העלפן גאָט דער ליבּער,
ווי בּא לײַטן זאָגט מען:
„ס׳איז כאראָטע נאָר פארבּליבּן,
אָבּער צוריק צו כאַפּן איז אומעגלעך".
איך בּעט בּא גאָט, ס׳זאָל ווערן ליכטיק:
ווי אָפּ פרײַהײַט, כ׳וואָרט אָפּ שײַן, אָפּ זון.
די גריל ט׳אנשוויגן ווערן; מע טרומייטעט אופשטיין, —

איך בעט בא גאָט, ס׳זאָל ווערן פינצטער,
ווייל מע וועט אים אָפּ בייזוווּנדער פּירן,
אים, דעם אַלטן נאַר, מושטרירן,
זאָל ער וויסן, ווי די פרײַהייט שעצן,
זאָל ער וויסן, אַז דעם נאַר באַשטראָפט מען שטענדיק.
אַ טאָג פאַרגייט, אַ וואָך גייט איבער,
און מעגלעך, פרײַנט, אַז אויך אַזוי
די לעצטע יאָרן וועלן פאַריבער...
פאַר דעם עמעס מיך באַשטראָפט מען,
כ׳טראָג מײַן גורל, ניט איך שעלט אים...

עס פאַרגייען יונגע יאָרן;
עס פאַרגייט דאָס גליק; די האָפענונג,
זי טוט אין טפיסע וויַטער אירס
און טוט מיט מיר קיין גוטס ניט וויַטער,
מײַן הארץ פאַרפּילט זי מיט יעסורים.
עפּשער וועל איך גוטס נאָך זען?
און מײַן אומגליק איבערוויינען?
כ׳וועל נאָך טרינקען וואַסער פונעם דניעפּער,
און אָף דיר, מײַן פרײַנט, וועל איך אַ קוק טון?
און עפּשער אין דײַן שטילן שטיבל
איך וועל ווידער מיט דיר ריידן,
מיט דיר, מײַן פרײַנט מײַן ליבער? כ׳האָב מוירע!
כ׳האָב מוירע זיך אַליין אַ פרעג טון:
צי וועט עס נאָך אַמאָל געשען?
צי נאָר פון הימל אויסקומען וועט זען,
אַ בליק נאָך קאָנען געבן
אָף אוקרײַנע און אָף דיר, מײַן ליבן.
און אַמאָל געשעט עס,
אַז סע קלעקט ניט אויך קיין טרערן,—
וואָלט איך שוין געשטאָרבן גערן...
אָבער דו, און מײַן אוקרײַנע,
און דער דניעפּער מיט הויכע ברעגן,

אונ די האָפֿענונג, ברודער ליבֿער, —
אלע איר דערלאָזט מיכ ניט,
כ׳זאָל בא גאָט ראכמאָנעס וועקנ,
ער זאָל מיר דעם טויט שוינ געבנ!

[אָרסקער פעסטונג 1847] — [מאָסקווע 1858] 16 מארט

# וואַרנאַק

ווען כ׳האָב געבלאָנקעט אין דער פרעמד
באַם טײַך יעלעק, האָב איך באַגעגנט
אַן אַלטן גרײַז, אַ לאַנדסמאַן טאַקע,
אַן אַלטן אויסגעמאַטערטן וואַרנאַק,
פון וויסטער קאַטאָרגע אַנטלאָפן.
מיר האָבן זיך אין פעלד געטראָפן
אום זונטיק. האָבן זיך צערעדט.
דערמאַנט האָט זײַן וואָלין דער אַלטער,
די יונגע פרײַהײַט די צעשטראַלטע
און ס׳לעבן זײַנס. אין גראָז ביז שפּעט
באַם שוץ־בערגל פון אונדזער פעסטונג
מיר זײַנען שמועסנדיק געזעסן,
דערציילט זיך מײַסעס. „וויפל יאָרן! —
דער אַלטער זאָגט. — בלויז גאָט דאָס קאָן.
פון גאָט גייט אַלץ! דער נאַר דער מענטש
אַליין ניט אויפטוען וועט גאָרניט!
דו זעסט? אַליין אומזיסט־אומנישט
דאָס לעבן מײַנס האָב איך פאַרוויסט,
און כ׳האָב צו קיינעם ניט קיין טײַנעס
פאַר די פאַרוויסטע יאָרן מײַנע,
און כ׳בעט באַ קיינעם גאָרניט. יאָ,

מײַן זון, כ׳האָב דיך נאָר אײנעם
א פרײַנט דאָ אין דער פרעמד. אָט דאָ
וועל איך שוין שטארבן.״ — גענומען וויינען
האָט דער ווארנאק. „ברודער ליבער,
גראָווער ברודער. ביז אין שטיבל
די האָפענונג וווינט, איז טרײַב זי ניט!
איז זאָל זי וווינען: זאָל אמאָל
אין אלטער פוסטקע ווארעם ווערן,
און זאָל פון אלטע אויגן רינען
יונגע טרערן;
און מיט טרערן דורכגעשווענקטע,
וועט דאָס הארץ אויך רוען,
פון דער פרעמד צום לאנד צום אייגענעם
וועט זיך לאָזן פליִען!״

דער אלטער זאָגט: „שוין פיל פארשווונדן,
פיל וואסער איז אוועקגערונען,
פון איקווע אין [דעם יאם] אוועק...
א דאָרף געשטאנען איז באם ברעג.
אין יענעם דאָרף אף שלימ־שלימאזל,
אף אומקום בין איך אויסגעוואקסן.
אָ, אומגליקלעכער גוירל קאלטער!
בא אונדזער פריצע בא דער אלטער
געווען זײַנען פאניטשעס קליינע —
מיט מיר קימאט אין יאָרן איינע.
איז נעמט זי מיך אין הויז צו זיך
מיט פריצימלעך צו שפּילן. עס וואקסן
די פריצימלעך — און אויסגעוואקסן...
ווי הינטעלעך, צעביסן מיך —
ניט מיך אליין. מע נעמט זיי לערנען.
איך לערן זיך אויך, צום אומגליק. טרערן
און בלוט האָט מיך געקאָסט דאָס לערנען...
מיר זײַנען וועלוועלער פון הינט,

צו וואָס אונדז לערנען?!
וואָס דאַרפֿן מיר?!
בעטן גאָט, באַם אַקער גייען געבויגן —
מער דאַרף דער קנעכט ניט וויסן,
אַזאַ מין איז זיין גורל! כ׳לערן,
כ׳בין שוין אויסגעוואַקסן, כ׳בעט,
אַז מע זאָל מיר פֿרייהייט געבן;
וויל זי ניט — און אין סאָלדאַטן,
די פֿאַרפֿלוכטע, שיקט ניט.
אָט אַזוי די יאָרן כ׳פּאַטער...
וואָס־זשע טוט מען? צו דעם אַקער
בין איך שטיל אוועק...
די פּאַניטשעס אין דער גוואַרדיע
האָט מען גיך צעשטעקט...

שווערע יאָרן אָנגעקומען,
כ׳האָרעווע אַזוי באַם אַקער:
כ׳בין אַ יאָסעם. עלנט, קומער!..
און באַם שאָכן איז געוואַקסן
אַ מיידעלע אַ דינסט — אַ שיין.
און איך — אָ, מאַזל, מאַזל מיינס!
אָ, גאָט מיינער, אָ, גאָט דו איינער!
כ׳האָב ליב געקראָגן אָט דאָס שיינע
קינד... ניט מיר, אָ, גאָט, דאָס וויסן,
ניט מיר, ניט מיר דאָ קאָנען
דיך מישפּעטן, אָ, גאָט דו גרויסער!
דאָס קינד, עס וואַקסט און ברענגט מיר ליידן,
און אומקום ברענגט זי, ניט קיין פֿריידן.
ניט אָנגעקוקט גענוג זיך דעמלט...
געוואָלט כ׳האָב פֿאַר אַ ווייב זי נעמען,
און פֿרייען זיך, און ליטיש לעבן,
און ליבן לייט, און גאָט אויך ליבן...
און אויסגעקומען...

געקויפט אלצדינג שוין,
און ביר געקאָכט, פארגרייט די קליידער,
נאָר ניט באשערט געווען צו טרינקען.
דער אלטער פריצעס גראָווער באָכער
האָט אלץ בארויבט, דעם ביר צעגאָסן
און א געשענדעטע פארלאָזט זי...
ס׳איז אלץ אוועק, ס׳איז אלץ פארשוווּנדן.
צו וואָס דערמאנען איצט? נישטאָ.
נישטאָ!.. פארשוווּנדן און געפעלט זיך!
איך האָב דעם אקער דאן פארוואָרפן,
פארלאָזט דאָס פעלד, די שטוב, דעם גאָרטן,
געוואָרפן אלץ. דעם רועך געפאָלגט, —
אין דאָרף א פיסאר כ׳בין געוואָרן.

און ווי ס׳ניט איז איז דורך א יאָר,
איך שרייַב מיר, כאָווער זיך מיט לייַטן,
און יאטן ווילע נעם איך קלייַבן.
פארגייט א צווייט יאָר... פריש און קלאָר,
די פאניטשעס קומען ביידע
פארקנאסטע שוין. מע שוועבט,
מע שפילט אין קאָרטן, מע לעבט,
און צו דער כאסענע מע גרייט זיך,
צו יונגע מיידלעך פונעם דאָרף,
ווי בוהייַעס, מע קריכט — מע פרייט זיך.
נו, פריצימלעך! מיר ווארטן אויך
אף יענעמס כאסענעס און פריידן...

און אָט גאָר גיך, אין גרינעם זונטיק,
געמאכט א כאסענע זיי ביידן
אין קאָסטיאָל היימישן (געווען
זיי זייַנען ליאכן). קיינמאָל

האָט ניט געזען אויך גאָט קיין שענערס
אפּ אונדזער ערד אפּ אונדזער גרויסער
פון יענע יונגע פּאַרלעך צוויי...
ס'האָט פריילעך די מוזיק צערוישט זיך, —
און אָט פון קאָסטיאָל פירט מען זיי

צו די פּאַלאַצן די באַנײַטע...
און מיר באַגעגענען זיי, באַפאַלן,
מיר שעכטן פירשטן, פירשטלעך אַלע.
מיט בלוט די כאַסענע פאַרלאָפן,
קיין איין קאַטויל איז ניט אַנטלאָפן, —
געפאַלן אַלע, ווי כאַזיירים
אין שטינקענדיקן מיסט. און מיר,
זיך אײַנגעפּאַרעט, גענומען קלערן,
א נײַע שטוב אוועק זיך זוכן,
און גאָר אינגיכן זי געפונען,
א צימער אין א הויז א גרינעם,
אין וואַלד אין פינצטערן, אין פעלד,
אין טאָל, אין סטעפּעס העלע,
אין טיפע גראָבנס — אומעטום
געווען ווו הוליען אין ארום,
און אויך ווו רוען איז געווען.

מ'האָט מיך פאַר אַן עלטסטן אויסגעקליבן;
פון טאָג צו טאָג וואַקסט מײַן געזינד,
שוין צו א הונדערט זיך דערקליבן.
ווי כאַזערשעס דאָס בלוט אַלץ רינט!
געשניטן אַלץ, וואָס פאָרעץ הייסט,
און אַן ראַכמאָנעס, אויך אָן בייז, —
געשניטן גלאַט... איך ווייס אַליין ניט,
וואָס האָט זיך מיר געגלוסט אַזוינס?
מיט מעסערס דרײַ יאָר געגאַן אַזוי,

א קוילער—וואָס עס טרעפט נאָר, שנײַדט ער,
צו בלוט, צו טרערנ אונ צו שײַטערס,
צו אלצ, צו אלצ שוינ צוגעווינט.
עס טרעפט, ווי א זשאבע, כאפסט א קינד
אפנ שפיז אונ בראָטסט אפנ פײַער,
צי א פאניענקע, בלאס אונ מילד,
צעקרייצסטו נאקעט אפ א פערד
אונ לאָזט אינ סטעפ אינ פרײַענ.
ס'איז אלצ געווענ, ס'האָט פאסירט,
אונ אלצ געוואָרנ נימעס מיר...

כ'ווער שוינ דול. געוואָרנ שווער
אינ די גריבער לעבנ;
זיכ אליינ געוואָלט שוינ קוילענ,
אפ דער וועלט קיינ קוק מער געבנ.
כ'וואָלט געקוילעט זיכ... נאָר וווּנדער,
גרויסע וווּנדער קומענ
איבער מיר, דעמ אומענטש...
טאָגנ האָט גענומענ.
פונ בראָווארער וואלד דעמ טיפנ
מיטנ מעסער ארויסגעגאנגענ,
קעדיי זיכ קוילענ. כ'גיב א קוק,
ווי אפנ הימל איז אופגעהאנגענ
דער גרויסער, דער הייליקער קיִעוו!
ווי הייליקע וווּנדער, לויכטנ
קלויסטערס קלאָרע, הויכע,
צו גאָט זיי שיקנ רייד.
איכ גיב א קוק, דאָס הארצ צעגייט,
מ'האָט שטיל גענומענ קלינגענ
אינ קיִעוו, ווי אפנ הימל...
אָ, גאָט מײַנער! געוואָרנ גרינגער.
ס'ארא וווּנדער, טאטע זיסער!..
כ'האָב צעווײנט זיכ, טרערנ גיסנ,

כ׳ווייג ביז האלבטאָג, גאָט דו ליבער...
פונ אומעט איז קיינ שפּור געבליבנ,
אלצ איז ליב אונ קלאָר געוואָרנ, —
כ׳בינ אפסנײַ געבאָרנ...
כ׳גיב א קוק ארומ זיכ —
איכ ציילעמ ברייט זיכ איבער,
כ׳בינ שטיל אוועק קיינ קיִעוו —
ניט די הייליקע צו בעטנ, —
א געריכט, א געריכט א מענטשלעכנ
דאָרט בא לײַטנ בעטנ״.

[אָרסקער פעסטונג 1848]—[1858]

## קייסאָרים [1]

איר, שוועסטער אלטינקע אפּאָלאָס!
ווען איר וואָלט איינמאָל אפּ א שאָ
צו אונדז זיך צושלעפּן אָט דאָ,
און, ווי געווען איז גאָר אמאָל,
די שטימ די געטלעכע דערהויבּן
ביז צו אן אֶדע א געפּוצטער,
וואָלטן מיר דאָ ביידע אָנגעהויבּן
די צארן, לאָמיר זאָגן, לויבּן!
דעמ עמעס זאָגן, אונדז אליין
שוין צופיל נימעס זיינען זיי,
אָט די מוזשיקעס די אזוינע,
די פּאניטשעס און די זוינעס.
עס ווילט זיך שוין מיין הייליקייט
אפּ די קייסאָרימס קרוינען טרייבּן,
אפּ אלע זיי, די גאָטגעזאלבּטע...
איז וואָס? כ׳פארשטיי ניט, וויאָרומ!
אויבּ וועסט קומען אונדז צו הילפּ
און וועסט וויין, וויאזוי
מע פליקט, מע טרייבּערט יענע פויגלען,—

1) אין שעווטשענקאָס מאנוסקריפּט האָט די פּאָעמע ניט קיין נאָמען.

וואָלטן מיר זיי אין די הענט געהאַלטן
די טשופּרינעס די הויך־געזאַלבטע.
פאַרלאָזט דעם הייליקן פּאַרנאַס
און קומט אַראָפּ כאָטש אַף אַ שאָ,
גאָטס אַלטע שטים לאָזט הערן הויך!
און, ווי געהעריק, שיין און פיין
כאָטשבי אַ שאָ איר זינגט מיט אונדז,
קעדיי די איידע די געקרוינטע
פון פאָרנט און פון הינטן ווייזן
די בלינדע לייט. אין אַ גוטער שאָ
מיר הייבן אָן, מיין הילף, מיין שוץ!

I

אין ירושלאַיִם איצט זעט מען ניט קיינעם,
אין דאָוויד־שטאָט שליסט מען די טויערן פעסט,
ניט אַנדערש עס האָט אין דער שטאָט אין דער שיינער,
וואָס גאָט זי באַהיט, זיך פאַרקליבן די פעסט...
ניט די פעסט! נאָר אַן ערגערע צאָרע אַ גרויסע
האָט יִסראָעלן געטראָפן: אַ מילכאָמע האַלט דער קייסער!
דאָס גאַנצע כאַיִל, אַלע פירשטן,
די יונגע און דאָס גאַנצע פאָלק,
אין שטאָט פאַרשלאָסן פעסט דעם מישקן,
אַוועק אין פעלד, אין ברייטן טאָל.
מע שלאָגט זיך בייז און אָן ראַכמאָנעס,
מע מערט יעסוימים, די אַלמאָנעס
די יונגע דאָרט אין שטאָט באַוויינען
די בידנע קינדערלעך די קליינע,
דעם נאָווי און דעם קייסער דאָוויד
אַף וואָס די וועלט שטייט אַלע שעלטן.
און ער, ווי גאָרניט וואָלט געשען,
שפּאַצירט זיך אַף זיין צעדער־דאַך
אין מאַנטל פּורפּורנעם: מיט בּרען,

ווי א קאַטער אפּ א פּעטער זאַך,
ער קוקט אין שאָכנס גרינעם גאָרטן —
דעם שאָכנס ווײַב איצט באָדט זיך דאָרטן:
ס׳איז אוריעס ווײַב — באַשעווע,
ווי אין גאַניידן עווע [1],
אין גרינעם גאָרטן פריילעך, לוסטיק
געוואַשן האָט די ווײַסע ברוסטן.
זי איז אוריעס פרײַנדן, אוריעס ווײַב,
נאָר דעם קייסערס שקלאַפן זי פאַרבלײַבט,
און דאָווידן דעם הייליקן צאַר
האָט זי פאַרפירט, געמאַכט צום נאַר...

אינדרויסן שוין טונקלט. אין פינצטערניש פולער
שלאָפט אײַן דער פאַרטרויערטער יערושאָלאַיִם.
אין צעדערנעם פאַלאַץ, ניט אנדערש א דולער,
שפּאַנט דאָוויד ארום, דער גיריקער קייסער,
און זאָגט זיך אליין: „איך... מיר הייסן!..
איך בין דער האַר
פונעם פאָלק דעם פײַנעם,
איך בין א גאָט אין לאַנד אין מײַנעם,
איך בין אלץ!..״
און א ביסל שפּעטער
די קנעכט אים ברענגען א קרוג געטראַנק,
צו אָונטערברויט דער צאַר פאַרלאַנגט,
די קנעכט זאָלן אים א קנעכטן ברענגען,
און טאַקע זי, באַשעווע... קיין אײַנהאָרע! —
צום קייסער געטלעכן, צום נאָווי,
באַשעווע ז׳אליין געקומען...
געגעסן אָונטערברויט, גענומען
א ביסל מאַשקע מיט דעם נאָווי,

---

[1] עווע — כאַווע.

דערנאָך אוועק אַפֿ זיסער רו
מיטן קייסער... און אוריע איז געשלאָפֿן;
ס'האָט אים זיך, נעבעך, ניט געכאָלעמט,
וואָס אינדערהיים דאָרט שטילערהייט
קומט פֿאָר. דער צאַר באַנעמט אים.
ניט גאָלד, ניט זילבער נעמט ער צו —
ער נעמט דאָרט צו דאָס בעסטע גוטס —
באַשעווע, זײַן ווײַב זײַן ליבע.
ער זאָל ניט וויסן פֿון זײַן שאָדן,
האָט אים דער צאַר געטויט — און פֿאָטער!..
ס'האָט פֿאַר דעם פֿאָלק דערנאָך דער צאַר
געוויינט א ביסל, אָפּגעגנאַרט
מיט טילים דעם אלטן נאָווי נאָסן...
און ווידער פֿריילעך, שיקער ווידער
ארום דער שקלאַפֿן טאַנצט ער, ציטערט.
אזוי די הייליקע צאַרן לעבן.
ווי לעבן פּראָסטע? מע טאָר ניט ריידן,
כ'אייצע אײַך פֿון דעם גאַניידן
ניט וויסן גאָר, ניט פֿרעגן קיינעם,
ס'זאָל ניט פֿאַרשאַטן, — ס'טרעפֿט ניט איינמאָל!..

## II

דער קייסער דאָוויד, דער צאַר דער נאָווי,
ניט איבעריק איז פֿרום געוועזן.
געהאַט האָט ער א טאָכטער טאָמאָר,
א זון אמנוין. קיין נעס איז ניט געשען,
עס איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין וווּנדער:
אויך הייליקע פֿאַרמאָגן קינדער,
נאָר ניט אזעלכע, ווי בא פּראָסטע,
נאָר אָט אזעלכע... דער שיינער אמנוין,
דער מאַזלדיקער באָכער, ליגט,
איז קראַנק, און דאָוויד קרעכצט און זיפֿצט,
זײַן פּורפּור־מאַנטל ער צערײַסט,

באַשיט מיט אַש זײַן אַלטן קאָפּ:
„איך וועל אָן דיר ניט קאָנען לעבן
קיין טאָג קיין אייך־און־איינציקן, מײַן זון,
מײַן קינד מײַן טײַערס, קינד מײַן שיינס!
אָן דיר איך וועל ניט זען די זון,
אָן דיר כ׳וועל שטאַרבן, שטאַרבן, שטאַרבן!"
און קלאָגנדיק ער גייט צום זון,
ער צאַפּלט, טופּעט און ער לויפט.
און ער, דער בוהײַ דער געזונטער,
אין צעדער־צימער ליגט ער מונטער:
ער לאַכט זיך אויס פונעם נאַר דעם פאָטער;
ער ליגט, ער וויינט, נעבעך, און בעט זיך,
אַז קומען זאָל די שוועסטער טאַמאַר:
„איך בעט דיך האַרציק, דו זאָלסט הייסן,
אַ קוכן זאָל מיר טאַמאַר באַקן,
און זי אַליין זאָל מיר אים ברענגען;
ווי נאָר איך וועל דערפון פאַרזוכן,
וועל איך געזונט ווערן..."
גאַנצפרי
האָט טאַמאַר אָפּגעבאַקט, געבראַכט
געבעקס דעם ברודער. פאַר דער האַנט
ער נעמט זי פעסט און פירט אַוועק
אין פינצטערן צימער. אויף דעם בעט
ער וואַלגערט זי. זי ברעכט די הענט,
די שוועסטער, קלאָגט און רײַסט זיך, נעבעך,
זי שרײַט צום ברודער: „קום צו זיך!
אָ, אַמנוין, פאַלשער ברודער מײַנער,
מײַן אַמנוין איינציקער! איך... איך...
דײַן שוועסטער, דײַן אייך־און־איינציקע!
וווּהין וועל איך אַהינטון זיך?
די זינד, די בושע און די שאַנד!..
ס׳וועלן גאָט און לײַט פאַרשעלטן דיך!"
ס׳האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן!..

אזוי דאָ לעבנ אפ דער וועלט
דעמ קייסערס יאָרשימ טאָג ווי נאכט.
פארשטייט עס, מענטשנ, גוט באטראכט!..

III

האָט דאָוויד אָפּגעלעבט אפ דער וועלט
דער קלאָרער ניט ווייניק יאָרנ.
ער איז שוינ אלט, אונ ס'איז אימ קאלט,
מע האָט באדעקט אימ אונ געקוטעט,—
ס'איז אלצ אימ קאלט, דעמ נויעפ, דעמ קאָטער.
אונ ס'האָבנ יונגענ זיכ דערטראכט,
ווי אימ דערווארעמענ, דעמ צאר
(דעמ וואָלפּס נאטור זיי ווייסנ גוט).
מע האָט דעמ אלטנ אָנגעבראכט
די שענסטע מיידלעכ, אונ אסאכ,
שיינ, ווי קעניגלעכע טעכטערלעכ,
זיי זאָלנ אימ מיט יונגנ בלוט
דערווארעמענ, דעמ צאר!—צעגאנגענ זיכ
אונ הינטער זיכ פארמאכט די טיר...

דער אלטער קאָטער האָט באלעקט זיכ,
אימ רינט די סלינע מאמעש,
ער האָט די נעגעלעכ צעשטעקט
אונ צוגעגאנ צו דער שונאמיס,—
אז אָכ אונ וויי איז איר געווענ שוינ!
פונ אלע שיינע זי די שענסטע,
די בלומ די שענסטע צווישנ בלומענ,
וואָס וואקסנ אינ די גרינע טאָלנ,
איר שיינקייט איז ניט אָפּצומאָלנ.
אונ געווארעמט האָט זי דעמ קייסער,
איר קייסער. די מיידלעכ

געשפּילט האָבן נאַקעט דאַנעבן.
ווי האָט זי געוואַרעמט? — איך ווייס ניט,
איך ווייס נאָר, ער האָט געוואַרעמט זיך, געבּרענט
און... און... זי ניט „דערקענט”.

IV

עס שפּאַנט זיך שטיל אין הויכן פּאַלאַץ
דער האָפערדיקער ראָגוואָלאָד;
אָרום, אין זילבער און אין גאָלד,
דאָס ווײַב, דאָס פֿאָלק, די דינער.
אַ יאָנטעוו הײַנט: עס קומט פֿון ליטע
אַ פֿירשט אַ כאָסן פֿאַר ראָגנידע,
מיט האַנטעכער ער וועט זי סוואַטען.

און פֿאַר די געטער לעל און לאַדאָ
צעפֿירט האָט ראָגנידע אַ פֿײַער,
באַגאָסן האָט מיט אייל מיט טײַערן,
אין פֿײַער שיט זי די געווירצן;
ווי די וואַלקיריעס, אַרום איר
עס טאַנצן, שפּילן זיך די מיידלעך
און זײַנע פֿריילעך:

„גאָיאַ, גאָיאַ, גאָיאַ!
דאָס נײַע הויז אין טויען,
צירן עס מיט בלומען,
ס׳וועלן געסט הײַנט קומען!”

און הינטער פּאַלאַצק, ווי אַ כמאַרע,
זיך שוואַרצט. עס יאָגן
יונגע האַרן, אַלטע באָיאַרן
באַגעגענען דעם פֿירשט פֿון ליטע;
מיטן פֿאָטער איז אַרויס ראָגנידע,
מיט כאָרוועס, מיטן גאַנצן פֿאָלק.

נאָר ניט פון ליטע גייט ער, דער באַשערטער,
דער ניט־באַקאַנטער, דער לאַנג באַגערטער,
נאָר גאָר פון קיִעוו. ווי א ווילדער שטיר,
ווי א ווילדער כאַזער, נאָך ראָגנידען
מיט זײַנע לײַט געקומען איז וולאַדימיר,
געקומען און די שטאָט באַלאַגערט,
זי אָנגעצונדן — און זי פלאַקערט.
וולאַדימיר האָט פאַרן גאַנצן אוילעם
דעם אַלטן ראָגוואָלאָד געקוילעט,
דאָס פאָלק צעבראָכט, די פירשטן געשענדעט
און אוועק אין אייגענע לענדער!
אוועק מיט ראש. און זי געפײַניקט,
די יונגע ראָגנידע, די פײַנע,
און דורכגעטריבן. און איינע אַליין
זי בלאָנדזשעט אום אין וואַלד, אין פליין,
און קאָן ניט טון דעם סוינע גאָרניט...

אַזעלכע זײַנען זיי, די הייליקע,
אָט די קייסאָרים!

V

און זאָלן טאַליאָנים זיי הענגען,
די צאַרן די בייזע, די מענטשן־הענקער!
א דולעניש מיט זיי, איר זאָלט נאָר וויסן!
ווי א נאַר דו דרייסט זיך אַרום זיי, —
דו ווייסט ניט, ווו די פוס א שטעל טון!
און וואָס זאָל איך אַצינדערט טון
מיט אָט די מענוואָלים? זאָג,
דו, שענסטע שוועסטער פון אַפּאָלאָ!
לערן אויס מיך, טײַבעלע, און העלף
א ביסל קריכן לעבן טראָגן!
אַז כ'וועל פאַרדינען, רײַכער ווערן, —

קויף איך דיר א שנירל פערל,
און מירן אוועקגיין אין לאקייען —
און טרײַ, אין נײַינקער ליווריע,
וועלן מיר קייסאָרים ליבן שטענדיק.
א שאָד דעם בלײַער אָפּצוטעמפּן,
ווו ס'איז ניטאָ די פרײַע שײַן,
קיין גוטס וועט קיינמאָל דאָרט ניט זײַן.
צו וואָס זיך נארן? אין שטעט, אין דערפער
זיך וואנדלען לאָמיר: דאָרט זײַנען מענטשן!
ווו מענטשן זײַנען, איז גוטס פאראנען.
דאָרט וועלן מיר לעבן און מענטשן ליבן,
און גאָט דעם גרויסן לויבן.
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

[קאָס־אראל 1848] — [1858]

## פּ. ס.

נו, גוט, אַ בייזער! ווי אַ וועכטער,
דער רומ — ער רינגלט אימ אַרומ;
נאָר אָט! אַ גוטער, אַ גערעכטער, —
און קאָן באַשווינדלען אויך דעמ רומ.

אויך איצט איז נימעס, ווען כ׳דערמאַן עס —
דעמ זייגער און דאָס גאָטישע הויז,
אַן אָרעמ דאָרפ אַרומ זיך שטויסט,
אַ פּאָן באַווייזט זיך — הייסט עס, פּאַנעס;
פון קאָפּ די היטל — דער מוזשיק:
עס שפּאַנט דער פּאַן מיט די באַגלייטער.
אָט דאָס איז אַ קאַבאַן אַ שטיק,
ס׳איז אַ פּאַסקודניאַק — אַ פּאַן אַ ברייטער,
אַ זינדל פון אַ נישט אַ העטמאַן,
אַ גאָר געטרייער פּאַטריאָט,
אַ גוטער קריסט, דערצו נאָך, רעדט מען,
יאָר איין, יאָר אויס קיין קיעווו פאָרט.
אין סוויטע צווישן פּאַנעס גרויסע,
און מיט מוזשיקעס מאַכט אַ קויסע,
און איז אַ פרײַדענקער אין שענק —
אָט דאָס איז ער, כאָטש מאָל אימ אויס!
בא זיך אין דאָרפ נאָר קלײַבט ער איבער

די מײדעלעכ, אונ שטיל אונ ליבינק
מאמזײרימלעכ א צענדליק זײַנע
א־יעדער יאָר ער טראָגט צומ טויפּנ,
אונ גאָרניט מער... א װיסטער אויסװורפּ!
פּארװאָס־זשע קוקט מענ אונ מע שפּײַט ניט?
מע טרעט ניט מיט די פיס? אָ, לײַטנ,
גענוג א שטיקל קאָלבעס פוילנ—
די מוטער װעט מענ בא אײַכ פּויעלנ,
איר װעט זי אָפּגעבנ... מע קאָנ אימ לײַדנ,
דעמ שיקערנ פּעטראָ דעמ לײַדאק,—
נאָר ס׳איז מיר א פּארדראָס אפּ מענטשנ,
נאָר ס׳טוענ באנק מיר מענטשנ קראנקע,
די דולע קינדער טוענ באנק מיר.

[קאָס־אראל
[1848

* * *

א קויטיקער הימל, די כוואליעס פארשלאָפנ,
אונ איבער די ברעגנ די גראָע העט־העט —
ניט אנדערש א שיקערער דער אָטשערעט,
ער בייגט זיכ אָנ ווינט גאָר... ווי לאנג וועסטו שטראָפנ
מיכ, גאָטעניו, דאָ אינ דער טורמע אָנ טירנ?..
דער יאמ ליגט פונונצטנ—ווער דארפ אימ, צו וואָס?
עס קנייטשט זיכ אונ בייגט זיכ דאָס געלבלעכע גראָז
אונ וויל מיט מיר פאָרט דאָכ קיינ שמועס ניט פארפירנ,
עס יאָגט זיכ אפ סטעפישע ברייטנ ארומ,
עס קלעמט מיכ מיט פרעמדקייט אונ קוקט אפ מיר שטומ
אונ וויל אלצ ניט זאָגנ דעמ עמעס דעמ ריינעמ...
אונ ווייטער דאָ פרעגנ ניטאָ מער בא קיינעמ...

[קאָס־אראל
1848]

* * *

כ׳בּין אויסגעוואקסנ אינ דער פרעמד,
איכ ווער שוינ גראָוו אינ לאנד אינ פרעמדנ,
איז ווײַזט זיכ אויס מיר אינ מײַנ עלנט —
ניטאָ קיינ שענערס צווישנ לענדער,
ווי אונדזער לאנד, ווי אונדזער דניעפּער, —
ניטאָ בּא גאָט... איכ זע די וועלט דאָ,
ס׳איז דאָרט נאָר גוט, ווו מיר דאָרט פעלנ.
אינ א שלעכטער שאָ, ניט לאנג אָט דאָ
בּינ איכ געקומענ קיינ אוקרײַנע,
אינ יענעמ שענסטנ דאָרפ דעמ גוטנ,
ווו ס׳האָט געוויקלט מיכ מײַנ מוטער,
פאר גאָטס וועגנ פארדינט א ליכטל;
באנאכט געוואכט, געבּוקט זיכ טיכטיק,
געשיקט גאָטס מוטער הייסע טפילעס,
דאָס מאזל זאָל איר קינד פארהיטנ
פונ אלדאָס בּייז... אָ, גוט, מײַנ מאמע,
וואָס דו בּיסט פרי פונ וועלט אוועק!
אניט וואָלסטו אויכ גאָט פארשאָלטנ
פארנ מאזל מײַנעמ.

ס׳איז שלעכט, א שרעק,
אינ יענעמ גוטנ, שיינעמ דאָרפ.
פונ ערד נאָכ שווארצער בּלאָנדזשענ דאָרט

די מענטשן — דאַרע, אויסגעצערטע;
פֿאַרטריקנט שוין די גרינע גערטנער;
די ווײַסע כאַטעס קרום, פֿאַרלענדט,
דער סטאַוו פֿאַרוואַקסן מיט בוריאַן,
און ווי דאָס דאָרף וואָלט אָפּגעברענט,
און מענטשן וואָלטן דול געוואָרן, —
אַף פּאַנשטשינע זיי גייען שטום
און קינדער פֿירן מיט זיך אום!..

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און ס'האָט דאָס האַרץ געוויינט פֿון קלעם,
אַוועק כ'בין ווידער אין דער פֿרעמד.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און ניט נאָר אין יענעם דאָרף,
נאָר אומעטום אַף אוקראַינע
דאָס פֿאָלק פֿאַריאָכן פֿאַלשע פּאַנעס...
אין יאָכן קומען אום און קומען אום
די יונגע ריטערישע זין!..
די פּאַנעס, פּאַסקודניאַקעס גרויסע,
פֿאַרקויפֿן שוין די לעצטע הויזן
די ענדלערלעך, די גוטע־ברידער...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ס'איז זייער שלעכט, ס'איז זייער ביטער
אין אָט דעם מידבער אומצוקומען;
ס'איז שלעכט אוקרײַנע, אונדזער מוטער,
באַקוקן, וויינען הייס — און שטומען.

און אַז דו זעסט ניט אָט דאָס שלעכטס,
איז דוכט זיך — גוט אַף יעדן קער
און שטיל אַף אונדזער אוקראַינע;
צווישן בערג דער דניעפּר דער אַלטער,
ניט אַנדערש ווי אַ קינד אין וויגל,
איבער גאַנץ אוקרײַנע
שלענגלט זיך און שפּיגלט.

איבער אימ זיכ שפּרייטנ
גרינע דערפער, ברייטע;
אונ אינ דערפער אינ פריילעכע
זייַנע מענטשנ פריילעכ.
ס׳וואָלט אזוי געווענ אינ לעבנ,
ווענ ס׳וואָלט מער שוינ ניט געבליבנ
קיינ שפּור פונ פּאנ אינ אוקראיִנע.

[קאָס־אראל
[1848

* * *

זואָלט איך שיכעלעך פאַרמאָגן,
צו די קלעזמער וואָלט איך יאָגן,
אפן הארץ איז שווער!
כ'האָב קיין שיך ניט אופגעבייט זיך,
די מוזיק אלץ שפילט, פארגייט זיך,
טרויעריק מיר ווערט!

באָרוועס כ'גיי אין פעלד אין גרינעם,
כ'וועל מײַן מאזל דאָרט געפינען.
ציטריק מאזל מײַנס!
צו מײַן שיין געזיכט קער אויס זיך,
ס'איז אן אומרעכט דאָך א גרויסער,
כ'זאָל אָן גליק דאָ זײַן!

בא מוזיק דאָרט אלע מיידלעך,
רויטע שיכלעך, מונטער, פריילעך,
איך פארומערט בין...
פון קיין ליבע ווייסט מײַן הארץ ניט,
שיינקײַט מײַנע, ברעמען שווארצע —
אלץ פארוועלקט אין דינסט!

[קאָס-אראל
[1848

* * *

קוקעט דאָס קוקאווקעלע
אין דעם וואלד דעם גרינעם;
צעוויינט האָט זיך דאָס מיידעלע —
קיין פּאָר זיך ניט געפונען.
און די מיידלשע, די יונגע,
די פריילעכע יאָרן —
ווי א קווייטל מיטן וואסער
גייען זיי פארלאָרן.
וואָלט איך דאָ געהאט א מאמע,
אָדער גאָר א רײַכן טאטן,
וואָלט געווען, ווער ס'זאָל מיך נעמען,
און איצט — ניטאָ. ווי א יעסוימע,
וועל איך דאָ אומקומען אין נויטן,
אזוי אין איינזאמקײַט אין גרויסער
ערגעץ דאָרט אונטער די פלויטן.

[קאָס-אראל
1848]

* * *

אוי, ס'טרינקט זיך ניט קיין ביר, קיין מעד־ווײַן,
ניט קיין וואסער מער,
דעם טשומאק אין סטעפּ געטראָפן
האָט אן אומגליק שווער.
ס'איז זײַן קאָפּ מיט ווי פארלאָפן,
ס'טוט אים ווי דער בויך,
נעבן וואָגן איז געפאלן,
ליגט אזוי אָן קויך.
פון אָדעס דעם קראַנק פארפירט מען
די טשומא אצינד,
מ'האָט אין סטעפּ פארלאָזט דעם כאווער,
ווי איז אים און ווינד.
נעבן וואָגן שטייען אָקסן
טרויעריק און שטום,
און פון סטעפּ שוין פליִען קראָען,
פליִען שוין צו אים.
אוי, ניט פּיקט נאָר, שווארצע קראָען,
דעם טשומאקס געביין,
מיט מײַן לײַב איר ווערט געזעטיקט —
פייגערט איר אליין.
אוי, איר פליט שוין, שווארצע קראָען,
איך וועל אײַך באפעלן:
זאָגט דאָרט אָן, מײַן ליבער פאָטער

זאָל א ליכטל שטעלן.
פאַר מײַן זינדיקער נעשאָמע
טילים זאָגן דאַרף מען,
און דעם יונגן מיידל מײַנעם
זאָגט, זי זאָל ניט וואַרטן.

[קאָס-אַראַל
1848]

* * *

ניט אזוי די בייזע פײַנט,
ווי די גוטע לײַט גאָר, —
מע באַנעמט, באַדויערנדיק,
מע באַוויינט באַצײַטנס,
מע פאַרבעט דיך אזוי פרײַנטלעך,
גרייט א ווארע מאכן,
וועגן דיר מע פרעגט דיך אויס,
קעדיי דערנאָכדעם לאַכן,
דיך דערנאָכדעם אויסצולאַכן,
דיך נאָך מער דערשלאָגן...
אָן די סאָנים קאָן מען נאָך
ווי עס איז דאָ לעבן,
אָבער אָט די גוטע לײַט
שטענדיק זײַנען נעבן,
אויך אף יענער וועלט זיי וועלן
זיך דערפילן געבן!

[קאָס־אראל
[1848

* * *

דורכגעלייגט א סטעזשקעלע
דורכן יאר,
דורכן בארג, אָ, הארצעניו,
צום באזאר.
כ׳האָב פארקויפט דאָרט בייגעלעך
דעם קאָזאַק,
איינגעלייזט, אָ, הארצעניו,
א פּיאטאק.
איז צוויי גראָשן, גרעשעלעך —
אפ א טרונק,
צוויי געשענקט דעם דודניקל,
שפּיל און זינג.
אפ דיין דודע, דודניקל,
שפּיל מיר גיך, —
אך, מיין מאזל פינצטער איז,
טרייסט איך זיך.
בין איך אזא מיידעלע,
אָט אזא!
נעם מיך, נעם מיך, הארצעניו!
נעם מיך, נא!

[קאָס־אראל
1848]

* * *

וואָס האָבֿ איך וואָס צו זאָרגנ
אונ דערעסנ לײַטנ,
כ׳וועל אוועק אינ גאָרער וועלט —
וואָס ס׳וועט זײַנ, כ׳וועל לײַדנ,
איך געפינ מײַנ מאזל — האָבֿ איך כאסענע
אויבֿ ניט, כ׳דערטרינק זיך.
אָבֿער איך פארקויפֿ זיך קײנעמ,
קײנמאָל איך פארדינג זיך.
איך בינ אוועק אינ גאָרער וועלט,
דאָס מאזל איז פארזונקענ;
די פרײַהײַט האָבנ גוטע לײַט
אפילע ניט געדונגענ,
אונ אָנ דינגעניש פארוואָרפֿנ
אינ א טפיסע אנ עלנטער...
אזא גראָז זאָל גאָר ניט וואקסנ
אפֿ אונדזערע פעלדער.

[קאָס־אראל
1849]

* * *

מײַן גאָלדענער, מײַן יונגער גורל,
זײַט װיסן, טוט מיר גאָר ניט באַנק,
און, גלײבט מיר, כ׳טו נאָך אים ניט טרויערן.
נאָר ס׳טרעפט, אַז אומעט, הייסער באַנק
טרעט צו צום האַרצן, האַלט אין שטײַגן,
ביז כ׳הייב אָן ביטער, ביטער װײנען:
איך זע אַ ייִנגעלע אַ קלײנינקס,
װי אָפּגעריסן פֿון אַ צװײַגל,
אין דאָרף אַלײן דאָרט אונטער פּלויט
עס זיצט אין רעדנע אָנגעקלײדט,
און ס׳דוכט זיך מיר, אַז דאָס בין איך,
אַז דאָס איז זי, די יוגנט מײַנע,
און קײנמאָל, קײנמאָל, דוכט זיך מיר,
קײן פֿרײַהײַט װעט עס שוין ניט זען,
ניט װיסן, װאָס איז ליכט פֿון פֿרײַהײַט!
אומזיסט־אומנישט װעלן זײ פֿאַרשװינדן,
די ייִנגסטע שענסטע יאָרן זײַנע,
און ס׳װעט ניט װיסן, װוּ זיך הינטון
אַפֿ אָט דער גרױסער װעלט דער פֿרײַער...
ס׳װעט גײן באַ יענעם זיך פֿאַרדינגען.
דערנאָך, דאָס לעבן דעם צו מאַכן גרינגער,
מע זאָל עס װוּ ניט איז באַשטאַטן, —
װעט מען עס שיקן אין סאָלדאַטן...

[קאָס־אַראַל]
[1849]



מײַן גאָלדענער, מײַן יונגער גוירל

געמעל פון קינסטלער אי. ס. איזשאקעוויטש

* * *

ווען איר, פאניטשעס, וואָלט געוווּסט,
ווּ מענטשן וויינען, לעבן וויסט, —
צו ליבן גאָט, געזאנג פארפאסן,
פונ טרערן אונדזערע צו שפאסן
וואָלט אײַך זיך מער שוין ניט געגלוסט.

דאָס כאטקעלע אין שטילן טאָל...
פארוואָס־זשע רופט מען עס גאנײדן?
כ׳האָב ביטער דאָרט געוויינט אמאָל,
כ׳האָב דאָרט דערקענט די שווערסטע לײדן,
די ערשטע ביטערע פארדראָסן,
די ערשטע טרערן דאָרט פארגאָסן!
און אלדאָס בייז געווּינט האָט דאָרט —
און דאָך גאנײדן הייסט דאָס אָרט!

ניט קיין גאנײדן איז דאָס, ברידער,
דאָס כאטקעלע אין שטילן נידער,
באַם קלאָרן טײַך אין עק פונ דאָרף.
איך בין אין ווינדעלעך געלעגן דאָרט,
די מאמע האָט בא מײַן וויג געזונגען,
זי האָט געשענקט איר קלײנינק יינגל
דעם שווערן אומעט. אין יענעם טאָל,

אין יענעם וועלדל, אין יענעם ווינקל,
אין דעם גאניידנ כ׳האָב אמאָל
געזענ דעם גענעם, קנעכטשאפט הארבע,
קיינ פרײַע רעגע, שווערע ארבעט.
די גרויסע נויט, דער שווערער אָל
האָט יונגערהייט פונ וועלט פארטריבנ
מײַנ גוֹטע מאמעניו, מײַנ ליבע...
עס וויינט דער טאטע מיט די קינדער
(מיר זײַנענ קליינ געוועזנ אונ הויל),
זײַנ גורל ז׳אויכ געוועזנ ניט לינדער:
אפ פאגשטשינע — דער זעלבער גרויל,
אונ אומצײַטיק דער טויט, אונ אלצ צעבראָכנ...
אונ מיר, ווי מײַזעלעכ, צעקראָכנ:
אינ דאָרפשול איכ, דאָרט וואסער טראָגנ,
די ברידערלעכ — צום פאנ אינ סטעפ,
מ׳האָט זיי דערנאָכ פארגאָלט די קעפ;
אונ מײַנע שוועסטער! — וויי צו אײַכ!
ווו זײַט איר, יונגע טויבנ מײַנע?
ווי שווער ס׳האָט אײַכ דער יאָכ פארקלעמט —
בא יענעם דינענ, אינ דער פרעמד,
אינ דינסט ביז גראָענ צאָפ דאָרט דארנ,
אינ דינסט אזוי וועט איר אויכ שטארבנ!

דערמאנ איכ זיכ אינ דעם גאניידנ —
איז וועקנ פריש די אלטע ליידנ!
אזעלעכס, אונדזער גאָט, זיכ הערט
אינ דעם גאניידנ אינ דעם זיסנ
אפ דײַנ גערעכטיקפולער ערד!
געמאכט א גענעם אינ גאניידנ
אונ פאָדערנ בא דיר א צווייטנ.
מיט ברידער פרידנ אײַנגעשטעלט —
מיט ברידער אקערנ דאָס פעלד,
מיט טרערנ זייערע באגיסנ.

און עפשער גאָר... איך ווייס ניט, ניין,
נאָר ס'דאכט זיך מיר, אז דו אליין...
(ווײַל אָן דײַן ווילן, זיסער טאטע,
מיר וואָלטן דאָ זיך ניט געמאטערט!)
איז עפשער דאָרט אין הימל־ברייט
דו לאכסט זיך אויס פון אונדזער לייד,
מיט פריצים אייצעס טוסטו האלטן,
ווי מיט דער וועלט אָט דאָ פארוואלטן??!
אָט גיב א קוק: א גרינינק וועלדל,
א טײַכל, ווי א לײַוונט, העלט זיך,
און ווערבעס גרינע שטילינק שווײַגן
און באָדן די פארטראכטע צווײַגן...
ניט עמעס, א גאניידן? נאָר
דו גיב א קוק אין יענעם אָרט
און פרעג גוט אויס, וואָס הערט זיך דאָרט
אין יענעם ליכטיקן גאניידן!
געוויינלעך, ליב צו דיר און פריידן
דעם איינציקן, דעם הייליקן איינעם
פאר דײַנע וואונדער דײַנע גרויסע!
דאָס איז דאָך עס! קיין ליב קומט קיינעם,
נאָר בלוט, און טרערן, און לעסטער הייסער,
און זידלערײַ דער גאנצער וועלט! ניטאָ
קיין הייליקס אפ דער ערד אָט דאָ!..
און מענטשן, גאָט מײַנער, איך מיין,
האָבן שוין פארשאָלטן דײַן געביין!

[אָרענבורג
[1850

* * *

ס׳איז ליכטיק, העל, מוזיק נעמט שפּילן,
זי ווײנט, זי רודערט די געפילן;
ווי איידל־שטיינ, ווי בריליאנט,
די יוגנט שײַנט מיט טויזנט כיינען
פונ בליקנ אומשולדיקע, ריינע;
אונ פרייד אונ האָפענונג באַנאַנד, —
ווי גוט איז יונג זײַנ, אַלצ דערמאַנט.
אונ אַלע פרייענ זיך אונ לאַכנ,
אונ אַלע טאַנצנ. איך נאָר שטיי,
ווי א פאַרשאָלטענער, באַטראַכט אַלצ
אונ וויינ, אונ וויינ זיך שטילערהייט.
איז וואָס־זשע וויינ איך? ס׳איז מיר ביטער
אָנ פרייד, אָנ שפּיל, ווי בייז געוויטער,
אוועק מײַנ יוגנט, פול מיט וויי.

[אָרענבורג
1850]

* * *

אונ ס׳כאָלעמט זיכ ביז היַנט — לעמ ווערבעס
באַמ וואסער דאָרטנ הינטערנ בערגל
א שטוב א וויַסינקע. עס זיצט
דער גראָוּוער זיידע דאָרט ביז איצט
אונ שפּילט זיכ נעבנ וויַסנ שטיבל
מיטנ יונגנ איניקל, דעמ ליבנ
א קוטשעראווע קינד א שיינס.
אונ ס׳כאָלעמט זיכ: פונ שטיבל
א מאמע איז ארויס א ליבע,
דעמ זיידנ קושט, דאָס קינד דאָס קליינס
אזש דריַ מאָל פריילעכ, הארציק קושט זי,
נעמט אפ די הענט אונ גיט די ברוסט דעמ
אונ שלאָפנ טראָגט. דער זיידע שיַנט,
טוט שטיל א מורמל מיט א שמייכל:
— ווו איז דער אומגליק? ניט דערגרייכט האָט.
ווו זיַנענ ליידנ יענע, פיַנט? —
אונ ס׳ציילעמט איבער זיכ דער אלטער
אונ „אָטשענאש" זאָגט שטילערהייט.
די זונ דורכ ווערבעס שיַנט אונ שטראלט נאָכ
אונ לעשט זיכ שטיל. דער טאָג פארגייט,
אונ אלצ שויִנ רוט. דעמ גראָוונ זאָקנ
אפ רו די פיס די אלטע טראָגנ.

[אָרענבורג,
1850]

* * *

מײַנ ליבער גאָט, ס׳איז ווידער ביטער!
גאָר ליב געוועג, גאָר שטיל געוועג שויג;
מיר האָבנ אָנגעהויבנ קוים
די קייטנ רײַסנ, ברעכנ גראַטעס,—
אונ קוק! שויג ווידער, ווידער רינט
דאָס פויערישע בלוט... געקרוינטע קאַטעס,
ווי פאר א ביינ די הונגעריקע הינט,
זיכ הריזענ ווידער...

[נאָוואָפּעטראָווסקער פאָרט
(?) 1853]

# דער דולער

אינ טעג פונ דעמ פעלדפעבעל־צאר —
קאפראל גאווריל‏אָוויטש בעזרוקי
אונ דער שיקערער אונטער דאָלגאָרוקי
אפ אוקראַינע האָבנ רעגירט. אסאך
האָבנ זיי דאָרט גוטס געשאפנ טאקע —
פיל מענטשנ אויסגעטאָנ ביז נאקעט
אָט די סאטראפּנ־אונדירלעכ.
דער גוט־געשוירענער גאווריליטש
מיט זײַנ יעפרייטאָרל דעמ זשוואונ,
אפ ביינ א מענטשל גאָר א בראווער,
האָבנ אזוי דאָס פאָלק פארדרייט אינ מושטרע,
אז ער, דער צאר, האָט פאר א מוסטער
די ארבעט זייערע געשטעלט,
אונ אלצ אינ זיי האָט ער באוויליקט,
אינ די יעפרייטאָרלעכ — דעמ צווילינג.
אונ מיר געקוקט האָבנ, געשוויגנ
אונ שווײַגנדיק געקראצט די טשובעס;
איר אויסוורפנ, איר קנעכט איר שטומע,
א פוס־בענקל באמ צאר, לאקייענ
באמ שיקערנ קאפראל! ניט איר, ניט איר
אינ אויסגעטראָצלטע ליווריינ,

איר, מאָסרים מיִעסע, פּאַריסייען,
וועט קאָנען פאַר דעם עמעס שטיין
און פאַר דער פרייַהייט! ניין און ניין!
ניט ליבן אים, דעם ברודער, נאָר קרייציקן קאָנט איר.
אָ, שטאַם פאַרפלוכטער, שטאַם פון שענדער,
ווען פייגערסט אויס שוין! אָ, ווען
וועלן מיר א וואַשינגטאָן דערלעבן,
א געזעץ א נייַעם זאָל ער געבן?
מירן דערלעבן, מירן עס זען!
ניט הונדערטער — מיליאָנען
פּאָליאַנעס, דוליעבעס, דרעווליאַנעס
האָט דער גאַווריליטש איַינגעבויגן;
און אייַך, איר פרומע קיִעווליאַנער,
און אייַך, איר שיינע קיִעווליאַנקעס,
צו קנעכט צו שיקערע האָט דער קאַפּראַל
פאַר דינסטן אָפּגעגעבן אַלע.
און איר, איר שווייַגט. און ווען עס האָט
געפונען זיך אַן אָריגינאַל,
וואָס איז אין מאָרדע דעם קאַפּראַל
אַרייַנגעפאָרן, און נאָך אין קלויסטער —
ס׳איז ווי אַפּ א הונט געגאַן פאַרפאַלן.
איר וואָלט אַליין באַדאַרפט, נאַראָנים,
אַרויס, מיט קאָטשערעס — אין פּאָנעם,
האָט איר דערשראָקן זיך...
אַזוי, אַזוי, א גוטער פּסאַק!
געפונען האָט זיך איינער א קאָזאַק
פון מיליאָנען סווינאָפּאַסעס,
וואָס האָט דעם לאַנד געלאָזט צו וויסן:
דעם סאַטראַפּ דערלאַנגט א קנאַק.
און איר, איר נישטן, האָט דערווייַל,
ביז דער קאַפּראַל איז קראַנק געוועזן,
איר האָט געמאַכט אים פאַר א דולן,
דעם הייליקן ריטער! און ער,

דער געליטענער סארדאנאפאל,
דער אָפּגעשמיסענער פעלדפעבעל,
האָט אים אפ קאטאָרגע אוועקגעטריבן.
דער צאר איז צו דעם סאַטראַפּ דעם אלטן,
צום אויסגעפּאטשטן דינער זײַנעם,
„אפ שטענדיק לײַטזעליק" געבליבן.
און גאָרניט מער;
איז ניט ארויס דערפון. די דראַמע
אפ הינטערגעסלעך, הינטער צאמען
אפן מיסט ארויסגעטראָגן. און איך...
אָ, שטערן מײַנער ליכטיקער און ריינער!
דורך טורמעס און דורך שווערע אָלן
דו פירסט מיך אפ דעם מיסט־פּלאַץ אפ מיקאָלעס
און שײַנסט און לויכסט — א העלער פײַער,
וואָס קיינער זעט אים ניט; פון מיסט,
ווי סטויפּעס, שטייען אופּ פאר מיר
די אומווירדיקע טאטן זײַנע...
דו צאר, דו אכזער איינער,
פארפאָלגער פונעם עמעס פונעם ריינעם,
וויפל בייז האָסט אָנגעטאָן דאָ אפ דער ערד?
און דו, דו אויג, וואָס אלץ דאָ קאָנסטו זען, —
ווו ביסטו דעמאלטן געווען,
וואָס האָסטו פון דער הייך געקוקט,
ווי קנעכט ווי הייליקע אין קייטן מ'האָט געשמידט,
געיאָגט, געטריבן אפ סיביר,
און מ'האָט געהאנגען, מ'האָט געשניטן,
און דו האָסט ניט געוווסט פון גאָרניט?
צי דען האָסטו געקאָנט עס צוזען
און בלינד ניט ווערן? אָ, ניין, אָ, אויג, דו אויג!
דו קוקסט ניט טיף, ניט דאָרט, ווו ס'טויג!
דו שלאָפסט אין הייליקן ווינקל. די צארן —
צו אלדי רוכעס זיי, די מיִעסע הארן!
זאָלן קייטן קומען זיי צו כאָלעם.

און איך וועל פֿליִען קיין סיביר,
אזש צום בײַקאל; אפ בערג כ׳וועל שטײַגן,
אין טיפֿע אָפּגרונטן, אין טונקעלע היילן,
אײַך, קעמפּער פֿאַר דער הייליקער פֿרײַהײַט —
פֿון כוישעך, שטיקעניש און קנעכטשאפֿט
כ׳וועל ארויספֿירן אפ שײַן אפ ברייטער,
זאָלן צארן זען, זאָלן לײַט זיי זען —
רייען לאנגע, פֿארשמידט אין קייטן.

[ניזשני־נאָווגאָראָד
1857]

# מײַן גורל

האָסט ניט געפּעלשט מיר: בּיסט א מוטער,
א פרײַנט, א שוועסטער און א בּרודער
געוועזן דעם יאָסעמ. האָסט מיך צארט
נאָך קינדווײַז פאר דער האנט גענומען,
אפּ לערע מיך אין שול געבּראכט,
צום דיאק דעם שיקער אָנגעקומען.
— דו, לערן זיך, הארצעניו, אמאָל
וועט לײַט נאָך זײַן פון אונדז, — האָסט זיכער
געזאָגט. איך האָב געטרײַ דעם אָל
געטראָגן, אויסגעלערנט זיך.
נאָר דו א ליגן האָסט געזאָגט.
וואָס זײַנען מיר פאר לײַט? נאָר מײלע!
בּלויז עמעס האָבּן מיך פארמאָגט;
געשפּאנט גערעכטיקע און ווילע.
מײַן גורל מײַן געטרײַער, קום!
מײַן פרײַנט מײַן אָרעמער, מײַן צארטער!
קום ווײַטער, רומ אפּ אונדז שוין ווארט דאָרט,
און מײַן געבּאָט — דו ווייסט — איז רום.

[ניזשני־נאָווגאָראָד
9 פעוראל 1858]

# א כאָלעם

אף פאַנשטשינע זי האָט ווייץ געשניטן;
געוואָרן מיד; צום סטויג געגאַנ —
ניט געבן רו דעם לײַב דעם מידן,
נאָר האָדעווען דעם זון איוואַן.
אין וויקעלעך האָט עס געשריגן,
אין קילן שאָטן הינטערן סנאָפּ.
צעוויקלט עס, די ברוסט געגעבן,
א שפּיל געטאָן, מיט גרינגן שלאָף
באַם זון אזוי זיך אײַנגעדרעמלט,
און זעט אין כאָלעם: איר איוואַן
איז א געראָטענער, א רײַכער,
ער האָט געפונען שוין זײַן גלײַכן,
און זי און ער שוין פרײַ פון פאַן,
שוין מער קיין קנעכט — א פרײַע וועלט,
און אף א פריילעכ אייגן פעלד
אינצווייען שנײַדן זיי זיך ווייץ,
און קליינע קינדערלעך מיטן פרייד
דעם מיטיק טראָגן זאלבעצווייט.
זי האָט צעשמייכלט זיך, די אָרעמע,
זיך אופגעכאַפּט — ניטאָ שוין גאָרניט!
א בליק געוואָרפן אפן קינד

און עס פֿאַרוויקלט אַף געשווינד.
און קעדיי צו אָניאָגן דעם טאָג,
בּיז ס'טראָגט דעם אופֿזעער ניט אָן,
אַוועק דערשנײַדן נאָך אַ שאָק.

[ס.-פּעטערבּורג]
13 יול 1858

* * *

איכ בינ ניט שלאפ הײַנט, אָנ אײַנהאָרע,
אונ עפעס זעט דאָס אויג דאָס קלאָרע,
אונ ס'ווארט דאָס הארצ... עס ווארט אינ וויי,
ס'טוט וויי, עס שלאָפט ניט אונ עס וויינט —
א קינד א הונגעריקס, א צארטס.
ווײַזט אויס, מײַנ הארצ, דו ווארטסט,
א בייזע שאָ זאָל קומענ? יאָ!
קיינ גוטס ניט ווארט, קיינ גוטס ניטאָ.
ניט ווארט אפ דער געגארטער פרײַהײַט —
זי שלאָפט, די פרײַהײַט: ער, מיקאָלע,
האָט זי פארשלעפערט. קעדיי זי וועקנ,
די שוואכע פרײַהײַט, אלע דארפנ
אינייינעמ גוט דעמ אָבוכ שטאָלנ,
אינייינעמ גוט די האק פארשארפנ,
דערנאָכ זיכ נעמענ שוינ צומ וועקנ.
אויב ניט — איז שלאָפט זי אָנ אנ עק גאָר
ביזנ שרעקלעכנ געריכט דעמ ווײַטנ!
אונ זיי, די פריצימ, וועלנ ווײַטער
פאלאצנ, קלויסטערס בויענ, הייבנ,
דעמ צאר דעמ שיקערנ אלצ לויבנ,
ביזאנצ וועלנ האלטנ אינ איינ לויבנ, —
קיינ בעסערס, דאכט, איז ניט געבליבנ!

[ס.-פעטערבורג]
22 נאָיאבער 1858

# מארקאָ וואָווטשאָקנ

צומ אָנדענק פונ 24 יאנוואר 1859

ניט לאנג האָב איכ דאָרט באמ אוראל  
געבלאָנדזשעט אונ געבעטנ גאָט,  
ס׳זאָל אונדזער עמעס ניט פארפאלנ,  
ס׳זאָל ניט פארשטארבנ אונדזער וואָרט.  
אונ אויסגעבעטנ! גאָט האָט דיכ  
געשיקט אונדז, דיכ, דעמ שטילנ נאָווי,  
דעמ שטראָפער פונ הארטע, בייזע לייַט,  
פונ אלע די, וואָס זייַנענ פול מיט גיר.  
מייַנ הייליק שטערנדל, מייַנ שייַנ!  
מייַנ יונגע קראפט מייַנ שיינע!  
דו לויכט אפ מיר אונ מיכ באשייַנ,  
אונ מייַנ דערשלאָגנ הארצ דערוואַרעמ,  
דערקוויק מייַנ הארצ מייַנ הוילס, מייַנ אָרעמס.  
אונ איכ וועל אופלעבנ אפסנייַ,  
ארויסרופנ דעמ טרוימ פונ פרייַהייַט  
פונ טונקלענ קייוועַר אפ דער פרייַ,  
אונ אָט דעמ פרייַענ טרוימ, דעמ ריינעמ —  
מייַנ מאזל! נאָווי, טאָכטער מייַנע! —  
כ׳וועל זאָגנ, אז דער טרוימ איז דייַנער!

ס.־פעטערבורג  
17 פעווראל 1859

## יעשיַע, קאַפּיטל XXXV

### נאָכאמונג

פרייִ זיך, אָ, פעלד, ניט באוואסערט נאָך!
פרייִ זיך, אָ, ערד, ניט באוואקסן נאָך
מיט בליִענדיקע גרינסן און גראָזן!
צעוואקס און צעבלי און צעלאָז זיך
מיט בלומען, מיט בליטן מיט ראָזע!
ס'וועלן בליִען די ברעגן די צאַרטע,
ווי הייליקע לאָנקעס פון יאַרדן!
דער רום פון לעוואָנען, די ערד פון קאַרמעל
דיך וועלן באַדעקן, דיך וועלן אומארמען
מיט טײַערע שלײערן, אונטערגענייטע
מיט גוטס און מיט פרײַהײַט, אַף ליכטיקע פריידן,
און מענטשן פינצטערע און בלינדע
דערזען וועלן גאָט זײַנע ווונדער.

די הענט פון קנעכט וועלן קריגן רו,
די הענט, וואָס זײַנען מיד,
און אָפּרוען וועלן די קני,
וואָס קייטן האָבן פארשמידט.
פרייט זיך, אָרעמע אין גײַסט!
שרעקט זיך ניט פאַר קיין ווונדער!

ט

ס׳איז גאָט שפרײַזט און באפרײַט
די, וואָס לײַדן און דולדן,
רײַך באלוינט ער און באשענקט אײַך, —
די בייזע באצאָלט ער פאר שולדן!
אָ, גאָט, ווען דער הייליקער עמעס וועט קומען
צו פליִען אהער אפ א שאָ אפ א לינדער, —
וועלן זעענדיק ווערן די בלינדע
און ריידנדיק ווערן די שטומע,
דאָס וואָרט, ווי א וואסער, וועט רײַסן די ליפּן;
די קרומע, די לאָמע, וואָס הינקען,
וועלן אָנהייבן לויפן און שפרינגען,
ווי הירשן פון וואלד וועלן שוועבן;
דער מידבער, וואָס איז ניט באוואסערט,
מיט הייל־וואסער וועט זיך באוואשן,
און פריילעכע טײַכן וועלן רינען,
און וועלדער וועלן וואקסן און גרינען,
און פויגלען וועלן שפרינגען און זינגען.

ס׳וועלן אופלעבן די סטעפּעס,
ס׳וועלן אופוואכן די טײַכן,
מיט סטויפּעס ניט צעשיידטע,
נאָר פרײַע, ברייטע, נײַע שליאכן
וועלן זיך שפרייטן. ניט קיין הערשער
וועלן געפינען יענע וועגן. קנעכט
וועלן שטיל מיט פולע רעכט
צונויפגיין זיך אינײנעם
אפ יענע ברייטע פליינען,
פול מיט מונטערקײַט, מיט פריידן,
אפ וויסטע ערטער וועלן הערשן
פריילעך־פרײַע דערפער.

[ס.־פּעטערבורג]
25 מארט 1859

* * *

אוי, האָב איך, אוי, האָב איך אייגעלעך —
כ׳האָב אָבער, מאמעניו, קיינעם אפּ קוקן,
כ׳האָב אָבער, הארציקע, קיינעם אפּ קוקן!
אוי, האָב איך, אוי, האָב איך הענטעלעך —
אָבער ניטאָ איז דאָ, מאמעניו, וועמען,
הארציקע, וועמען ארומצונעמען!
אוי, האָב איך, אוי, האָב איך פיסעלעך, —
אָבער מיט וועמען דאָ, מאמעניו, טאנצן,
אָבער מיט וועמען דאָ, הארציקע, טאנצן?

פּיריאטין
10 יונ [1859]

# דער שוועסטער

פֿאַרבײַגײענדיק אָרעמע דערפֿער,
בײַדניעפּרישע ניט־פֿרײלעכע ערטער,
האָב איך געטראַכט: ווו קריג איך רו,
זיך אַפֿ דער וועלט אַוו אַהינטון?
מיר כאַלעמט זיך א כאַלעם: כ׳קוק —
פֿאַרהילט אין קווייטן, אין א גאָרטן,
אַפֿן קליינעם בערגל שטייט זיך
א שטילע כאַטקע, ווי א מיידל.
דער דניעפּ האָט זיך העט־העט צעוואָרפֿן —
ער שײַנט, דער באַטקאָ, און ער פֿינקלט!
איך קוק: אין טונקלען סעדל דאָרטן,
אונטער א ווײַנשל־בוים, אין קילן שאָטן
מײַן אייניציקע הייליקע שוועסטער,
וואָס האָט אַזױפֿיל פּײַן געליטן,
ווי אין גאַניידן רוט זיך,
און פֿון דעם דניעפּער־ברעג דעם ווײַטן,
נעבעך, אַפֿ מיר זי קוקט אַרויס.
און ס׳דוכט זיך איר — עס שווימט אַרויס
א שיפֿל, פֿון הינטער כוואַליע שווימט עס...
און אין דער כוואַליע ווײַטער זינקט עס.
„מײַן ברודערל! מײַן מאַזל! מײַן שיינער!״

און ביידע זיכ אופגעכאפט: דו —
אפ פאנשטשינע, און איכ — אינ געפענקעניש...
אזוי איז אונדז אויסגעקומען צו גיינ
נאָכ פונ קינדהייט איבער שטעכיקער ערד!
בעט גאָט, שוועסטער! אויב ס'איז לעבנ באשערט,
וועט גאָט אונדז העלפנ אריבערגיינ.

טשערקאס
20 יול [1859]

* * *

אמאָל מיטן נארישן קאָפּ אזוי
האָב איך געטראכט: אז אָך און ווײ!
ווי וועל איך לעבן אפ וועלטס באראָט
און ליבן מענטשן, ליבן גאָט?
אין זומפּ — א קלאָץ א פוילע
זיך וואלגערן, זיך עלטערן און פוילן,
און שטארבן — ניט לאָזן דאָ קיין סימען
אפ אָט דער ערד, וואָס איז באנומען...
אז אָך און ווײ, און ווײ איז מיר!
ווו זיך באהאלטן? גיט אן אײצע!
טאָגטעגלעך די פילאטן קרייצן,
מע ברענט אפ שײַטערס, מע פארפּרירט!

טשערקאס
21 יול [1859]

# מאריָא

„פריי זיך, דו, ווײַל דו האָסט גע־
הייליקט די שאנד פון אָנפאנגעניש".

אקאפיסט דער הייליקער,
גאָטסמוטער, איק. 10.

די גאנצע האָפענונג מײַנע
אף דיר, מײַן ליכטיקער גאניידן,
אף דער דערבארעמדיקײַט דײַנער, —
די גאנצע האָפענונג מײַנע
אף דיר, אָ, מוטער, טו איך לייגן.
דו, הייליקסטע פון אלע קרעפטן,
בלויז ריינקײַט, גוטסקײַט בלויז דיך העפטן!
אָ, מילדע, גיב א קוק אף זיי,
אף קנעכט, באנומענע, בלינד און קליין,
און גיב זיי אויך דעם הויכן קויעך
פון זון, פארפײַניקטן אף דער גאָלגאָפע,
דערטראָגן העלפ דעם קרייץ, די קייטן
ביז ענד, ביז סאָף פון אלע סאָפן!
דו, הויך־געליבטע, כ'טו דיך בעטן,
דו, קעניגן פון הימל און פון ערד!
די ווײ־געשרייען זייערע דערהער,
ביז סאָף ביז ליכטיקן זיי אלע

דערפיר. כ׳וועל זאָגן הויך מײַן האַלעל
דעם בלי פון נעבעכדיקע דערפער,
אין שטילן טילים וועל איך רימען
דײַן הייליקן, דײַן שיינעם גורל.
און איצט געוויין, און פײַן, און טרערן
כ׳דערלאַנג דיר, הויכגעשעצטע, —
מײַן זעלס דער גאָב דער לעצטער.

בא יאָסעפן, באַם טעסלער־מאַן,
צי בא דעם באַנדער בא דעם פרומען,
איז מיריעם[1] ווי א דינסט געוואַקסן,
געוואַקסן און צו זיך געקומען,
און אָט — א מיידל שוין צו לײַטן,
ווי רויזן־בליט האָט זי צעבליט
אין אָרעמען, אין פרעמדן שטיבל,
אין שטילן, הייליקן גאַניידן.
און אַפ זײַן דינסט דער טעסלער קוקט,
ווי אַפ א קינד א ליבס, אַן אייגנס.
ער פלעג זײַן האַק, זײַן סטרוג פאַרלאָזן
און קוקן. א שאָ פאַרבײַ, ער קוקט,
עס גיט קיין פינטל ניט קיין בליק,
און טראַכט: „פון אַלעמען פאַרלאָזן,
אָן היים, אָן קרויווים וואַקסט דאָס קינד, —
אַן עלנטע אַפ וויי און ווינד!
סײַדן... נאָך ווײַט איז ער, מײַן טויט״,

און זי, זי שטייט זיך נעבן פלויט,
און ווײַסע וואָל זי שפּינט און שפּינט
אַפן יאָנטעוודיקן בורנוס זײַנעם;
צי גאָר זי פירט דאָס קליינע רינד,
די ציג מיטן ציגעלע דעם פײַנעם,

1 מאַריִא.

צום ברעג — זיי פּאַשען און זיי פּויען;
און כאָטש ס'איז ווײַט, איז ליב איר זייער
דער געטלעכער און שטילער ברעג,
די טוועריע־וואַסערן די ברייטע.
זי לאַכט, איר האַרץ איר קינדערש פרייט זיך,
וואָס יאָסעף שטערט איר ניט דעם וועג.
זי לאָזט זיך גיין צום קלאָרן וואַסער,
זי גייט און לאַכט. ער זיצט און שווײַגט,
עס גייט אים ניט דער סטרוג, דער האַמער...
די ציג ווערט זאַט, זי שטילט איר דאָרשט.
דאָס מיידל שטייט אַלץ אויף איר אָרט,
ווי אײַנגעגראָבן, נעבן וועלדל,
און שטיל באַקוקט דעם זע [1], גאָטס וועלטל,
און טרויעריק זאָגט: „טיווערי׳אַדע,
דו ברייטער קעניגלעכער זע,
אַן אייצע גיב, דו קאָנסט מיר ראַטן,
דעם גורל אונדזערן פאַרשטייסט;
דו זאָג מיר: וואָס שטייט פאַר אונדז ביידן?"
און שטיל געצויגט האָט זיך דאָס מיידל,
ווי אַ טאָפּאָליע פון דעם ווינט.
„איך זע, איך בין אים ווי אַ קינד;
מיט אַקסלען מײַנע, וואָס נאָך וואַקסן,
וועל איך זײַן אַלטע פּלייצע שטיצן!"
און ברייט אַרום צעפירט די בליקן,
און פונקען פון די אויגן בליצן.
און פון די גוטע, יונגע אַקסלען
די אַלטע קליידער לײַכט זיך גליטשן:
אַראָפּגערוקט זיך דער כיטאָן.
ס'וועט קיינער ניט דערזען דאָ קיינמאָל
אַזאַ מין שיינקײַט, ריין און געטלעך!
דער גורל דאָך האָט בייז געטאָן,

---

1 זע — אָזערע.

מיט דערנער שטעכיקע געגלעט זי,
און אויסגעלאכט זיך פון דער שיינקייט.
אָ, גוירל בייזער!
הארט באַם וואסער
האָט זי אוועקגעשפּאנט געלאסן,
געפונען א לאָפּוך באַם ברעג,
אים אָפּגעריסן און באדעקט
דעם קאָפּ, ווי מיט א קרעפּ,
באדעקט דאָס טרויעריקע קעפּל,
דאָס קעפּעלע דאָס הייליקע,
און איז פארשוווּנדן אינעם וואלד.

אָ, אונדזער שיין, וואָס שטענדיק העלט!
אָ, דו, די ריינסטע צווישן פרויען!
דו ליליע, דו דופּטיקע!
אין וואסער טאָל, אין וואָסער פעלד,
אין וועלכע אומבאוווּסטע היילן
וועסטו באהאלטן זיך
פון יענעם פייערדיקן ברען,
וואָס וועט דיין הארץ צעשמעלצן
און וועט אָן וואסער זיי פארטרינקען,
די הייליק־ריינע טרוימען דיינע?
ווּ וועסטו זיך באהאלטן איצט?
דאָס פייער האָט זיך שוין פארנומען, —
עס ברייטערט זיך שוין ווייט ארומעט!
אומזיסט דער קויעך גייט, אומזיסט,
עס וועט דערגיין ביז בלוט, ביז ביין
א־יענער בייזער, שארפער פייער,
און נאָך דיין זון אין גרויסער טרייהייט
וועסטו א האלב־געטויטע גיין
אין געגנעם־פייער, און דיין צוקונפט
פארלויפט און קוקט אין דיינע בליקן.
דו, הייליקע, ניט זע, ניט הער,

ווייס אָפּ די נעוויִעדיקע טרער,
באַפּוצ דײַנ קאָפּ, א קראַנצ טו אָנ
פונ ליליעס, פונ רויטנ מאָנ,
אונ אינ דער קיל שלאָפּ אײַנ זיכ שטיל,
ביז עפּעס וועט עס וועט געשענ!

פארנאכט, ווי יענער העלער שטערנ,
טוט מיריעמ פונ דעמ וואלד זיכ קערנ,
באַפּוצט מיט בלומענ. דער באַרג טאַוואָר,
ווי העליש־גאָלד, ווי זילבער־קלאָר,
די ווײַט, די ברייט ארומ באַשײַנט,
באַשײַנט אונ מענטשנ־בליקנ בלענדט.
צו יענעמ באַרג אויכ מיריעמ ווענדט
די שטילע, פרומע בליקנ אירע,
זי קוקט אהינ, זי שמייכלט, מיריעמ;
אונ, ווי א מוטער, שטיל פארנומענ
די ציג, דאָס ציגעלע פונ וואלד,
אונ ס׳האָט איר קאָל זיכ שטיל צעשאלט:
„אָ, גאנײדנ,
וואלד דו טריבער!
וועל איכ, מיידל,
גאָט מײַנ ליבער,
אינ גאנײדנ
זיכ נאָכ פירנ,
אָנשפּאצירנ?"
אונ אנשוויגנ.
זיכ טרויעריק ארומגעקוקט,
דאָס ציגעלע — אפ צארטע אָרעמס,
א פריילעכע אוועק צוריק
אינ באַנדערס דערפּעלע אינ אָרעמס.
אינ גאנג דאָס ציגעלע געגלעט,
געצערטלט, ווי א קינד אינ וויגל,
אונ דאָס געקושט אונ שטיל גערעדט.

ס'איז ווי א קעצל זיך געלעגן
און בלויז געשפילט זיך אפ איר שויס.
א מײַלן צוויי געטאנצט קימאט,
און איז גאָר ניט געוואָרן מאט.
דער אלטער דאָרט באַם פאַרקן שטייט
און איז פאַרטרויערט; אָט זי גייט,
ער לויפט אנטקעגן איר און גריסט,
און זאָגט איר שטיל: „ווו האָסטו זיך,
מײַן קינד, פאַרהאַלטן אזוי לאנג?
אין שטיבל קום, רו אָפּ פון גאנג,
מיר עסן באלד דאָס ברויט פון אָוונט,
מיר האָבן הײַנט א גאסט א ליבן.
קום, טעכטערל!" — „א גאסט מיר האָבן?
וואָסער גאסט?" — „פון נאזארעט
צו אונדז געקומען איז אפ נאכט.
און זאָגט: „ס'האָט גאָט געבראַכט
דער אלטער עלישעווע, ווייסט,
זײַן בראָכע. נעכטן צו באגינען
האָט זי א קינד, א זון געבוירן,
זכאריע, דער אלטער מאן,
האָט יויכאָנען אים אָנגערופן!
איז אָט"...
די שיך שוין אויסגעטאָן,
מיט ריינע פיס דער גאסט פון שטיבל
זיך ווײַזט אין קלאָר־ווײַסן כיטאָן,
ס'איז זײַן געשטאַלט — א בילד א העלס,
ער שטעלט זיך ווירדיק אפן שוועל,
עס האָט פאַרנויגט זיך זײַן געשטאַלט
פאַר מיריעמען. ער האָט באַגריסט.
זי וווּנדערט זיך, זי איז צעמישט.
דער גאסט — ער שײַנט, דער גאסט — ער שטראַלט.
און מיריעמ האָט אפ אים געוואָרפן
א גיכן קוק און איז דערציטערט.

אונ, ווי א קינד ווי א דערשראָקנס,
צו יאָסעפנ זיכ טוליעט ווידער.
דערנאָכ האָט זי דעמ גאסט געבעטנ,
מיט בליקנ ווי געפירט דעמ מאנ
צומ שטיפפאָטער אינ שטוב אריַינ.
אונ קאלטע וואסער פונעמ ברונעמ,
אונ ציגנ־קעז אונ מילכ גענומענ,
אונ אָוונט־ברויט דערלאנגט זיי ביידנ.
אונ ניט געגעסנ, ניט געטרונקענ,
פארוקט זיכ שטיל אינ וויַיטנ ווינקל
אונ אלצ געקוקט, געהערט די רייד
פונ ווונדערלעכנ גאסט פונ שיינעמ.
אונ ווערטער הייליקע אונ רײנע
אפ מיריעמס הארצ אלצ פאלנ, פאלנ,
אונ קעלט אונ היצ דאָס הארצ פארקלעמט.
„אינ יעהודייע ז'ניט געווענ,
נאָכ קיינמאָל, — זאָגט דער גאסט, — אזעלכס,
וואָס איצט אינ לאנד דאָ קאָנ מענ זענ!
דעמ גרויסנ לערערס הויכע רייד,
זיי ווערנ שוינ אפסניַי פארזייט
אפ פרישער ערד. די ריַיפע זאמענ,
מיר וועלנ שניַידנ זיי, אונ זאמלענ
די זאט די הייליקע אינ שיַיערס.
עס גייט מאָשיעכ דער באפריַיער.
דעמ פאָלק איכ גיי די פסורע זאָגנ!"
ס'האָט מיריעמ איר געבעט געבראכט,
פאר דעמ שאָליעכ עס געטראָגנ.
אינ אויוונ שטיל דערברענט דאָס פיַיער,
דער פרומער יאָסעפ זיצט פארטראכט...
ס'גייט אופ דער מאָרגנשטערנ, ס'טאָגט.
ס'איז מיריעמ אופ, דעמ קרוג גענומענ...
אוועק נאָכ וואסער צו דעמ ברונעמ.
דער גאסט — נאָכ איר, אונ זי דעריאָגט

אין טאָלכל...
אין דער קיל ביז זונ
באגלייט דעמ גאסט ביז סאמע טווערייע,
אונ פריילעכ, אונ אינ פרייד געהילט,
אהיימ געקומענ.

מיריעמ ווארט
אונ וויינט, די באקנ אונ די ליפּנ —
זיי וועלקנ. „טאָכטער, זאָג, וואָס הייסט עס,
מײַנ ריינע בלומ, מײַנ שיינע צירונג!“ —
פרעגט יאָסעפ שטיל. — „מײַנ טאָכטער, וייס,
עס האָט מיט דיר א נעס פּאסירט!
נו, קומ, מע דארפ א כופּע שטעלנ!
אניט... (אונ ניט דערזאָגט: מע וועט
דיכ הארגענענ אינ גאס)... דערנאָכ —
באהאלטנ זיכ אפ אונדזער אינדזל“.
ס'האָט מיריעמ זיכ אינ וועג געגרייט
אונ ביטער, שווער גווײנט, געקלאָגט.
אונביידע זײַנענ שוינ אינ וועג;
א קלומעקל דער אלטער טראָגט,
א נײַעמ עמער צומ פארקויפנ:
מע מוז דאָכ פאר דער כופּע צאָלנ,
א טיכל צו דער כופּע קויפנ
אונ פאר די קדושינ צו באצאָלנ.
אָ, אלטער מאנ, אָ, פרומער מענטש!
ניט פונ ציִענ איז געשענקט אונדז,
פונ שטילנ שטיבל דײַנעמ גייט זי,
די שיינע אויסלייזונג אונ בענטשונג.
ווענ דו זאָלסט זי געווענ פארמײַדנ,
די האנט מיט ריינקײַט ניט געגעבנ,
איז וואָלטנ מיר נאָכ קנעכט געבליבנ
ביז איצט...
אָ, שווערע ליידנ!

אָ, פון מײַן זעל דער גרויסער טרויער!
ס'איז ניט אפּ אײַך האָב איך ראַכמאָנעס,
ר'זײַט בלינד און אָרעם אומגעהויער, —
איך האָב ראַכמאָנעס אפּ אַ־יענע,
וואָס זענען איבער זיך די האַק
און שמידן, שמידן נײַע קייטן.
ס'וועלן אײַך טאַליאָנים טייטן, קוילען,
און פון דעם ברונעם, פול מיט בלוט,
וועלן טרינקען הינט!
איז ווו איז ער,
דער ווונדערלעכער גאַסט, דער פאַלשער?
ער זאָל כאָטש קומען און אַ קוק טון
אפּ דער באַנומענער, באַרימטער
און שיינער כופּע! מ'הערט אים ניט,
מ'הערט ניט אויך מאָשיִעכס קומען,
און לײַטן וואַרטן אַלץ און וואַרטן
אפּ אומזיכערס אפּ עפּעס... מיריעם!
דו, אָרעמע, אפּ וואָס נאָך האָפסטו
וואָס וואַרטסט פון גאָט, פון זײַנע לײַט?
ניט וואַרט, אויך דער שאָליִעך יענער,
ער קומט ניט מער! דער אַלטער טעסלער
וועט דיך פון כופּע מיט זיך פירן
אין אָרעמען, אין שטילן שטיבל,
אַ דאַנק, וואָס ער האָט ניט געוואָרפן
און האָט דיך ניט אַרויסגעטריבן,
מע וואָלט מיט שטיינער דיך פאַרוואָרפן,
ווען ער זאָל ניט דײַן שאַנד באַהאַלטן.
די מענטשן אין טיווערִיאַדע
האָבן שטיל אַ קלאַנג צעשפּרייט:
מע האָט אין שטאָט יערושאָלאַיִם
אַ נאָווי עפּעס דאָרט געקרייצט,
וואָס האָט געזאָגט, אַז ס'קומט מאָשִיעכ.
„ס'איז אים!“ — האָט מיריעם שטיל געזאָגט,

און איז א פרײלעכע געגאנגענע
אהײם. אויך ער איז פרײלעך איצט,
זײַן דינסט אין אינגעווייד איצט טראָגט
א קאָשערע נעשאָמע — פון דעם
געקרײצטן א שטילער אָנדענק.

זײ גײען זיך אזוי און גײען;
אהײם געקומען — נאָר ניט־פרײלעך
נאָכן הײראט לעבן זײ.
דער טעסלער מאכט אין פאָדערצימער
א וויגעלע א שווערס, און מיריעם,
די אלערײנסטע מיריעם, זיצט
באַם פענצטער שטיל און קוקט אין פעלד,
און נײט א העמדעלע א קלײנס —
פאר וועמען?

„דער באַלעבאָס איז דאָ? —
האָט זיך דערהערט אין הויף. — פון קײסער
געשיקט צו אײַך איז א באַפעל,
אז טײקעפּ זאָלן אלע הײַנט
אפּ א רעוויזיע זיך מעלדן,
אין שטאָט בײסלעכעם דארפט איר קומען!"
און ס'איז די שווערע שטים פארשוווּנדן,
א ווידערקלאנג אין יאר נאָר יאָגט.

און מיריעם האָט זיך באַלד גענומען,
געבאַקן מאצעס: שווײַגנדיק
אין זעקל זײ צונויפגעלײגט,
און שטיל נאָכן אלטן איז אוועק
אין שטאָט בײסלעכעם. „גאָט, דו גאָט!
דו האָב ראכמאָנעס, שיק מיר הילף!" —
האָט זי נאָר שטיל ארויסגעזאָגט.
זײ גײען טרויעריקע בײדע
און טרײַבן, אָרעמע, פאר זיך

די ציג מיטן ציגעלע דעם קליינעם,—
ניטאָ אף וועמען לאָזן זיי.
און עפשער שיקט גאָט צו אין וועג
דאָס קינד—איז מילעך שוין פאַראַנען
דער מאַמע האַרציקער. די פּי
זיך פּאַשעט בײַ אַ זײַט. באַנאַנד
דאָ גייט דער טאַטע מיט דער מאַמע
און הייבן אָן אַ שמועס צו פירן,
און שטיל אַזוי:—עס האָט רעב שימען,
דער קוהען־גאָדל,—יאָסעפ זאָגט,—
אָט די נעוועס אונדז געבראַכט:
„דעם הייליקן געזעץ פון מוישען
וועלן איצט די איסיִים באַניַען!"
און נאָך גיט צו: „איך וועל ניט שטאַרבן,
ביז כ'וועל מאָשיִעכן ניט זען!"
דו הערסט, מײַן האַרציקע, מײַן מיריעם?
עס קומט מאָשיִעך!—„שוין געקומען!"
זאָגט מיריעם.
יאָסעפ נעמט פון זאַק
אַ מאַצעלע און גיט איר שטיל.
„דערווײַל נאַ, קינד מײַנס, לעג זיך אונטער,
ס'איז גאָר ניט נאָענט ביז בייסלעכעם,
און איך וועל אָפּרוען, כ'בין מיד!"
זיי האָבן זיך געזעצט בײַם וועג
דעם מיטיק עסן. זיצן זיי,
די זון די ערלעכע זיך קויקלט
אַהיים, אַהין, און—גיב אַ קוק—
באַהאַלטן זיך. אין פעלד איז טונקל,
און אָט אַ וווּנדער!—עס ציטערט אַזש
דער מאַן:—אַ בעזעם איז פון מיזרעך,
אַ פײַער־בעזעם אופגעגאַנגען
דאָרט איבער שטאָט, איבער בייסלעכעם
און האָט באַלויכטן סטעפּ און באַרג.

און מיריעם איז ניט אופגעשטאנען,
דאָ אף דעם שליאַכ דעם זונ געבוירנ,
דאָס קינד דאָס איינ־אונ־איינציקע,
וואָס האָט פונ ליידנ אונדז גערעטעט!
דאָס קינד דאָס הייליקע אָנ שולד
פאר אונדז, פאר פאלשע, איז געקרייצט.
און דאָ ניט ווייט, באַם ראַנד פונ וועג
האָבנ הירטנ זייער פי געפּאשעט
און זיי דערזען. די צאַרטע מאַמע
איניינעם מיט איר קינד גענומענ
אינ זייער היים, אינ הייל געבראכט,
און די געמיינע הירטנ האָבנ
דאָס קינד פארופנ אימאַנועל.

די זונ איז נאָכ ניט אופגעגאנגען,
און אינ בייסלעכעמ אפנ שטאָט־פלאצ
איז זיכ דאָס פאָלק צונויפגעגאנגען.
עס רוישט דאָס פאָלק, עס ווערט געשען
מיט אונדז אינ יעהודאָ עפּעס בייז.
עס רוישט דאָס פאָלק — און ווערט געשטילט,
א פאסטעכ לויפט און שרייט: „איר לייט!
עס איז מעקוייעם שוינ געוואָרנ
דאָס וואָרט פונ אונדזערע נעוויִמ!
באַ אונדז, באַ פאסטעכער, ז׳געבוירנ,
געבוירנ נעכטנ איז מאָשיִעכ".
און אינ בייסלעכעמ רוישט דער פלאצ:
„הוישאנאָ, מאָשיִעכ, יעהוישוע!"
דאָס פאָלק צעגייט זיכ.

אינ א שאָ
אַרום איז א באפעל געקומען,
א לעגיִאָנ פונ הויפּטשטאָט קומט
פונ הורדוסנ. און ס׳איז געשען,
וואָס קיינער האָט געהערט, געזען.

עס זײַנען קינדער אין די וויגן
געוויקלטע אין שלאָף געלעגן,
די מאמעס — זיי די באָד געוואַרעמט,
אומזיסט געוואַרעמט!.. ניט געבאָדן
אַ ־יענעם טאָג די קליינע קינדער.
די מעסערס האָבן די סאָלדאַטן
אין בלוט אין הייליקן געשווענקט!
אַזוינס קאָן אַפּ דער וועלט פּאַסירן!
אָ, מוטערס צאַרטע, זיך באַדענקט,
וואָס טוען הורדוסעס־קייסאָרים!
מיריעם מיט איר קליינעם קינד
האָט זיך אַפילע ניט באַהאַלטן.
געלויבט זײַט איר, איר פרומע לײַט!
איר, הירטן פּראָסטע, האָט באַהאַלטן
און אונדזער רעטער אונדז פאַרהיט
פון הורדוסן! געגעבן עסן
און טרינקען; אַפּן וועג אַ פּעלץ
זיי גיבן צו, די פרומע הירטן,
אַ מעלקנדיקע אייזלקע,
און מיטן קינד אַוועקגעזעצט
די צאַרטע מוטער און באַגלייט,
מיט וועגן מיט פאַרבאָרגענע
צום שליאַך קיין מעמפיס זיי געפירט.
דעם וועג האָט, ווי די זון, באַלויכטן
דער פֿײַער־בעזעמ און געקוקט
אַפּ אָט דער אייזלקע, וואָס פירט
די צאַרטע מיריעם קיין מיצראַים,
דאָס קינד — מאָשיעכן מיט איר.

ווען ס׳וואָלט אַמאָל ערגעץ פּאַסירט,
אַז אַפּ אַן אייזלקע זאָל רײַטן
אַ קעניגן, וואָלט זיך געקערט
די וועלט. עס וואָלט באַרימט אַפּ ווײַטן

די אײזלקע געװען. אצינד
דו, אײזלקע, האָסט שטיל געטראָגן
דאָס געטלעכע דאָס שײנע קינד.
א קאָפּט אַן אָרעמער געזאָלט
האָט זיך באַם אַלטן יאָסעפן קויפן,
ביסטו, דו האַרציקע, געפאַלן.
דער װעג האָט דיר, װײַזט אױס, פאַרשאַט!
שטיל אױסגעבאָדן זיך אין ניל
דאָס קינד, אין װינדעלעך פאַרהילט,
א װיגעלע די מוטער פלעכט
פון יונגע לאָזעס פאַר דעם קינד.
און ס'איז איר פרומער בליק באַטרערט,
זי װײנט און אַלץ דאָס װיגל פלעכט.
און יאָסעף האָט א קלײן געצעלט
פון אָטשערעט זיך אופגעשטעלט,
באַנאַכט זיך האָבן װוּ פאַרהילן.
װי סיטשעס, ספינקסן איבערן ניל
מיט אױגן טױטע שטום באַקוקן
דאָס אָרעמע געזינדל; װײַטער,
אַף זאַמדן הױלע מעכטיק שטײען
אין רײ אין שטומער פּיראַמידן,
די װאַך פון טױטע פאַראַאָנען,
און גלײַך זײ װאָלטן װיסן געבן:
עס איז גאָטס עמעס אופגעשטאַנען
און װעט אַף ערד זיך שױן פאַרזײען,
און זאָלן קעניגן זיך היטן.
באַם קאָפּט האָט מיריעם זיך פאַרדונגען
צו שפּינען װאָל. דער אַלטער פרומער
האָט פּאַשען רינדער זיך גענומען,
קעדײ א ציג זיך צו פאַרדינען,
א טראָפּן מילך דעם קינד דעם קלײנעם.
אװעק א יאָר. באַם שטילן שטיבל,
אין פּאָדערצימערל אין קלײנעם

דער פרומער טעסלער דאָרט דערלובעט,
האָט אַלצ דאָ אינ דער וועלט פארגעסנ,
שלאָגט אָנ אַ דייזשקע, צי אַ פעסל,
אונ מורמלט אונטער. דיר, אָ, מוטער,
איז ניט צום זינגענ, ניט צום וויינענ,
דו קלערסט, דו הערסט ניט אופ צו דענקענ,
ווי לערנענ אימ, דעמ זונ דעמ ריינעמ,
אפנ וועג אפנ הייליקנ צו ברענגענ,
פונ אַלדעמ שלעכטנ צו פארהיטנ,
באשיצנ אימ פונ בייז געוויטער...

אונ נאָכ אַ יאָר אוועק. באַמ שטיבל
אַ ציג זיכ פאשעט; אונ דאָס קינד
מיטנ קליינעמ ציגעלע אינ הויז
זיכ שפילנ ביידע. אונ די מוטער
באַמ שטיבל אפ דער פריזבע זיצט
אונ שפינט די וואָל פונ גרויענ קנויל.
אָט גייט דער אַלטער מיט דעמ שטעקנ
פונ הינטער פלויט ארויס: אינ שטאָט
אוועקגעטראָגנ צו פארקויפנ
אַ דייזשקע אונ געבראַכט דעמ קינד
אַ האָניק־לעקעכל; דער מוטער —
אַ שאַלעכל, אונ לעדער זיכ
אפ שיכ. אַ ביסל אָפגערוט
אונ זאָגט: „מײַנ טאָכטער! זאָרג זיכ ניט.
ניטאָ שוינ מער דער קייסער הורדוס!
זיכ אָנגעפרעסנ פונ פארנאַכט,
ביז פרי געפלאַצט, ניט דאָ געדאַכט.
מע האָט דערציילט עס מיר אפ זיכער.
איז לאָמיר זיכ מיט הי שוינ שיידנ,
איז לאָמיר גייג אַהיימ וואָס גיכער,
אינ אונדזער שמאָלינקנ גאַניידנ”.
— „איז קומ!” — האָט זי געזאָגט. אוועק

צום נײַל די העמדעלעך צו וואַשן,
דאָס קינד זאָל האָבן אָפן וועג.
די ציג מיט ציגעלע זיך פּאַשען,
און אַף דער פּריזבע מיט קינד
דער אַלטער יאָסעפּ שפּילט זיך שטיל,
ביז ס'וועט די מוטער דאָרט באַם נײַל
די קליינע העמדעלעך צעשווענקען.
דערנאָך אין שטוב אין אָרדנונג ברענגען
גענומענע אַלץ. די שיך די האַרטע
ער קנייטשט, מאַכט ווייך — צום וועג מאַכט פאַרטיק.
גאַנצפרי אַרויס אין וועג, געטראָגן
אַף אַקסלען אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן.
דאָס קינד אין וויגעלע געפירט.

אַזוי אַהיים זיך אומגעקערט.
זאָל קיינעם מער ניט זײַן באַשערט
אַזעלכס דערזען! דאָס שיינע וועלדל
אינמיטן פעלד... אַ בראָך! אַ קלאָג!
דאָס בעסטע, וואָס געהאַט, פאַרמאָגט,
דאָס וועלדל איז דאָך גאָר פאַרשוווּנדן,
די שטוב אינגאַנצן איז צעפּלינדערט.
איז אויסגעקומען זיי פאַרברענגען
די ערשטע נאַכט אין זייער כורווע.
און מיריעם אײַלט זיך גיך צום ברונעם
אַהין, אַהין, אין שטילן טאָל,
ווו אים זי האָט געזען אַמאָל,
דעם גאַסט דעם ליכטיקן באַגעגנט.
צום ברונעם איז דער שטילער וועג
מיט ווילד־גראָז, שטעכלקעס באַדעקט.
אָ, מיריעם, ווי איז דיר און ווינד!
דײַן קראַפט דײַן הייליקע אַצינד,
מיט לאַנג געדולד זי פעסט פאַרשמיד
און טיף באַ זיך אין האַרצן היט.

אין טרערן בלוטיקע פארגליט !..
די האָט זיך שיר דאָרט ניט דערטרונקען,
די אומגליקלעכע, אין דעם ברונעם.
אז אָך און וויי געווען וואָלט אונדז,
מאָשיעכס אויסגעלייזטע קנעכט !
דאָס קינד וואָלט אָן א מוטער וואקסן,
און מיר, מיר וואָלטן ניט געוווּסט גאָר
פון גרויסן עמעס אפ דער ערד —
פון פרייהייט הייליקער ! צו זיך
איז מיריעם באלד געקומען, שווער
געטאָן א שמייכל, זיך צעוויינט,
און ס'האָבן טרערן זיך געגאָסן
אפ די ציבריגעס ; אויסגעטריקנט
די טרערן זיינען, און ס'איז גרינגער
געוואָרן איר.

ס'האָט עלישעווע,
די אלטע אלמאָנע, אין נאזארעט
מיטן קליינעם קינד אירן געלעבט —
מיט יויכאָנען ; א שטיקל קרויווע
זיי אָנגעקערט. איז אָט — גאנצפרי
דעם קליינעם קינד געגעבן עסן,
עס אָנגעטאָן און מיט דעם אלטן
צו דער אלמאָנע קיין נאזארעט
אוועק זיך בעטן פאר א שכיינע,
אוועק זיך בעטן פאר א דינסט.

דאָס קינד איז זיך אזוי געוואקסן,
מיטן יאָסעמ יויכאָנען געשפּילט.
און איינמאָל גייען זיי אזוי
אינמיטן גאס ; צוויי שטעקעלעך
געפונען און אהיים געטראָגן —
די מאמעס ברענגען א מאטאָנע,

אפ האַלץ; געווײַנלעך — קינדער קלײנע!
גײען פֿרײלעכע, געזונטע, —
ס׳איז ליב צו קוקן, ווי זײ גײען.
איז אָט, דאָס קלײנע קינד נעמט צו
דאָס צווײטע שטעקעלע באַם כאָווער —
בײַ יויכאָנען (געשפּילט אין פֿערדלעך),
און מאַכט אַפּגיך, אַזוי פֿאַר זיך,
אַ צײלעמל. ער טראָגט אים הויך
אַהײם, פֿאַרשטײט איר, צו באַווײַזן:
ער קאָן אויך מײַסטרעווען, און גוט.
ס׳האָט מיריעם פֿאַר דעם טויער נאָך
באַגעגנט זײ און איז דערשטוינט
געוואָרן און ווי טויט געפֿאַלן,
דערזעענדיק דאָס צײלעמל —
דאָס טליִעלע. „אַ שלעכטער מענטש
האָט אויסגעלערנט דיך, מײַן קינד,
צו מאַכן דאָס. נו, וואַרף אַוועק!״
און ער, דער אומשולדיקער, האָט
אַ וואָרף געטאָן דאָס טליִעלע
דאָס הײליקע און טרערן הײסע
פֿאַרגאָסן אין דער מוטער־שויס.
ז׳אַ ביסל גרינגער איר געוואָרן,
דער אָרעמער, דער גוטער מאַמען.
זי האָט דאָס קינד אַוועקגעפֿירט
אין גערטנדל, אין קילן שאָטן,
אַ קוש געגעבן אים. מיט אַ קיכל,
אַ זיסינק קיכעלע, אַ פֿרישס
אים אָנגעהאָדעוועט. דאָס קינד
האָט זיך אַ ביסעלע געשפּילט,
געפֿעסטעט און געצערטלט זיך,
און אײַנגעשלאָפֿן אַפּ די קני:
עס שלאָפֿט אַזוי, דאָס ברעקעלע —
אַ שטילינק לעמעלע אין גאַנײדן.

די מוטער קוקט אַף דעם און וויינט,
נאָר שטיל אַזוי. אַ מאָלעכ שלאָפט...
ניט אופוועקנ אים, כאָס־כאָלילע!
די מוטער האָט ניט איינגעזענ!
אַ טראָפּנ אָקרעפּ, אַ הייסע טרער,
ווי פייער, איז אַף דעם געפאלנ,
און ער האָט אופגעוואכט. און זי
פארווישט די טרערנ מיט געלעכטער,
עס זאָל ניט זענ. נאָר ניט געקאָנט
עס אָפּנארנ, דאָס קליינע קינד.
עס האָט אַ קוק געטאָנ אַף איר
און זיכ צעוויינט.
זי האָט פארדינט,
צי די אַלמאָנע האָט אנטליענ
די האַלבע שאָק אַף אנ אַלעפּבייס.
זי וואָלט געלערנט אים די שריפט
אַליינ, קענ זי ניט. דאָס קינד
איז שול אינ איסישער געשיקט;
אַליינ דערצויגנ אים, געלערנט
אינ וועג פונ סייכל און פונ יוישער
צו גיינ. און יויכאָנענ, דער יאָסעם,
צו אים איז ענלעכ און געראָטנ,
אוןביידע גייענ זיי אינ שול.
איניינעם לערנענ זיי, און קיינמאָל
וויל ער ניט שפּילנ זיכ מיט קינדער
און ניט ארומלויפנ: אַליינ,
אינ איינזאמקייט אַליינ. אַמאָל
ער זיצט אַזוי זיכ אינ בוריאַנ
און טעסעט קלעפּקעס, העלפט דעם טאטנ
דעם הייליקנ אינ מי אינ זיינער.
אַזוי שוינ זיבנ יאָר געהאט
(דער יאט האָט גוט געמייסטרעוועט),
דער אַלטער האָט אַף אים געקוקט

און פון זײַן ווינקל אים באַוווּנדערט:
וואָס וועט עס זײַן פון אים? א מײַסטער?
און וואָס פאַר דוירעס וועט ער געבן?
גענומענ עמערלעך און דײזשקעס,
איז טאַטע־מאַמע מיט דעם קינד
אַפ דעם יאַריד אַוועקגעגאַנגען,
און טאַקע קיין ירושלאַים;
ס'איז טאַקע ווײַט, דערפאַר דאָרט קאָן מען
פאַרקויפן טײַערער. געקומען,
צעשטעלט די סכוירע. טאַטע־מאַמע,
זיי זיצן זיך אזוי אין מאַרק,
פאַרקויפן רויִק זייער גוטס.
נאָר וווּ־זשע איז דאָס קינד אַהין?
אַוועקגעלאָפן וווּ? די מוטער,
זי זוכט און וויינט. מע ווייסט ניט, וווּ
ז'אַהין דאָס קינד. אין בייס־האַמיקדעש
אַרײַן, באַם גוטן גאָט צו בעטן,
עס זאָל זיך אָפּזוכן איר זון;
זי גיט א קוק: איר זון איז דאָ,
איז צווישן די ראַבאָנים. זיצט
און לערנט זיי, ווי מענטשן ליבן
און פאַרן עמעס שטיין און שטאַרבן —
ס'איז ווי אָן עמעס! „אָך און וויי,
אײַך לערער, אײַך קויהאַנים, וויי!“...
די פּרושים, די לאַמדאָנים האָבן
באַוווּנדערט זײַנע הייסע רייד.
ס'איז גרויס געווען דער מוטערס פרייד!
זי, מיריעם, האָט דער וועלט געגעבן
מאָשיעכן, און גאָט אַלייַן
האָט זי געזען שוין...
אויספאַרקויפט,
אין בייסהאַמיקדעש גאָט געבעטן,
און פריילעכע אין וועג געלאָזט זיך

אהיים. געגאנגען בא דער נאכט,
אין קילער שאָ.
גְעוואקסןביידע
די קינדערלעך די הייליקע,
איינײנעם זיך אין שול געלערנט.
עס האָבן זיך געגרויסט מיט זיי
די הייליקע, די גוטע מאמעס.
אוועק פון שול מיטן דערנער־וועג,
גאָטס רייד צעשפרייטן אף דער ערד.
זיי האָבן עס דערקלערט, דאָס וואָרט,
דערפאר געקרייציקט האָט מען זיי,
פאר הייליקער, פאר שיינער פרייהייט!..

אוועק איז יוחנן אין מידבער,
און דיינער — צווישן מענטשן;
דו ביסט אויך אוועקגעגאנגען נאָך אים.
דו ביסט אוועק. אין פרעמדן הויז,
אין אלטער היים האָסטו פארלאָזט
דיין הייליקן, דיין אלטן יאָסעף.
אוועק צו וואָגלען הינטער פלויט,
און אָט אזוי ביסטו דערגאנגען
ביז צו גאָלגאָטע...

נאָך דעם זון
איז אומעטום געגאנגען די מאמע
די הייליקע, און זיינע רייד,
און זיינע מעשים — אלץ געהערט,
געזען און שווייגנדיק געפרייט זיך,
געקוקט אפן זון. און ער פלעג זיצן
אפן שפיץ פונעם אײלאָנים־בארג,
ער רוט זיך אָפּ. ירושאָלאים
האָט זיך פאר אים מיט שטאָלץ צעשפרייט.
ער שיינט אין גאָלד, אין העלן זײדנס,

דער קויהען־גאָדל פון יִסראָעל,
דער גאָלדענער פּלעביי פון רוים!
א שאָ און צוויי, ער שטייט ניט אוף,
ער גיט קיין קוק ניט אף דער מוטער,
און יענע ווייגט אזש, קוקנדיק
אף יעהודייעס הויכער, שיינער הויפּטשטאָט.
זי ווייגט און גייט אראָפּ צום טאָל,
און שעפּט אָן וואסער דאָרט פון ברונעם,
און ברענגט דעם זון זי שטיל צו טראָגן,
די פרישע וואסער. און זי וואשט
די מידע טריט, די הייליקע,
און גיט אים טרינקען, טרייסלט אָפּ,
בלאָזט אָפּ דעם שטויב פון זײַנע קליידער,
פארצירעוועט א ריס, און ווידער
אוועק אין שאָטן פון א בוים,
און קוקט — אָ, אלערהייליקע! —
ווי רו געניסט דער זון דער טריבער.
און אָט, אָט לויפן קינדער שוין
פון שטאָט: אים האָבן ליב געהאט
די ברעקעלעך די הייליקע,
פוסטראָט נאָך אים אין גאס געשפּאנט.
אמאָל צו אים אף אײלאָן־בארג
געלאָפן זײַנע קליינע קינדער;
זיי זײַנען צו. „אָ, הייליקע,
אומשולדיקע!” — האָט ער געזאָגט,
ווען ער האָט זיי דערזען. ער האָט
באגריסט זיי און געקושט, געבענטשט,
מיט זיי געשפּילט זיך, ווי מיט גלײַכע,
דעם בורנוס אָנגעטאָן און פריילעך
מיט זײַנע קינדערלעך געגאן
א וואָרט א נײַס אין שטאָט צו ברענגען,
א וואָרט פון עמעס פאר די פאלשע.
זיי האָבן ניט געהערט!.. געקרייציקט!..

און ווען מ׳האָט אים געפירט צום טויט,
איז זי באַם שיידוועג דאָרט געשטאַנען
אײנײנעם מיט די קלײנע קינדער.
(און מענער, ברידער און טאַלמידים
אַנטלאָפן אַלע, זיך דערשראָקן).
„נו, זאָל ער גײן, נו, זאָל ער גײן!
ער וועט אײַך פירן אויך אַזוי!“ —
געזאָגט די קינדער, טויט געפאַלן
אַף האַרטער ערד.
געקרײַציקט איז
דײַן זון דײַן אײן־און־אײנציקער!

און דו האָסט אָפּגערוט באַם פּלויט
און קײן נאָזאַרעט געלאָזט זיך!
שוין לאַנג באַגראָבן די אַלמאָנע
אין אָרן אין אַנטליענעם,
זי האָבן פרעמדע לײַט באַהאַלטן.
אין טורמע יויכאָנען קומט אום,
און אויך דײַן יאָסעף איז ניטאָ שוין!
און דו ביסט עלנט, ווי אַ שטײן,
אַלײן, אַלײן. אַזאַ מין גורל
באַשערט איז דיר, אָ, אָרעמע!
און זײַנע ברידער און טאַלמידים,
ניט־פעסטע, אָרעמע נעפאַשעס,
געראַטעוועט זיך פון הענט פון מערדער:
באַהאַלטן זיך, דערנאָך צעלאָפן,
און דו געמוזט האָסט זאַמלען זײ...
זײ זײַנען זיך צונױפגעקומען,
באַנאַכט, געטרויערט אַרום דיר,
און דו, די העכסטע צווישן פרויען! —
דעם טרויער זײערן, די מוירע
צעזײט, צעטריבן, ווי פּאַלאָווע,
מיט פײַערדיקן, הויכן וואָרט!

דו האָסט דײַן גײַסט דײַן הײליקן
דערטראָגן אין געמיינע זעלן!
א ליוב דיר, מיריעם, זײַ געלויבט!
דײַן לערע האָבן זיי פארנומען,
און זיך צעגאנגען איבער וועלט
אין נאָמען פון דײַן זון דײַן גרויסן,
אין זײַן באטריבטן הויכן נאָמען
צעטראָגן עמעס, ליבע הייסע
אַף גאָרער וועלט, און דו אליין
ביסט אין בוריאנען, הינטער א פלויט
פון הונגער אומגעקומען. אָמיין!
און די מאָנאכן האָבן נאָכדעם
מיט פורפור דיך באקליידט, געקרוינט
אלס קייסערן... און דיך געקרייציקט,
ווי אים, דײַן זון. און אָנגעשפיגן
אַף דיר, אָ, מוטער ריינע, מילדע,
און דיך געשענדעט — קאַטעס ווילדע!
ווי גאָלד אין אויוון בא דעם שמעלצן,
אין זעל אין מענטשלעכער אפסנײַ
אנטשטאנענע ביסט, אין שוואכער זעל,
אין זעל אין קנעכטישער, אין גרויער,
פארפולט מיט פײַן, פארפולט מיט טרויער.

[ס - פעטערבורג
11 נאָיאבער 1859]

# הוישייע. קאפיטל XIV

נאָכאמונג:

ווּעסט פארלוירנ גיינ, אוקריַינע!
קיינ־סימענ וועט ניט בלײַבנ אפ דער ערד!
אונ דו האָסט זיכ געגרויסט אמאָל
מיט לוקסוס אונ מיט גוטס! אוקריַינע,
מײַנ לאנד מײַנ ליבס, מײַנ אומשולדיקס!
פארוואָס באשטראָפט דיכ גאָט,
באשטראָפט דיכ שווער? סײַ פאר באָגדאנענ,
סײַ פאר דעמ פיאָטער דעמ דולנ
אונ פאר די „פאנעס" די פאָהאנע
ביזנ סאָפ ער מאכט דיכ כאָרעוו... באשטראָפנ
אונ הארגענענ ער וועט. אונ ריכטיק!
ווײַל לאנג האָט ער געדולדעט דיכ
אונ שוויַיגנדיק געקוקט האָט ער
אפ דײַנ פילזינדיקער טראכט.
ער האָט געזאָגט מיט קאס, מיט צאָרנ:
„איכ וועל דײַנ שיינקייט אונ דײַנ פראכט
ביז גרונט פארניכטנ. אליינ זיכ קרייציקנ
ווּעסטו! אינ קאס וועלנ דײַנע זינ
די שוינ באפעדערטע דיכ טייטנ,
די בייז־פארזייטע וועלנ אומקומענ,

אין בויך נאָך וועלן אונטערגיין,
ווי הינדעלעך ניט אויסגעלעגן.
געוויין פון מוטערס, מוטערשער געוויין
פארפילן וועט די דערפ, די שטעט,
די ערד, דערשענדעט שוין, זאָל זען,
אז איך, וואָס האלט די מאכט, איך זע!״
שטיי אויף, מיַין מאמע! קער זיך אום
אין צימער ליכטיקן, רו אָפּ!
דו האָסט זיך צופיל איַינגעמידט,
זיי טראָגנדיק, די זינד פון זין.
רו אָפּ, באליידיקטע, און זאָג,
זאָג געוועז דיַינע פאלשע קינדער —
זיי, בייזע, וועלן גיין פארלוירן;
אז זייער פאלשקייַט און פאראט
מיט בלוטיקן, מיט פיַיערדיקן שווערד
איז אויסגעקריצט אף מענטשנס הערצער;
ס'וועט אָנקומען די שטראָף די שווערע,
ניט ראטעווען ט'דער גוטער צאר,
דער שיקערער, דער גוטער האר,
ניט געבן טרינקען זיי, ניט עסן,
קיין פערד ניט געבן, איר זאָלט אָן זאָטל
אנטלויפן. איר וועט שוין ניט אנטלויפן
און ניט באהאלטן זיך! דער עמעס
וועט אומעטום נעקאָמע נעמען.
און לייַט וועלן לאָקערן אף איַיך,
איַיך כאפן, אָן געריכט איַיך שטיַיפ פארשמידן,
אין דאָרפ אפ שאנד איַיך ברענגען;
אפן ציילעם יענעם, אָן א טאליען
און אָן א צאר איַיך, רוכיש־בייזע,
מע וועט צעריַיסן, קרייצן, הענגען,
מיט איַיער בלוט וועלן הינט
באטרינקען הינט!..
און נאָך דערגייב זיי,

און אָנ א מאָשל זאָג זיי: „געמאכט,
מיט שלעכטע הענט געשאפנ האָט איר
די האָפענונג אײַערע. איר זאָגט:
דער צאר איז אונדזער גאָט און האָפענונג,
ער וועט אונדז אָנזעטנ, דערווארעמענ
די אלמאָנעס, די יעסוימימ...״ ניינ און ניינ!
דו זאָג זיי אָט וואָס: „עס לײַגנ געטער
און אָפּגעטער אינ פרעמדע טעמפּלענ!“
דו זאָג, ס'וועט אופוואכנ דער עמעס,
וועט אופרופנ, באַגײַסטערנ און טרײַבנ.
און ניט דאָס אָפּגעלעבטע וואָרט,
דאָס שענדלעכע, — דאָס נײַע וואָרט
וועט צווישנ לײַט מיט א געשריי אדורכ,
וועט ראטעווענ די בארויבטע מענטשנ
פונעמ קייסערס גוטסקײַט...

[ס.־פּעטערבורג]
2 דעקאבער 1859

* * *

א ליבּ מיידל, שווארצע בּרעמען,
טראָגט פון קעלער בּיר אַנ עמער;
כ'האָבּ דערזען, אָ, ווי די אויגנ —
אזש זיך אָנגעבּויגנ...
וועמענ טראָגט זי בּיר, דאָס מיידל?
און פארוואָס גאָר בּאָרוועס גייט זי?
גאָט דו שטארקער! דיינ א קראפט — דאָך
צאָרעס בּרענגט דיר און פארשאפט דיר!

ס.־פעטערבּורג
15 יאנוואר 1860

# טפילע

קייסאָרים, אַלוועלטלעכע שענקערס —
מיט רענדלעך, מיט טאָלערס,
מיט פּענטעס, מיט קייטן זיי קאָנסטו באַשענקען!

אַף אַרבעטער־קעפּ, אַף אַרבעטער־הענט,
אַף אונדזער באַנומענער ערד
דײַן קראַפט, דײַן אַלמעכטיקע ווענד!

און מיר, אָ, מײַן גאָט, אַף דער ערד
שענק ליבע, פאַרן האַרץ אַ גאַנײדן באַשער,
און גאָרניט גיב מיר ניט מער.

ס.־פּעטערבורג
24 מײַ 1860

* * *

קײסאָרים, די בלוטיקע שענקערס —
אין פענטעס, אין קײטן פארשמיד,
פארקאָװע אין גריבער, אין טפיסעס זיי היט!

די מענטשן פון מי, אָ, גאָטעניו װוילער,
אָט דאָ אף דער ערד אף דער הוילער
שיק זיי צו דײַן אלמעכטיקע קראפט!

די מענטשן מיט לויטערע הערצער —
דו שטעל לעבן זיי דײַנע װעכטער,
זיי זאָלן די רײנקײַט פארהיטן!

און מיר, אָ, גאָט, דערלויב
דעם עמעס צו ליבן אף דער ערד
און אן עכטן פרײַנט באשער!

ס.־פעטערבורג
25 מײַ 1860

* * *

אָט די, וואָס בייזס פאַרטראַכטן, — צוים,
אין שווערע קייטן זיי ניט שמיד,
אין טיפע גריבער זיי ניט היט!

די הענט, וואָס שאַפן ערלעך גוטס,
דײַן אָנווײַז שיק, דײַן שטיצע שיק,
מיט קראַפט מיט הייליקער באַגליק!

און די, מיט הערצער ריינע? — זיי
פון היטערס דײַנע שיק אַ ריי,
די ריינקײַט זייערע באַהיט!

און אַלעמען אונדז אַף דער ערד
גיב איין געדאַנק, גיב איין באַגער
און עכטע ברידער־ליבע שיק!

ס.־פּעטערבורג
27 מײַ 1860

* * *

יענע גיריקע בליקנ,
די געטער, די הארנ, די צארנ —
שיפנ, אקערס שיק,
ווי אלדאָס גוטס פונ דר׳ערד,
געזאנגענ, געבעטנ —
די דריבנינקע געטער!

די פארהאָרעוועטע קעפ,
די פארהאָרעוועטע הענט —
וועלנ אקערנ ס׳פעלד.
אונ פארזייענ אונ דענקענ — נאָר זיי.
אונ דער שניט איז אינ זיי נאָר געווענדט —
אינ די ארבעטער־הענט.

די גוטהערציקע לײַט,
וואָס גייענ שטיל בא א זײַט,
דו, שעפער פונ הימל אונ ערד,
לאנגע יאָרנ באשער
אפ דער וועלט; אפ יענער...
א שטיקל גאניידנ אויכ שיק!

אלצ אפ דער וועלט — די הארנ,
יענע געטער, יענע צארנ!

אי שיפֿן, אי אַקערס וואָס מער,
אי אַלדאָס גוטס אַף דער ערד! —
און אונדז, מײַן צאַרטע, פֿאַרבלײַבט
שײנע ליבע צווישן לײַט!

ס.-פּעטערבורג
31 מײַ [1860]

* * *

שײַנ דו קלאָרע! שײַנ דו שטילע!
שײַנ דו פרײַע, ניט־פארהילטע!
איז פארוואָס־זשע האָט מענ, ברודער,
אינ דײַנ ווארמער שטוב דער גוטער
דיכ פארקאָוועט אונ פארמאָווערט דיכ,
דעמ קליגסטנ דיכ באטריגנ זיי,
אונ מיט פורפור דיכ באדעקנ,
מיט דעמ צייַלעמ דיכ דערשלאָגנ?

ניט דערשלאָגנ! גיב א רודער!
איבער אונדז דערשײַנ, באוויַיז זיכ,
דו באוויַיז זיכ! מירנ, ברודער,
אָנעטשעס פונ פורפור רײַסנ,
ליולקעס צינדנ בא קאדילעס,
מיט איקאָנעס הייצנ הרובעס
אונ פארקערנ מיט קראָפילעס
אינ דער נײַער שטוב די דילנ!

27 יונ [1860
ס.־פעטערבורג]

* * *

אי ארכימעד, אי גאליליי
האָבן ניט געזען קיין ווײַן. נאָר זיי,
די פרומע, האָבן בוימל אין דעם בויך געגאָסן!
און איר, איר הייליקע גענאָסן,
האָט זיך אָפּ גאָר דער וועלט צעשאָטן,
א בּרעקל ברויט האָט אָנגעבּאָטן
די צארן, נעבּעך. ס'וועט פארדארן
דאָס קאָרן, וואָס עס זייען צארן,
ס'וועלן מענטשן אויסוואקסן. אין בויך
געטויט וועט זײַן דעם צארס פארזיי,
און אָפּ דער שוין באַנייטער ערד
קיין פײַנט ניט זײַן וועט קיין ניט־גוטער,
א זון וועט זײַן, ס'וועט זײַן א מוטער,
און מענטשן וועלן זײַן אָפּ דר'ערד.

24 סענטיאבּער [1860
פּעטערבּורג]־.

# שאָול

און דאָרט, ווו אייביק דרעמלט כינע,
און אין מיצראַיִם, און בא אונדז,
באם טײַך עפראַט, באם אינד —
מיט שאָף און רינד האָט פרײַ געבלאָנקעט
דער פאַסטעכ אפ זײַן פרײַער לאָנקע,
ווי אין גאַניידן — שטיל, אָן זאָרגן;
פון זײַנע פי א פרײַער היטער,
האָט ער געשווירן און געמאָלקן
און זיך געזונגען זײַנע לידער.
דעם קייסער טראָגט דער רוח דאָ אָנעט,
און מיט געזעצן, מיט טאַליאָנים,
מיט הויפלײַט, בלינדע קנעכט און קלאָווים.
באַנאַכט באַפאַלן, ווי גאַנאָווים,
פאַרנומען טשערעדעס פון פעלדער,
געצעלטן, פאַסטעכער און רינדער,
און האָב־און־גוטס און קליינע קינדער,
געכאַפּט די שוועסטער און די ווײַבער
און זיי פאַרומווירדיקט, געפײַניקט,
און זיי מיט זיך פאַרשלעפּט אפ אַרבעט,
אין קאַטאָרגע אַזוי צו שטאַרבן.
און טאָג נאָך טאָג. עס שווײַגן קנעכט.

קייסאָרים ווערן מער און מער
און בויען באָוולס איינס נאָך צווייטן,
און מאגנ, באָנזעס און קויהאָנים
(ווי „פּאָטערס״ אונדזערע, ווי די גאלאָכים)
בא קלויסטערס האָבן מאזל־בראָכע
און האָדעווען זיך, ווי קאבאנעס,
אפ שמאלץ, אפ קאָלבעס פאר קייסאָרים.
קייסאָרים בויען קלויסטערס, טעמפלען,
מיזבייכעס האלט מען אין איין בויען,
און וווּ א טראָט — איז דאָרט א קויהען.
די יידן, נעבעך, נעמט א קינע —
וווּ נעמט מען עס א שטיקל קעניג,
און כאָטש פון קיזיק א מיזבייעך?
ניטאָ. וואָס טוט מען? גייט מען בעטן
דעם אלטן שמועל, דעם באלמויעך,
אז וווּ ער וויל און וווּ ער ווייס נאָר,
נאָר קריגן זאָל ער זיי א קייסער.
פארשטייט דער נאָווי א געשעפטל,
פארכאפּט ער בוימל אפ צו זאלבן,
פון הינטער רינדער, הינטער שעפּסן
האָט ער געפונען זיי א באלן,
א פעסטן יאט, און לויט דעם מינהעג —
ער זאלבט זיי שאָולן פאר א קעניג.
איז שאָול גאָר ניט אזא טיפּעש,
ער שאפט א היפּשינקן הארעם,
ער קיניגט ברייט, מיט א פארנעם,
און ס'קוקן פאסטעכער און גאפן:
„מיר זײַנען גאָר ניט קיין נאראָנים,
אליין א קייסער זיך באשאפן,
א הערשער האָבן מיר מיט ביינער״.
שאָול נעמט די שטאָט און דעם אאול,
נעמט מיידלעך, שעפּסן נעמט,
בויט אויס פון צעדערבוימ א הויז,

באשטעלט פאר זיך פון גאָלד א שטול
און פירט א שיינע ליבע־שפיל
מיט זײַנע הוילע אונטערטאנער.
אין לאנגן מאנטל אין פורפור־רויטן
אזוי לאנג ער דרייט זיך, ביזוואנען
פון עלנט אין זײַן גרויס אשירעס,—
א שטערן האָט שאָול ניט איבעריק קיין ברייטן,—
ער האָט פון זינען זיך גערירט.
האָט זיך א ראט צונויפגעזאמלט:
„ראבויסײַ, לאָמיר דאָ צוזאמען
באקלערן וואָס צו טון. דער קיניג,
דער הערשער, איז שוין ניט באם זינען,
איז, נעבעך, דול. זאָל מען, מאשמאָעס,
זיך מיִען אים געזונט צו מאכן,
צי עפשער וועט מען גלײַכער זוכן
אן אנדער קעניג?" אָפגעשמועסט,
זיך דורכגערעדט און זיך צעגאנגען
די אומעטיקע עלטסטע.

אין צעדערנעם
אין נײַעם הויז ער מאטערט זיך, דער קעניג,
ער עסט ניט, טרינקט ניט, קאָן ניט שלאָפן,
אפ דר'ערד ער זיצט, דער מעכטיקער,
רײַסט אָנעטשעס פון מאנטל פרעכטיקן,
דרייט שווײַגנדיק די פאָסטעלעס,
פארבינדט די שטריקלעך, מאָסטעט זיי
און פרעגט זיך בא די פרישע ווענט
אפ אייזל, וואָס באם טאטן איז געווען.
ער נעמט דעם סצעפטער און שפילט אפ אים,
ווי אפ א פראָסטער דודע.
און שאָול ווערט ווילד איצט מיטאמאָל—
אויס פאסטעך שוין. „אפ קאראול!"
ער שרײַט, רופט שמועלן אפ א קאָל...
די פאסטעכער,

בּיניאָמינס אייניקלעכ,
האָבן דער וואכ א יונגע קאלב געשענקט,
מע זאָל זיי זינגען דאָ דערלויבן,
אינ פאָדערצימער בא דעמ קיניג.
אונ שאָולס בּייַכיקע מישפּאָכע.
האָט זיכ אינ פאַדערהויז צעפּילדערט, —
מע האָט מיטגעבּראכט, ווי אפצולאָכעס,
דעמ פּאסטעכ דאָווידנ, דעמ שפּילער.
„וועט קעניג שאָול ארויס, זיכ לאָזנ
אינ קריג!..“ — אזוי דער פּאסטעכ זינגט.
איז שאָול גלייַכ צו זיכ געקומענ,
ווי א סאָלדאט, זיכ פּייַנ צעלאָזט,
די קרויווימ אינעמ טאטנס טאטנ
נאָכ שענער דעקנ זיכ געלאָזט;
אונ דאָווידנ, דאָס פּאסטעכל, דעמ שפּילער
שיר געהארגעט... ווענ ער זאָל וויסנ,
וויפל אומגליק ער וועט ברענגענ,
דער פּאסטעכ, דער קלוגיטשקער דאָוויד,
ער וואָלט אימ ווי א שלאנג צעטראָטנ,
ווי שפּייַעכצ גיפטיקנ צעריבּנ!
אונ איצט אנ אָנדענק איז געבּליבּנ —
ס'איז מיט אנ אקער שווער צעגראָבּנ
דאָס פּעלד — עס איז געדיכט פארוואקסנ
מיט דערנער שטעכיקע. אָ, צאָרעס!
עס ווערנ דריבּנער מענטשנ דאָ געבּאָרנ,
אונ ס'וואקסנ אלצ אונ ס'גרייסנ זיכ קייסאָרימ!

13 אָקטיאבּער [1860
ס.-פּעטערבּורג]

* * *

כאָטש א לֿיגנדיקן שלֿאָגט מען ניט,
נאָר קײנער אויך קײן רו אים גיט,
דעם נישט...
און דיך, אָ, צװיג!
אי מיר, אי אײניקלֿעך, אזוי
די גאנצע װעלֿט װעט דיך פֿארשעלֿטן!
און ניט פֿארשעלֿטן, נאָר באשפּײַען
די הינט, װאָס האָבן דיך געזױגן,
די הינט, װאָס דו האָסט אופגעצױגן.
אָ, װײ, אָ, פּײַן! אָ, לֿײדן מײַנע!
צי װעט איר װען עס איז פֿארשװינדן?
צי עפּשער װעלֿן זײ, די צארן,
מיט שקלֿאפֿן־מיניסטאָרן, הארן,
פֿאריאָגן אײַך מיט בײזע הינט?
אָ, נײן! ס'װעט אָט װאָס גיך פּאסירן:
ס'װעלֿן מענטשן שטילֿ, אָן ראַש, אָן לֿיארעם
דעם לֿעצטן צאר צום טאלֿיען פֿירן!..

20 אָקטיאבער [1860
ס־פּעטערבורג]

* *
*

אי דאָ, אי אומעטומ איז ביטער!
די נעשאָמע איז אופ גאנצפרי מיט ציטער,
האָט ווייניק אָנגעשפינט, אונ מיד
געלייגט זיכ אויסצורוענ, נעבעכ,
אונ ס'האָט די פרייַהייַט זי געהיט...
„וואכ אופ, — זי זאָגט: — באוויינ דייַנ לעבנ!
ניט אופשטיינ וועט די זונ שוינ מער,
ניטאָ קיינ עמעס אפ דער ערד!"
די שוואכע פרייַהייַט האָט אָפגענארט
די קליינע זעל. די זונ — זי גייט
אונ פירט מיט זיכ דעמ טאָג מיט פרייד!
אונ די קייסאָרימ — רוקנס הארטע —
זיי רירנ זיכ אינ שרעק, אינ פייַנ...
אונ עמעס אפ דער ערד וועט זייַנ!

30 אָקטיאבער [1860
ס.-פעטערבורג]

* * *

אָ, מענטשן, נעבעכדיקע מענטשן!
די קעניגן, וואָס דארפט איר זיי?
און הינטשלעגער א גאנצע ריי?
איר זײַנט דאָך ניט קיין הינט, נאָר מענטשן!

באנאכט ס'א נעפּל און א רעגן,
און גליטש און קעלט. און די נעווא
האָט שטילערהייט ערגעץ געטראָגן
דאָס דינע אײַז אונטער די בריקן.
און איך, איך גיי אין אָט דער נאכט,
און גייענדיק איך הוסט און טראכט.
איך זע, ווי שפּעלעך א שארע,
אָט גייען מיידלעך נאסע־דארע,
נאָך זיי זיך שלעפּט, אין דרײַ געבויגן,
אן אלטיטשקער (אן אינוואליד)—
א פרעמדע טשערעדע ער היט...
און ווו איז די ליכט אוועקגעפלויגן?
און ווו איז דער עמעס? וויטעק, וויטעק!
מע טרײַבט זיי, הונגעריקע, הוילע,
צו זייער „מאמע" דאָרט אין הויף
(אָפּגעבן דעם לעצטן כּויװ),—
מע טרײַבט די אומגליקלעכע שאָף!

ווען קומען א געריכט, א שטראָף
אף אלע צארן אף דער ערד?
ווען קומט דער עמעס שוין אהער?..
ס'מוז אופגיין שוין די זון פון עמעס
און די פארשוועכטע ערד פארברענען!

3 נאָיאבער [1860
ס.־פעטערבורג]

* * *

און ס׳גייט דער טאָג, און ס׳גייט די נאַכט,
דעם קאָפּ כאַפּסט אין די הענט — אין קלעמען,
און טראַכסט: וואָס גייט ניט, וואָס נאָך וואַרט
דער שאָליעך פֿון וויסן און פֿון עמעס!

5 נאָיאַבער 1860]
ס.-פעטערבורג]

# פון אונטער יאוואָר רינט א שטראָם

פון אונטער יאוואָר רינט א שטראָם,
פליסט אונ פליסט אינ נידער,
איבערנ וואסער, רויט אונ שיינ,
א קאלינע דאָרט ציטערט.

שיינט די רויטע קאלינע,
ווערט דער יאוואָר יינגער,
אונ ארום זיי ווערבעס וויכע,
גרינגע לאָזעס גרינע.

פליסנ שטראָמענ פונ דעמ וואלד,
פונ דעמ בארג זיכ לאָזנ,
פליוסקענ זיכ דאָרט קאטשקעלעכ
צווישנ נידער־גראָזנ.

שווימט די מוטער ארומ זיי,
אונ דער קאטשער הינטער,
כאפּנ וואסער־לינזנ, שמועסנ
מיט די ליבע קינדער.

הינטער פלויט עס רינט דער שטראָמ
אונ שטעלט זיכ אונ פארטרינקט אלצ,

א מיידל קומט וואסער שעפנ,
שעפט זי אונ צעזינגט זיכ.

פונ שטוב ארויס די טאטע־מאמע,
אינ סאָד זיי שמועסנ ביידע
אונ אייצענ זיכ אונ טראכטנ: וועמענ
נעמענ פאר אנ איידעמ.

7 נאָיאבער [1860
ס.־פעטערבורג]

* * *

איך גיי זיך שטיל באַנאַכט
פאַרבײַ דעם טײַך נעווא און טראַכט.
איך גיי און רעד מיט זיך אַליין:
„אָ, ווען עס שטייען פעסט די קנעכט
פאַר זייער ערע, זייער רעכט —
וואָלטן ניט דערוועגט אָט דאָ צו שטיין
אָט די פּאַלאַצן פול מיט שאַנד,
און ברודער, שוועסטער האַנט בײַ האַנט
וואָלטן דאַן געגאַנגען! איצט איז גאָרניט...
ניטאָ קיין גאָט, קיין האַלב, קיין האָר ניט —
מיט יעגערס איז די וועלט באַשטאַט,
און מיר פאַר זיי, באַהעלפערס קליינע,
די כאָרטן האָדעווען און ווײַנען!"...

אַזוי איך שפּאַן אַליין באַנאַכט
פאַרבײַ דעם טײַך נעווא און טראַכט,
פאַרטראַכט זיך טיף, און איך דערזע ניט,
ווי פון אַ גרוב פון זײַט פון יענער
צוויי אויגן קעצישע דאָרט ברענען:
און דאָס איז גאָר אַ פּאָר לאַמטערנס
פון דער אַפּאָסטאָלישער פעסטונג.

כ׳האָב אופגעציטערט, זיך געציילעמט
און דרײַ מאָל האסטיק אויסגעשפּיגן
און ווײַטער זיך גענומען קלערן,
ווי פריִער, וועגן דעם זעלבן וועגן...

13 נאָיאבער [1860
ס.־פּעטערבורג]

* * *

געווענ מילכאָמעס, בייזע קריגערייַענ:
גאַלאַגאַנעס אונ קיסילעס, קאָטשובײ־נאַהייַעס.
געווענ דאָס גוטס גאָר היפּש! צו גרונט
איז אַלצ אַוועק, נאָר ניט פאַרשווונדנ —
געבליבנ ווערעמ: הריזענ, שפּאַלטנ,
פרעסנ אימ, דעמ שטאַמ דעמ אַלטנ...
אונ פונ די וואָרצלענ שטיל, באַשיידנ
וועלנ יונגע צווייַגנ הויכ זיכ שפּרייטנ
אונ אויסוואַקסנ: אונ אָנ א האַק, אָנ אייַזנ
וועט דער געקעפּטער קאָזאַק פאַלנ,
אונ אַזש א רעווע טונ, א שאַל טונ,
דעמ טראָנ צעקלאַפּנ, דעמ פורפור רייַסנ,
דעמ אָפּגאָט אייַערנ צעטרעטנ,
איר מענטשנ־ווערעמ! ניאַנקעס איר,
איר דיאַדקעס פונ פאָטערלאַנד פונ פרעמדנ!
מע וועט דעמ אָפּגאָט שוינ פאַרלענדנ,
אונ איר וועט אויכ ניט ווערנ! דערנער
אונ קראָפּעווע, אונ גאָרניט מער
וועט אויסוואַקסנ אפּ אייַער קערפּער!
א קופּע אפּ א קופּע ווערעמ
אונ מיסט, וואָס שטינקט, — אהער־אהינ
צעטראָגנ ביסלעכ וועט דער ווינט;
אונ מיר וועלנ גאָט א דאַנק נאָר געבנ,
אונ אויס מיט גווירימ, אויס מיט נעבעכס.

26 נאָיאַבער 1860]
ס.־פּעטערבורג]

# באמערקונגען

## די פּאַרקישעפּטע

אַ וואַסער־מײדל, אַ רוסאַלקע — רוסאַלקעס זײַנען, לויט דער סלאַווישער מיטאָלאָגיע, נעשאָמעס פֿון ניט־געטויפֿטע מיידלעך, זיי האַלטן זיך אויף אין די טײַכן, פֿאַרנאַרן אַהער מענטשן און פֿאַרפֿײַניקן זיי דורך קיצלען.

פֿאַרקיצלען — פֿאַרפּײַניקן דורך קיצלען.

קיין הויך פֿון ליפּן — קיין וואָרט ניט זאָגן, שווײַגן.

מאַכשייפֿעס — קישעפֿמאַכערנס.

ס׳האָט דער ליאַך געלויערט — ס׳האָט דער פּאָליאַק געטשאַטעוועט, אויסגעשפּירט. די פּוילישע שליאַכטע פֿלעג מאַכן מיליטערישע אָנפֿאַלן אויף אוקראַיִנע און האָט פֿאַרשקלאַפֿט דאָס אוקראַיִנישע פֿאָלק (וועגן קאַמף קעגן דער פּוילישער שליאַכטע זע ווײַטער אין די דערקלערונגען צו „לידער מײַנע דומעס מײַנע״).

קורגאַנען — הויכע בערג, אָנגעשאָטענע אויף די קוואָרים פֿון די אומגעקומענע קאָזאַקן.

## לידער מײַנע, דומעס מײַנע

דומעס (אוקר.) — גערעדקעס, טרוימען; „דומעס״ ווערן כּוץ דעם אין אוקראַיִניש גערופֿן פֿאָלקס־לידער וועגן וויכטיקע געשיכטלעכע געשעענישן און וועגן די העלדן פֿון די דאָזיקע געשעענישן.

די קאָזאַקישע געמיינדע — אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם XVI יאָרהונדערט האָט דאָס שליאַכטישע פּוילן, וואָס איז אין 1569 יאָר אַרײַנגעטראָטן אין אַן אוניע (אין אַ בונד) מיט ליטע, פֿאַרכאַפּט קימאַט גאַנץ אוקראַיִנע. די פּוילישע שליאַכטע, און באַזונדערס די גרויסע פּריצים־מאַגנאַטן, האָבן אָנגעהויבן פֿאַרכאַפּן אויף אוקראַיִנע אין זייער פּריוואַטן אייגנטום קאָלאָסאַלע ערד־שעטעכס. ביז דער מיט XVII יאָרהונדערט זײַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך זיי קימאַט אַלע ביז דאַן ניט־פֿאַרנומענע ערדן. די פּוילישע פּריצים האָבן נאָך מער פֿאַרשקלאַפֿט די אוקראַיִנישע באַפֿעלקערונג: זיי האָבן אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון לײַבאייגנטום אויף די פּויערים, וואָס זײַנען פֿריִער ניט געווען קיין לײַבאייגענע, און האָבן דערבײַ יעדער מאָל פֿאַרשווערט די פֿאָנשטשינע; זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט אויפֿן פֿאָלק גרויסע געלט־שטײַערן, אָפּגענומען די רעכט בײַ דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג פֿון אוקראַיִנע. זינט ס׳איז געשלאָסן געוואָרן אין 1596 יאָר די רעליגיִעזע אוניִע אין ברעסט, איז אין אוקראַיִנע פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דער נאַציאָנאַל־רעליגיִעזער יאָך. די פּוילישע מאַכט האָט אָנגעהויבן צווינגען דאָס אוקראַיִנישע פֿאָלק אַריבערגיין פֿון פּראַוואָסלאַווישן גלויבן אין אוניִאַטנטום און קאַטאָליציזם.

די פאַרשטאַרקונג פונ דער לײַבאייגנטימערישער אונ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אונטערדריקונג האָט ארויסגערופנ א ווידערשטאַנד פונ די פאָלקס־מאַסנ. די פאַרשקלאַפטע פויערימ אונ די אומצופרידענע שטאָטישע אײַנוווינער האָבנ נאָכ מער אָנגעהויבנ אנטלויפנ פונ די באַפעלקערטע געגנטנ צומ נידער־טײל פונ דניעפּער, אינ די ווילדע סטעפּעס. אזוי איז געוואַקסנ דאָס אוקראַיִנישע קאָזאַקנטומ — די פרײַע באַפעלקערונג פונ די בײַדניעפּערישע קאַנטנ אונ פונ בראַצלאַווטשינע. די קאָזאַקנ האָבנ זיכ פאַרנומענ מיט יעגערײַ, פישפאַנג אונ טײלווײַז מיט ערד־ארבעט. דאָס קאָזאַקנטומ איז געווענ אָרגאַניזירט לויטנ מיליטערישנ שטייגער, ווײַל די קאָזאַקנ האָבנ געמוזט די גאַנצע צײַט פירנ א קאַמפּ קעגנ די אָנפאַלנ פונ די טאָטערנ אפ אוקראַיִנע; זיי אלײנ פלעגנ אויכ אָרגאַניזירנ אָנפאַלנ אפ די טאָטערישע אונ טערקישע שטעט אונ דערפער. די קאָזאקנ זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט דערהויפּט אינ די באַשיצטע ערטער פונ יענער זײַט דניעפּער־שוועלנ; די דאָזיקע ערטער האָט מענ גערופנ „זאפּאָראָזשער סיטש“.

די קאָזאקנ, וועלכע האָבנ זיכ געפונענ אינ דער סיטש אָדער נאָענט פונ איר, האָט מענ גערופנ זאפּאָראָזשצעס, אונ די, וואָס האָבנ געוווינט אינ די דערפער, שטעט אונ שטעטלעכ פונ די בײַדניעפּערישע געגנטנ אונ בראַצלאַווטשינע, האָבנ באַקומענ דעמ נאָמענ שטאָטישע קאָזאקנ. דעמ מער פאַרמעגלעכנ טײל פונ קאָזאקנטומ האָט די פּוילישע רעגירונג גענומענ צו זיכ אינ דינסט. די דאָזיקע קאָזאקנ זײַנענ אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ אינ באַזונדערע צעטלענ — רעיעסטרענ, פונדאנעט האָט זיכ גענומענ דער נאָמענ רעיעסטרישע קאָזאקנ. דאָס רעיעסטער־מיליטער איז געווענ אײַנגעטײלט אינ פּאָלקנ אונ סאָטניעס מיט פּאָלקאָווניקעס אונ סאָטניקעס, מיט דער א. ג. קאָזאקישער סטאַרשינע אינ דער שפּיצ. אינ סאָציאַלנ היגזיכט איז דאָס קאָזאַקנטומ באַשטאַנענ, פונ אײנ זײַט, פונ א פאַרמעגלעכנ שיכט, צו וועלכנ עס האָט געהערט אויכ די סטאַרשינע, אונ פונ דער צווייטער זײַט — פונ דער קאָזאקישער אָרעמשאַפט. די קאָזאַקישע סטאַרשינע פלעג אויסקלײַבנ פונ אירע רײענ א העטמאַנ — דעמ הויפּט פונעמ גאַנצנ קאָזאקישנ מיליטער.

די מערהײַט פונ די ניט־רעיעסטרישע קאָזאַקנ האָט געלעבט פּונקט אזוי אָרעמ, ווי ביכלאַל די פּויערימ. וואָס איז שײַעכ צו די רעיעסטרישע קאָזאקנ, איז פלעגנ זיי באַקומענ פאַר זײער דינסט געצאָלטס אונ געוויסע רעכט. די פּוילישע רעגירונג אונ די מאַגנאַטנ פלעגנ אָבער קעסיידער ברעכנ די רעכט פונ די קאָזאקנ.

פונעמ סאָפ XVI יאָרהונדערט האָט דאָס אוקראַיִנישע פאָלק אָנגעהויבנ ענטפערנ אפ די אונטערדריקונגענ פונ די פּוילישע פּריצימ מיט אופשטאַנדנ, שטרעבנדיק אראָפּצוווארפנ דעמ פרעמדלענדישנ יאָכ. אינ די דאָזיקע אופשטאַנדנ אונ מילכאָמעס קעגנ פּריצישנ פּוילנ האָבנ גענומענ אָנטײל די ברייטסטע שיכטנ פונעמ אוקראַיִנישנ פאָלק — דאָס פּויערטומ, קאָזאקנטומ, דאָס שטאָטישע בירגערטומ אונ א טײל פונ דער אוקראַיִנישער שליאַכטע. דער סאַמע אנטשיידענער קאַמפּ מיט פּוילנ איז פאָרגעקומענ אינ די יאָרנ 1648 — 1654 אונ האָט זיכ פאַרענדיקט מיט פאַרײניקנ אוקראַיִנע צו רוסלאַנד.

אינעמ דאָזיקנ קאַמפּ קעגנ דער פּוילישער שליאַכטע האָט דאָס זאפּאָראָזשער קאָזאקנטומ גענומענ אנ אָנפירנדיקנ אָנטײל. די זאפּאָראָזשער סיטש איז אלעמאָל געווענ דער הויפּט־צענטער, ווו ס׳פלעגנ זיכ זאמלענ די קויכעס פונ די אופשטענדלער אונ פונוואַנענ די אופשטענדלער פלעגנ זיכ לאָזנ איבער גאַנצ אוקראַיִנע אופצוהייבנ דאָס פאָלק צומ קאַמפּ קעגנ די פּריצימ. אזוי איז געווענ, צומבײַשפּיל, אינ 1648 יאָר, ווענ פונ זאפּאָראָזשיע איז קעגנ פּוילנ ארויסגעטראָטנ באָגדאַנ כמעלניצקי.

די זאפּאָראָזשער סיטש האָט עקזיסטירט מיט איבעררײַסנ ביז יונ 1775 יאָר, ווענ זי איז לויטנ באַפעל פונ יעקאַטערינע דער צווייטער רויִנירט געוואָרנ.

בולאַוועס, בונטשוקעס — צייכנס פונ העטמאַנישער מאַכט.

קוואָרימ־בערג — די בערג איבער די קוואָרימ פונ די אומגעקומענע קאָזאקנ (קורגאַנענ).

די שוועלנ ברומענ — די דניעפּער־שוועלנ, וואָס ניט ווײַט פונ זיי האָט זיכ געפונענ די זאַפּאָראָזשער סיטש.

דער שוואַרצער אָדלער — דער הערב פונ צאַרישנ רוסלאַנד.

קאָבזאַרנ — פאָלקס־זינגער, דערהויפּט אלטע בלינדע מענטשנ, וואָס פלעגנ ארומגיינ איבער שטעט אונ דערפער אונ זינגענ וועגנ פאַרגאַנגענע היסטאָרישע געשעענישנ.

## אפ ניט פארגעסנ

די דאָזיקע ליד האָט שעווטשענקאָ אָנגעשריבנ אינעמ עקזעמפליאר פונעמ „קאָבזאר״ פונ 1840 יאָר, וועלכנ ער האָט געשענקט זײַנ פרײַנט דעמ קינסטלער שטערנבערג באַמ געזעגענענ זיכ מיט אימ. שטערנבערג איז דאַנ אוועקגעפאָרנ אינ אויסלאנד, קיינ איטאליע.

## א כאָלעמ

וואלנד באוועמענ צו פארזשעברענ — אנ אָנצוהערעניש אפ דער צארישער רעגירונג, וואָס האָט געפירט מילכאָמעס צוליב פארכאפנ פרעמדע לענדער.

באַמ פלויט דאָרט די פארפירטע — א פויעריש מיידל, וואָס איז פארפירט געוואָרנ פונ אנ אויסגעלאסענעמ פאָרעצ.

די וויסטעניש זיכ רירט — געמיינט צאָפנ־סיביר, וווהינ די צארישע רעגירונג פלעג פארשיקנ די רעוואָליוציאָנערנ.

דעמ ״גיריקנ אונ בייזנ — דעמ זשעדנעמ אונ בייזנ קייסער, גוויר אדג.

א גויסעס — א מענטש, וואָס האלט באַמ שטארבנ.

דער האר פונ גאָר דער וועלט, דער הארפונ פרײַהײַט, מיט פײַנ־צייכנס באקרוינט — א רעוואָליוציאָנער, וואָס האָט געקעמפט קעגנ דעמ צאריזמ אונ וואָס איז פארשיקט געוואָרנ קיינ סיביר אפ קאטאָרגע. אפ די קערפערס פונ די קאטאָרזשניקעס פלעג די צארישע מאכט אויסברענענ צייכנס; די דאָזיקע צייכנס מיינט דער דיכטער מיטנ וואָרט „פײַנ־צייכנס״.

אינ ברייטע זומפנ ליגט א גרויסע שטאָט צעשלײַדערט — דאָ איז געמיינט פעטערבורג, וואָס איז אופגעבויט געוואָרנ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט בייס פיאָטעד דעמ ערשטנ אפנ ברעג פונ פינישנ אויסגוס; דאָרט זײַנענ געווענ בלויז בלאָטעס אונ געדיכטע וועלדער.

אָט א כאָכאָל — אזוי פלעגנ די הערשנדיקע קלאסנ רופנ מיט שפאָט די אוקראַינער.

ער אליינ באווילדיקט הײַנט שפאצירנ — אליינ דער קייסער, ניקאָלײַ דער ערשטער.

דײַנע כאזערשע פאָעטנ — די אדעליקע פאָעטנ, וואָס פלעגנ באזינגענ „די שיינקײַט״ פונ דער אימפעראטאָרנ.

א פעסטונג — די פעטראָפּאוולאָווער פעסטונג, וואָס האָט זיכ געפונענ פונקט קעגנ קייסערלעכנ פאלאצ.

אונ די זייגערס קלינגענ, קלינגענ — דער זייגער אפנ טורעמ פונעמ קלויסטער, וואָס האָט זיכ געפונענ לעבנ דער פעטראָפּאוולאָווער פעסטונג.

דעמ ערשטנ — די צווייטע — אינ 1782 יאָר איז לויטנ באפעל פונ יעקאטערינע דער צווייטער געשטעלט געוואָרנ א דענקמאָל פיאָטער דעמ ערשטנ. אפנ דענקמאָל איז געווענ אָנגעשריבנ אפ צוויי שפראכנ (אַפ לאַטייניש אונ רוסיש): „פיאָטער דעמ ערשטנ — יעקאטערינע די צווייטע״.

עפעס א פארהוילנס — עפעס אומקלאָרס, פארבאָרגנס. שעווטשענקאָ רעדט דאָ וועגנ העטמאנ פאָלובאָטקאָ, וואָס איז אינ 1824 יאָר פאר אנ ארויסטרעטונג קעגנ פיאָטער דעמ ערשטנ ארײַנגעזעצט געוואָרנ אינ דער פעטראָפּאוולאָווער פעסטונג.

פונ אוקראַינע האָסטו אונדז געטריבנ הונגעריקע, הוילע — דאָ האָט שעווטשענקאָ אינ זינענ די קאָזאקנ אונ די לײַבייגענע, וואָס זײַנענ אומגעקומענ באַמ אופבויענ פעטערבורג.

צומ סענאט — דער סענאט איז געווענ דער העכסטער געריכטלעכער אונ אדמיניסטראטיווער מאכט־אָרגאנ אינ רוסלאנד אינ דער צײַט פונ צאריזמ.

קריכט א בער ארויס — „בער״ רופט דאָ שעווטשענקאָ ניקאָלײַ דעמ ערשטנ.

## די דינסט

קיטײַקע — קאָלירט באַול־שטאָף; מע פלעג עס ברענגען פון כינע (קיטײַ), און דערפאַר פלעג מען עס רופן קיטײַקע.

אַ סטאַוו — אַ סאַזשלקע.

פאַרשוועגדונג — צעטרענצלונג, דאָס פאַטערן אַ פאַרמעגן.

פאַרומערט — פאַרטרויערט.

סכירעס — געצאָלטס.

אַ ביזער וווּנדער — אַן אומגליק, דאָ — אַן עפּידעמישע קראַנקײַט.

טשומאַק — טשומאַקעס פלעגן גערופן ווערן פוּרערים, וואָס פלעגן פירן פון קרים און פון דאָ־נער געגנט זאַלץ און פיש.

אַ באַסמאַלקע — אַ פרינצעסן.

שעליכים — דאָ געמיינט סוואַטעס, וואָס ווערן געשיקט צום מיידלס עלטערן מיט אַ פאָרשלאַג וועגן אַ שידעך.

מיט הייליק ברויט מיט אויסגעביטנס — אויב די עלטערן פונעם מיידל נעמען אָן דעם פאָרשלאַג וועגן שידעך, דאַן גיבן זיי איבער דורך די שעליכים ברויט.

מיך קימערט — מיך באַאומרויִקט, מיר פאַרשאַפט זאָרג.

ווער וועט זײַן די מוטער — ווער וועט אויספּילן די פליכטן פון דער מוטער בײַם דער כאַסענע.

בײַשטידל — קאָסיאַק, אושניאַק.

אַקאַפיסט — אַ פּראַוואָסלאַווישע לויב־טפילע צו אַ הייליקן.

דוקאַטלעך — צירונג־מאַטבייעס פון בילִיקן מעטאַל.

פאַרטשאַ — שטאָף פון גאָלדענע פעדעם.

צאַרגראַד — קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איצט סטאַמבול.

פאַרגיב מיר — זײַ מיר מויכל.

## קאַווקאַז

יאַקאָוו דע־באַלמען (1845 — 1818) — אַ קינסטלער, שעווטשענקאָס אַ נאָענטער באַקאַנטער. יאַקאָוו דע־באַלמען איז אַלס אָפיצער אומגעקומען אין אַ שלאַכט מיט די טשערקעסן אַף קאַווקאַז, בײַס די צאַרישע רעגירונג האָט מיט פײַער און שווערד פאַרשקלאַפט די פרײַהײַט־ליבנדיקע קאַווקאַזער פעלקער.

פראָמעטיי — בײַ די אַלטע גריכן איז געווען פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז פּראָמעטיי — איינער פון די טיטאַנען — האָט אַוועקגעגאַנוועט פונעם הימל דאָס פײַער און אָפּגעגעבן עס די מענטשן; דער־פאַר האָט אים דער עלטסטער פון די געטער זעוס צוגעשמידט צו אַ פעלדז אַף אַ קאַווקאַזער הויכן באַרג, און אַן אָדלער האָט טאָג איין, טאָג אויס געפּיקט זײַן לעבער. קעדיי די ליידן פּראָמעטייס זאָלן דויערן אָן אויפהער, האָט זעוס אויפגעלעבט אַלע מאָל זײַן לעבער, און דער אָדלער האָט זי ווידער געפּיקט.

מיר לײַטזעליקע — שעווטשענקאָ רעדט מיט שפּאָט וועגן די צאַרן, וואָס פלעגן זיך אָנ־רופן אין זייערע באַפעלן און מאַניפעסטן „מיר לײַטזעליקע“ און פלעגן טון נידערטרעכטיקע, גאָר ניט קיין לײַטזעליקע מײַסים.

די כאָרטן, די געיעג־הינט און די יעגערס — געמיינט די הערשנדיקע קלאַסן און זייערע אונטערהעלפערס.

ריטער — דאָ ווערט דאָס וואָרט גענוצט אינעם באַטײַט: ערלעכע, גרויסמוטיקע מענטשן.

איר, גרויסע ריטער — אַזוי ווענדעט זיך שעווטשענקאָ צו די קאַווקאַזער פעלקער, וואָס קעמפן פאַר זייער אומאָפּהענגיקײַט קעגן צאַריזם.

טשורעק — ברויט; סאַקליע — אַ שטוב.

היידן — געצנדינער, מענטשן, וואָס דינען צו אָפּגעטער.

אפ אלע שפראכנ אלצ דאָ שטומט — וועט אויס, פונ ווילטאָג — א שארפע סאטירע אפ דער אונטערדריקטער לאגע פונ אלע פעלקער אינעמ צארישנ רוסלאנד.

פונ פאסטעכער א קייסער איז ארויס — געמיינט דעמ קייסער פונ דער אוראלטער יעהודע דאָוויד; דער דיכטער גיט דאָ אנ אָנצוהערעניש אפ דער פאלשקייט אונ אויסגעלאסנקייט פונ אלערליי אונטערדריקער.

עמונע — רעליגיע.

פראנצויזנ זידלענ מיר — די הערשנדיקע קלאסנ פונ רוסלאנד האָבנ זיכ איג יענע צייטנ מיט האס באצויגנ צו די פראנצויזנ, אלס צו א פאָלק, וואָס האָט דורכגעמאכט צוויי רעוואָליוציעס.

צוואקעס — פאלשע מענטשנ.

ווערעכ — געווירצנ, וואָס מע רויכערט אינ די קלויסטערס.

מיט שטערנס טרעדעמ דיל מיר שטעמפלענ — בוקנ זיכ, פאלנ צו מיט די שטערנס צו דער ערד.

## צו טויטע אונ צו לעבעדיקע

גריקע־זייער — דאָ געמיינט פויערימ.

טאמערלאנ (1336 — 1405) — א מאָנגאָלישער כאנ, איז באוווסט מיט זיינע גרויסע מילכאָמע־דעראָבערונגענ: ער האָט פארכאפט כינע, פערסיע, אינדיע, טיילנ פונ סיביר, פונ קאווקאז אונ קליינ־אזיע.

קאָליאר יאנ (1793 — 1852) — א באוווסטער טשעכישער פאָעט. אנ אָנהענגער פונ דער אידיי פונ דער אלגעמיינ־סלאוויאנישער פאראייניקונג פונ פעלקער.

שאפאריק פאוועל — אידעאָלאָג אונ קעמפער פאר דער באפרייאונג פונעמ טשעכישנ פאָלק פונ דער דייטשישער הערשאפט.

האנקא וואצלאוו (1791 — 1861) — א טשעכישער פאָעט אונ געלערנטער.

סלאוויאנאָפילנ, סלאוויאנאָפילנטומ — א פאָליטישע שטרעמונג אינ די 40 — 50־קער יאָרנ פונעמ XIX יאָרהונדערט. די סלאוויאנאָפילנ האָבנ געשטרעבט צו דער פאראייניקונג פונ אלע סלאוויאנישע פעלקער אינ איינ פעדעראציע. די רוסישע סלאוויאנאָפילנ זיינענ געווענ פאר דער פאראייניקונג פונ אלע סלאוויאנער אונטער דער הערשאפט פונעמ רוסישנ צאר.

קארל מארקס אונ נ. ג. טשערנישעווסקי האָבנ געהאלטנ די טעאָריע פונ די סלאוויאנאָפילנ פאר א רעאקציאָנערער, ווייל זי האָט געהאָלפנ דער פארפעסטיקונג פונעמ צאריזמ.

סינאָפ אונ טראפעזונד — טערקישע שטעט אפנ ברעג פונעמ שווארצנ יאמ.

אונ דער קלוגער דייטש, קארטאָפליעס אפ דער סיטש ער זעצט — נאָכנ רויִנירנ די זאפאָראָזשער סיטש זיינענ, לויטנ באפעל פונ יעקאטערינע דער צווייטער, אינעמ דאָרעמ־טייל פונ אוקראינע באזעצט געוואָרנ פארמעגלעכע דייטשישע קאָלאָניסטנ.

מיר וועלנ זיכ צעשפרייזנ — מיר וועלנ זיכ צעלאָזנ.

ברוטנ — אינ דער געשיכטע פונ רוימ זיינענ אמערסטנ באוווסט צוויי ברוטנ: לוצי־יוני ברוט איז באוווסט געוואָרנ דערמיט, וואָס אינ 510 יאָר ביז אונדזער ערע האָט ער אָנגעפירט מיטנ אראָפּווארפנ דעמ קייסער טארקוויני דעמ שטאָלצנ, נאָכ דעמ איז רוימ געוואָרנ א רעפובליק; ברוט מארק־יוני איז אינ דער מיט פונעמ ערשטנ יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע געווענ איינער פונ די אָרגאניזאטאָרס פונ דער דערמאָרדונג פונ יולי צעזאר (אינ 44־טנ יאָר ביז אונדזער ערע).

קאָקלעסנ — האָראצי קאָקלעס, דער באוווסטער רוימישער העלד, איז באריממט געוואָרנ דערמיט, וואָס אינ 507 יאָר ביז אונדזער ערע האָט ער איינער אליינ באשיצט דעמ בריק אפנ טייכ טיבר אינ רוימ פונעמ פיינטלעכנ עטרוסקישנ מיליטער.

שטריכנ גוט פארשטאנענ! — באנעמט גוט יעדער שטריכ!

אָוועס — פאָטערס.

די קינדער אירע זי איצט שענדנ — דער דיכטער מיינט דאָ די אוקראאינישע פריצימ.

צו דער נייער צייט זי בינדנ — באהעפטנ אוקראאינע צו דער נייער קולטור.

## דרײַ יאָר

**דיטרענ, וואָס גײענ גאָסנ מיט קאַטרוסיענ** — אַנ אָנצוהערעניש אַפ דער פאַרפירטער קאַטערינאַ, די העלדינ פונ שעווטשענקאָס פּאָעמע „קאַטערינאַ", וואָס האָט געוואַנדערט איבער מאָסקווער וועגנ, זוכנדיק דעם פּאָרעצ דעם פאַרפירער, דעם פּאָטער פונ איר זונ.

**אַ טאָרבע הוילע לאַטעס** — אַ געלאַטעטע טאָרבע.

**אַ יעשוע** — אַ הילפּ. שעווטשענקאָ איראָניזירט פונ די צאַרישע באַפעלנ, וואָס האָבנ געטראָגנ נײַע אומגליקנ דעם האָרעפּאַשנעמ פאָלק.

**די קאַפּצעדרײַלעס** — די אָרעמע.

## רוסאַלקע

**טויוולענ** — באָדנ, אונטערטוקנ (צוליב רעליגיעזע צוועקנ).

**אימ** — געמיינט: דעם פּאַנ דעם פאַרפירער.

## לידער מײַנע, דומעס מײַנע

**מיט די אָרעמע קירגיזנ** — שעווטשענקאָ האָט הייס מיטגעפילט די קירגיזנ, וועלכע דער צאַריזמ האָט, פּונקט ווי אַנדערע פעלקערשאַפטנ, שרעקלעכ אונטערדריקט.

## אַז מיר זײַנענ נאָכ געווענ קאָזאַקנ

Te deum — (לאַטייניש) — דיכ, גאָט, טוענ מיר לויבנ (דער אָנהייב פונ אַ קאַטוילישער טפילע).

**האַלעלויאָ** — (פונ אַ טפילע, העברייִש) — לויבט גאָט!

## אַ. אָ. קאָזאַטשקאָווסקינ

**קאָזאַטשקאָווסקי אַנדריי אָסיפּאָוויטש** — אַ דאָקטער אינ פּערעיאַסלעוו, ט. ג. שעווטשענקאָס אַ באַקאַנטער.

**סקאָוואָראָדאַ גריגאָרי סאַוויטש** (1794 — 1722) — אַנ אָנגעזעענער אוקראַיִנישער פילאָסאָפ אונ דיכטער, זײַנע לידער אונ פאַבלענ זײַנענ געווענ זייער פאַרשפּרייט צווישנ פאָלק.

„**די דרײַ קײסאָרימ מיט געשאַנק**" — ווערטער פונ אַ קאָליאַדע־ליד.

**אינ פלאָג פונ דר'ערד זיכ שווער געהויבנ** — געוואַקסנ אינ ליידנ.

**לענגויס אוראַלער ברעגנ** — באַ די ברעגנ פונעמ טײַכ אוראַל איז געשטאַנענ די אָרסקער פעסטונג, אינ וועלכער שעווטשענקאָ איז געווענ פאַרשיקט אינ די יאָרנ 1848 — 1847.

**אַפנ גרויענ אָווער** — וועגנ דער אַלטער פאַרגאַנגענהײַט.

## וואַרנאַק

**וואַרנאַק** — אַנ אַנטלאָפענער געשטעמפּלטער קאַטאָרזשניק.

**יעלעק** — אַ קליינ טײַכל, אַ בײַטײַכל פונעמ טײַכ אוראַל.

**איקווע** — אַ טײַכל אַפ וואָלינ.

**אַ פּיסאַר** — אַ שרײַבערל.

**גרינער זונטיק** — אַ קריסטלעכער יאָנטעוו.

**בראָווארער וואַלד** — דער וואַלד באַ בראָוואַרי (אַ שטעטל לעמ קיִעוו).

## קייסאָרימ

**אַפּאָלאָ** — לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע — דער גאָט פונ קונסט. זײַנ שוועסטער איז די מוזע פונ דיכטונג, איינע פונ די נײַנ מוזעס — אַפּאָלאָס שוועסטער.

פּאַרנאַס — א בארג אינ גריכנלאנד, ווו, לויט דער מיטאָלאָגיע, האָט געלעבט אפּאָלאָ מיט די מוזעס.

אָדע — א לויב־געזאנג.

אָט די פּאַניטשעס, די מוזשיקעס אונ די זוינעס — שעווטשענקאָ רעדט דאָ איראָניש וועגנ דעמ, אז ער וואָלט צוליב די קייסאָרימ זיך עפּשער אָפּגעזאָגט צו שרײַבנ וועגנ די פּאַניטשעס, וואָס שענדנ אונ פארפירנ פויערישע מיידלעך, אונ וועגנ די פויערימ, וועלכע די פּאַניטשעס רופנ מיט פאראכטונג „מוזשיקעס"; דאָס וואָרט „זוינעס" (אויסגעלאסענע פרויענ) קומט אינ דער איבער־זעצונג צוליב אויסדריקנ די פאראכטלעכע באציִונג פונ די פּאַניטשעס צו די פרויענ, וואָס האָבנ געליטנ פונ זייער אויסגעלאסנקײַט.

מישקנ — א געצעלט, ווו, לויט דער ביבל, פלעגנ אָפּגעהיט ווערנ די רעליגיע־הייליקײַטנ.

פּעסט — מאגייפע, עפּידעמיע.

כאיִל — מיליטער.

נאָסנ — לויט דער ביבל, א נאָווי פונ דעמ קייסער דאָווידס צײַטנ; נאָסנ האָט געשטראָפט דאָווידנ פאר זײַנ טאט; אונ דאָוויד האָט, קלוימערשט, כאראָטע געהאט אונ, אלס צייכנ דערפונ, צונויפגע־שטעלט א קאפּיטל טילימ.

ראָגוואָלאָד — א פּאָלאָצקער פירשט פונעמ X יאָרהונדערט.

ראָגנידע — ראָגוואָלאָדס טאָכטער.

לאדאָ — לויט דער אלט־סלאווישער מיטאָלאָגיע, די געטנ פונ פרילינג אונ פונ ליבע; לעל — איר זונ.

וואלקיריעס — די געטנס פונ קריג בא די אלטע גערמאנער.

שטיר — אָקס.

טאליאָנימ — הענקערס, קאטעס.

## פּ. ס.

פּ. ס. — פּ. סקאָראָפּאדסקי — אנ אייגנטימער פונ א גרויסנ גוט אינ טשערניגאָוושטשינע.

א זינדל פונ א נישט א העטמאנ — איוואנ סקאָראָפּאדסקי, וועלכער איז געווענ העטמאנ אינ די יאָרנ 1708 — 1722.

דאָס גאָטישע הויז — א הויז אינעמ גאָטישנ סטיל, אינעמ ארכיטעקטור־סטיל פונ דער מיטל־עלטערלעכער אייראָפּע (צו די אייגנשאפטנ פונעמ דאָזיקנ סטיל געהערנ: שפּיציקע טורעמס, דעכער אונ פענצטער). דעמ דאָזיקנ סטיל פלעג מענ אָפּט קאָפּירנ אינ XIX יאָרהונדערט.

## מײַנ ליבער גאָט, ס'איז ווידער ביטער,

אונ ווידער רינט דאָס פויערישע בלוט — דאָ גייט, מעגלעך, די רייד וועגנ אָנהייב פונ דער קרימער מילכאָמע צווישנ רוסלאנד, פונ איינ זײַט, אונ צווישנ טערקײַ, ענגלאנד, פראנקרײַך — פונ דער צווייטער זײַט (1856 — 1858).

## דער דולער

פעלדפעבעל־צאר — דער קייסער ניקאָלײַ דער ערשטער. אָנרופנדיק ניקאָלײַענ מיטנ דאָזיקנ נאָמענ, האָט שעווטשענקאָ געוואָלט אונטערשטרײַכנ, אז די ברוטאלע סאָלדאטשינע איז געווענ איינער פונ די הויפּט־שטריכנ פונ דער ניקאָלײַישער אָרדענונג.

קאפּראל גאווריִלאָוויטש בעזרוקי — דמיטרי גאווריִלאָוויטש ביביקאָוו (איינ האנט איז אימ טאקע ווירקלעך אָפּגעגאנגענ). אינ די יאָרנ 1837 — 1848 האָט ער פארנומענ דעמ פּאָסטנ פונ קיִעווער אונ פּאָדאָליער גענעראל־גובערנאטאָר.

ד אָ ל ג אָ ר ו ק י — דער פירשט ניקאָלײַ אַנדרײעוויטש דאָלגאָרוקאָוו — דער כאַרקאָווער, פּאָלטאַווער און טשערניגאָווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אין די יאָרן 1840 — 1847.

ס א ט ר א פ ן — פולמעכטיקע פארטרעטער פונעם שאַך אין די פּראָווינצן פון דער אַלטער פערסיע. שעווטשענקאָ מיינט דאָ די העכערע צאַרישע באַאַמטע.

א ו נ ד י ר ל ע כ — אַזוי רופט שעווטשענקאָ מיט שפּאָט די צאַרישע באַאַמטע, אָנווענדנדיק צו זיי אין אַ באַוווּסטזיניק געענדערטער פאָרם דאָס וואָרט אונטער־אָפיצער (אַ נידעריקער מיליטערישער ראַנג).

מ י ט ז ײַ ן י ע פ ר י י ט אָ ר ל — דער באַאַמטער פּיסאַרעוו, דער אָנפירער פון ביביקאָווס קאַנ־צעלאַריע.

מ אָ ס ר י ם — מענטשן, וואָס דערלאַנגען מעסירעס, דאָנאָסן.

פ א ר י ס ײ ע ן — (פונעם העברעיִשן וואָרט „פּרושים") — דאָ באַטײַט עס פאַלשע מענטשן.

וו א ש י נ ג ט אָ ן — האָט געקעמפט פאַר דער באַפרײַונג פון צאָפן־אַמעריקע פון אונטער ענגלאַנדס הערשאַפט אין דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט. דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאַ־רייניקטע שטאַטן פון צאָפן־אַמעריקע.

פּ אָ ל י א נ ע ס, ד ו ל י ע ב ע ס, ד ר ע ו ו ל י א נ ע ס — אַמאָליקע סלאַוויאַנישע שווּאָטים, וואָס האָבן געלעבט אויף דער טעריטאָריע פון דער איצטיקער אוקראַיִנע.

ס א ר ד א נ א פ א ל — אַ קייסער פון אַשור, וואָס האָט געפירט אַן אויסגעלאַסן לעבן. דאָ — אַן אָנצוהערעניש אויף גיקאָלײַ דעם ערשטן.

א פ ד ע ם מ י ס ט ־ פ ל א צ א פ מ י ק אָ ל ע ס — געמיינט די שטאָט פּעטערבורג פון ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן.

ב ײַ ק א ל — אַן אָזערע אין סיביר.

ס ו י ב אָ פ א ס ן — דאָ געמיינט די עקספּלואַטירטע לײַבייגענע.

## איך בין ניט שלאָף הײַנט, אָן אײַנהאָרע

ב י ז א נ צ — דער אַמאָליקער נאָמען פון דער שטאָט סטאַמבול. דאָ געמיינט די אָרדענונגען פון ביזאַנץ: דעספּאָטיזם, ביוראָקראַטיזם, רעליגיע — דאָס אַלץ, וואָס פאַרהאַלט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג.

## מאַרקאָ וואָווטשאָקן

מ א ר ק אָ וו אָ ו ט ש אָ ק (1834 — 1907) — באַוווּסטע אוקראַיִנישע שרײַבערין, וואָס האָט גע־שילדערט אין אירע דערציילונגען די שווערע לאַגע פון די לײַבייגענע אונטערן יאָך פון די פּריצים.

צ ו ם אָ נ ד ע נ ק פ ו ן 24 י א נ ו א ר 1859 — דער טאָג, ווען שעווטשענקאָ האָט זיך באַ־קאַנט מיט מאַרקאָ וואָווטשאָק.

## יעשײַע, קאַפּ. XXXV

נ אָ כ א מ ו נ ג — נאָכמאַכונג; אין דער פאָרם פון ביבלישע נעוויִעס רעדט דאָ שעווטשענקאָ וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע נאָכן פאַרניכטן די אונטערדריקער.

ד ע ר י א ר ד ן — אַ טײַך אין פּאַלעסטינע.

ל ע וו אָ נ ע ן, ק אַ ר מ ע ל — בערג אין פּאַלעסטינע.

ג אָ ט ז ײַ נ ע וו ו נ ד ע ר — גאָטס ווונדער.

ש פ ר ײַ ז ט — שפּאַנט.

ד ו ל ד ן — לײַדן.

ל אָ מ ע — קרומע.

## אַמאָל מיטן נאַרישן קאָפּ אַזוי

פּ י ל א ט ן — פּילאַט איז געווען אַ רוימישער הערשער פון יעהודע, וואָס, לויט דער לעגענדע, זאָל ער האָבן איבערגעגעבן קריסטוסן צום קרייצן. דאָ ווערן פּילאַטן אָנגערופן די צאַרישע זשאַנדאַרמען און גאַלאָכים.

## מאריַא

מ ײַ נ  ל י כ ט י ק ע ר  ג א נ י י ד נ — אזוי װענדעט זיך שעװטשענקאָ צו מאריַען, װאָס איז געהײליקט דורכן קלױסטער אלס גאָטסמוטער, אונ שילדערט זי אלס א האָרעפּאַשנע פרוי, װאָס האָט פארשװאַנגערט, װי א געװײנלעכע פרוי, א פּאַרפירטע, א באאוּלטע.

ב ל ו י ז  ר י י נ ק ײַ ט,  ג ו ט ס ק ײַ ט  ד י ך  ה ע פ ט נ — דו ביסט פול מיט אײדלקײַט, מיט גוטסקײַט.

ה א ל ע ל,  ט י ל י מ — לויב־טפילעס.

ב ו ר נ ו ס — אַן אײבערשט קלײד בא די מיזרעך־פעלקער.

ט י ו ע ר ִ א ד ע — דאָ אינעם באַטײַט: טיװערער אָזערע (פּאַלעסטינע).

כ י ט אָ נ — אַן אונטערקלײד בא די אלטע גריכן און ייִדן.

ט א װ אָ ר — (העברײיִש — טאָװיר), א בארג אין גאַליל.

ק ד ו ש י נ — רעליגיִעזער ריטואַל באַם שטעלן א כופּע.

מ אָ ש ִ י ע ך — לעגענדאַרער רעטער און אויסלײזער, װאָס אַף זײַן קומען האָט מען אַרויסגעקוקט אין יעהודע.

נ א ז א ר ע ט — א שטעטל אין גאַליל, װוּ קריסטוס איז דאָס ערשטע מאָל, לויט דער לעגענדע, אַרויסגעטראָטן צו פּריידיקן זײַן לערע.

צ ִ י ע נ — דער בארג, אַף װעלכן ס'איז געשטאַנען דער יערושאָלאַיִמער טעמפּל.

ר ע װ י ז י ע — דאָ געמײנט א צײלונג פון דער באַפעלקערונג צוליב באַשטײַערונג.

א י ס י ִ מ — א דעמאָקראַטישע סעקטע אין דער אוראַלטער יעהודע.

ה ו י ש א נ אָ — (העברײיִש) — העלף, מיר בעטן!

ב י ס ל ע כ ע מ — א שטאָט אין פּאַלעסטינע, װוּ ס'איז, לויט דער עװאַנגעלישער לעגענדע, געבוירן געװאָרן קריסטוס.

ל ע ג ִ י אָ נ — א מיליטערישער אָטריאַד אין רוים.

ה ו ר ד ו ס — א קײסער אין יעהודע, זײער אַן אכזאָריִעסדיקער. דאָ איז דאָס דאָזיקע װאָרט גע־נוצט אינעם באַטײַט: שלעכטער, ראָשע.

ה י ר ט נ — פּאַסטעכער.

מ ע מ פ י ס — א גרויסע שטאָט אין דאָרעם־עגיפּעט.

ק אָ פּ ט — די קאָפּטן — א פעלקערשאַפט, שטאַמט פון די אַמאָליקע עגיפּטער.

ס פ י נ ק ס נ — גרויסע שטײנערנע סטאַטועס אין עגיפּעט.

פּ י ר א מ י ד ע ס — קאָלאָסאַלע שטײנערנע געבײַען, אין װעלכע מע פלעג אינעם אַמאָליקן עגי־פּעט באַהאַלטן די קײסאָרים־פאַראָאָנען.

פּ ר ו ש י ם — א סעקטע אין יעהודע אין דער ערשטער העלפט צװײטן יאָרהונדערט ביז און־דזער ערע; האָבן אויסגעדריקט די אינטערעסן פון די רײַכע.

ג אָ ל ג אָ פ ע — דער בארג, װוּ, לויט דער לעגענדע, איז געקרײצט געװאָרן מאַריַעס זון, קריסטוס.

א י ל אָ נ י מ — א בארג לעבן יערושאָלאַיִם.

ד ע ר  ג אָ ל ד ע נ ע ר  פ ל ע ב י י — געמײנט די רײַכע שטאָט יערושאָלאַיִם, װאָס אירע הערשנ־דיקע שיכטן האָבן טרײַ געדינט צו דער רוימישער אימפּעריע.

אָ ר נ — טרונע.

## הױשײע, קאַפּ. XIV

ק ײ נ ס י מ ע נ  װ ע ט  נ י ט  ב ל ײַ ב נ  א ף  ד ע ר  ע ר ד — אָנװענדנדיק די פאָרם פון ביבלישן נעװיִעס־זאָגן, רופט שעװטשענקאָ די לײַבאײגענע פּויערים צום קאַמף קעגן די פּריצים.

ב אָ ג ד א נ — באָגדאַן כמעלניצקי.

פּיאָטער — פּיאָטער דער ערשטער.
מאכט כאָרעוו — רויִנירט.
די טראכט — מוטער־לײַב.
זײַן באפעדערטע — באדעקטע מיט פעדערן, דאָס הייסט, שוין עלטערע.
בײַז־פארזייטע — די זינדיק פארזייטע אין מוטער־לײַב, אנדערש גערעדט — יונגע נאָכ.
לאָקערן — טשאטעווען, אויסשפּירן.

## טפילע

טפילע — א געבעט; אין דער פאָרם פון טפילעס דריקט דאָ אויס דער דיכטער א רעוואָליר־ציאָנערן אינהאלט.

מיט רענדלעך, מיט טאָלערס — אמאָליקע גאָלד־ און זילבער־מאטבייעס.

## שײַן די קלאָרע, שײַן די שטילע

שײַן די קלאָרע — ארויסטרעטנדיק אין דער דאָזיקער ליד שארף קעגן רעליגיע, ווענדעט שעווטשענקאָ אָן די אָנגענומענע רעליגיעזע ווענדונג צו קריסטוסן.
אין דײַן וואָרעמער שטוב — אין די קלויסטערס.
באטריגן זיי — נארן זיי אָפּ, פירן זיי אונטער.
קאדילעס — געפעס, אין וועלכן מע רויכערט ווײַרעך אין קלויסטער.
קראָפּילעס — בעזעמלעך, מיט וועלכע מע שפּריצט „הייליק וואסער״.

## אי ארכימעד, אי גאלילײ

ארכימעד — א גרויסער געלערנטער, א מאטעמאטיקער פון אלטן גריכנלאנד (III—VI יאָרהונ־דערט ביז אונדזער ערע).
גאלילײ — א גרויסער איטאליענישער געלערנטער (1643 — 1564).

## שאָול

שאָול — דער ערשטער קייסער פון ייִסראָעל (אין XI יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע).
פּארומווירדיקט — געשענדעט.
מיזבייכעס — אײַנריכטונגען צוליב ברענגען קאָרבאָנעס די געטער.
באָולס — באָול איז געווען די הויפּטשטאָט פון דער אלטערטימלעכער מעלוכע באָול. דאָ געמיינט: שטעט פון אומרעכט און אויסגעלאסנקײַט.
שמועל — לויט דער ביבלישער לעגענדע, א נאָווי.
אאול — א דאָרף.
פּורפּור — טײַערע קייזערלעכע קליידונג, וואָס מע פלעג אָנטון בא פײַערלעכע אָנגעלעגנהײַטן (קרוינונג און אדג.).
ראבויסנײַ — מײַנע הערן; מאשמאָעס — אלזאָ.
בינימינס אײניקלעך — לויט דער ביבל, איז בינימין געווען דער ייִנגסטער זון פון יאַקאָוון. ביניאָמינס נאָכקומער זײַנען געווען זייער קריגס־לוסטיק. פונעם זעלבן שטאם קומט ארויס דער ערשטער קייסער פון ייִסראָעל, שאָול.

## כאָטש א ליגנדיקן שלאָגט מען ניט

די צויג — א הונט א זי; געמיינט די אימפּעראטאָרן אלעקסאנדרא פיאָדאָראָוונא, די פרוי פון ניקאָלײַ דעם ערשטן. די דאָזיקע ליד האָט שעווטשענקאָ אָנגעשריבן אין טאָג פון איר טויט.
די היבט, וואָס האָבן זי געזויגן — פירשטן, פירשטנס אדג.
טאליען — הענקער.

## אָ, מענטשנ, נעבעכדיקע מענטשנ

מײדלעכ נאסע־דארע — דאָ געמײנט קינדער פונ די הײַזער פאר אונטערגעװאָרפענע קינדער.

זײער „מוטער" — געמײנט די אימפעראטאָרנ אלעקסאנדרא פיאָדאָראָװנא, װאָס האָט זיכ גערעכנט פאר דער אָנפירערנ פונ די הײַזער פאר אונטערגעװאָרפענע קינדער.

## איכ גײ זיכ שטיל באנאכט

לעמ דער אפּאָסטאָלישער פּעסטונג — דער דיכטער מײנט דעמ קלױסטער פונ די אפּאָסטאָלנ פּיאָטער אונ פּאװעל. דער קלױסטער איז געשטאנענ לעמ דער פּעטראָפּאװלאָװער פעסטונג.

## געװענ מילכאָמעס, בײזע קריגערײַענ

גאלאגאנעס — אנ אלטע פאמיליע פונ אוקראַיִנישע פריצימ. גאלאגאנ ג. פּ. (1819 — 1888) — א באװוסטער נאציָאנאליסטישער טוער.

קיסילעס — אנ אלטע אדעליקע פאמיליע. באװוסט נאָכ אינעמ XV יאָרהונדערט. אײנער פונ די קיסילעס — אדאמ — איז אינ דער מילכאָמע פונ 1648—1654 געװענ א פארמיטלער צװישנ דעמ שליאכ־טישנ פּױלנ אונ באָגדאנ כמעלניצקי בײס זײַנע אונטערהאנדלונגענ מיט דער פּױלישער מאכט.

קאָטשובײ — קאָטשובײ װ. ל. (1640 — 1708), אנ אָנגעזעענער טוער פונ דער אוקראַיִנישער קאָזאקישער סטארשינע. ער האָט געגעבנ צו װיסנ פּיאָטער דעמ I װעגנ מאזעפּעס פארעטערישע פּלענער, אונ מאזעפּע האָט אימ דערפאר געקעפּט (1708 י.), װערט געשילדערט אינ פּושקינס פּאָעמע „פּאָלטאװע".

דאָס, װאָס שעװטשענקאָ נוצט די פאמיליעס גאלאגאנ, קיסיל, קאָטשובײ־נאָהײַ אינ טערצאָל, װײַזט, אז ער טרעט ארױס קעגנ דעמ פּריצנטומ אינגאנצנ גענומענ („געװענ דאָס גוטס גאָר היפּש!").

נאָהײַ (נאהײַ) — א טאָטערישער כאנ פונ XIII יה.

# פונעמ איבערזעצער.

דער דאָזיקער בוכ שעפט ניט אויס אלצ, וואָס די יידישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט צוגעייגנט פאר דעמ יידישנ לייענער פונ דער גרויסער ירושע פונ דעמ געניאלנ אוקראינישנ דיכטער.

אינ דעמ בוכ גייענ ניט אריינ די איבערזעצונגענ פונ אנדערע יידישע דיכטער, אונ אויכ ניט אלע מיינע איבערזעצונגענ פונ שעווטשענקאָס ווערק.

אראנק דער סטאלינישער פריינטשאפט פונ פעלקער נעמט די יידישע ליטערזטור אינ זיכ אריינ די בעסטע שאפונגענ פונ די ברידערלעכע ליטעראטורנ.

דער צושטייער, וואָס דער יידישער לייענער באקומט צומ שעווטשענקאָ־יובילײ, וועט, האָפנ מיר, גיכ פארגאנצט ווערנ דורכ א פולער יידישער אויסגאבע פונ „קאָבזאר“.

אופריכטיקע אכטונג, פולע אופמערקזאמקייט — דאָס איז דער בעסטער וועג צו פריינטשאפט.

איכ דריק אויס מיינ דאנק פאר כאווערישער הילפ באמ צוגרייטנ די דאָזיקע אויסגאבע דעמ וויסנשאפטלעכנ טוער פונ קאבינעט פאר יידישער ליטעראטור, שפראכ אונ פאָלקלאָר בא דער אקאדעמיע פונ אוססר, דעמ כאווער מ. מײדאנסקי.

איכ דריק אויס מיינ דאנק דעמ קאָלעקטיוו פונ אוקרנאצמינדפארלאג, וואָס האָט צוגעלייגט פיל מי, דער בוכ זאָל דערשיינענ צומ יובילײ אינ זיינ פרעכטיקנ אויסזענ.

ד. האָפשטיינ.